STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08334

KOPLOVITS

Zebullon Levin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַפּלאַוויץ

און אַנדערע ערצעהלונגען

פון

ז. לעווין

(1912-1919)

פערלאַג „ליטעראַטור“, מ. מ. הערשענזאָהן, אַרויסגעבער.

ניו-יאָרק, 1919.

Copyright, 1919,
by
Literature Publishing Co.

אינהאַלט־פערצייכניס:

	זייט
קאַפּלאַוויץ	5
דער געוועזענער איידעם	55
יענע פורים'דיגע נאַכט	67
דער קעניג פון די פלאַמבערס	82
ס'איז שטיל געוואָרען	89
דער קאַלעקטאָר	97
דעם סטענדקיפּער'ס טעכטער	101
די „גרענדמאַם"	105
„האַנאָראר"	111
די ביינער	132
דוד זאַק	137
אַ פרעהליכער מעת־לעת	146
מיט יאָהרען שפּעטער	152
„דזשאַנק"	155
אַרויסגעראַטעוועט	165
לאַנדסלייט	170
אין מאַקט	175
דער הומאָריסט	178
דער אַנגעכמורעטער אַלטינקער	183
די מאַכט פון נאַרישקייט	187
„פּלאַכנע"	192
וואָכעדיג איז דאָס לעבען	204
דער אַלטער בוטשער	208
די במאַרע אויפ'ן בלאָק	211
דער דזשעניטאָר	215
„מאַמע"	223
אַ וועלט מיט שווינדלער	232
דקדוק	239
קיין עין הרע!	247
טענעמענט	251
מיין פריינד	254

קאַפּלאָוויץ

1

קאַפּלאָוויץ איז געווען אַ היימישער שמיעד. האַלב נאָך זיעבו
אין דער פריה איז ער שוין געווען ביי דער אַרבייט, ביי וועלכע ע
האָט פערבראַכט צעהן שטונדען. די פערדיענסטען זיינע האָבע
דערגרייכט ביז זעכצעהן דאָלאַר אַ וואָך.

קאַפּלאָוויץ איז געווען אַ בחור פון אַריבער פערציג. ער איז
געווען קאַרג, שטייף צוגעהאַלטען די פּעני. די „פּאַאַר טאָלער"
האָט ער געהאַלטען אין די בענק, און די קליינגעלד וואָס ער האָט
אַרומגעטראָגען מיט זיך אויף דער הוצאה, האָט ער געהאַלטען אין
אַ פּאָרטמאָנע מיט אַ שלעסעל. אז ער פלעגט דאַרפען אַרויס-
נעהמען עפּעס געלד, פלעגט ער לאַנגזאַם עפענען די פּאָרטמאָנע,
אַרויסנעהמען מיט די שפּיץ פינגער אַ מטבע און דאָס אויפהויבען
צו די קורצזיכטיגע קרומע אויגען, בעקוקען, איבערדרעהען די
מטבע אויף דער אַנדערער זייט און ווידער בעקוקען. איז דאָס
ניט געווען די ריכטיגע מטבע, וואָס ער האָט געדאַרפט, פלעגט ער
דאָס אַריינלעגען צוריק אין פּאָרטמאָנע און אַרויסנעהמען אַן אַנ-
דערע, און ווידער צוטראָגען צו די אויגען און ווידער בעקוקען
פון אַלע זייטען.

„ווער'ט מיר געבען, אז איכ'ל ניט האָבען!" איז געווען זיין
אַרגומענט, אז אימיצער פלעגט איהם אמאָל אויפוואַרפען זיין
קאַרגקייט. ער האָט געוואוסט, אז קיינער וועט איהם ניט געבען
ווען ער וועט ניט האָבען; און קיינער האָט איהם טאַקע ניט גע-
געבען, בשעת ער איז אמאָל אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען אָה
אַרבייט און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען און וואו צו שלאָ-

פען. ווער גיט? קיינער גיט ניט! אַלע ווילען נאָר רייסען פון דיר, וואָס זיי קענען. איז די גלייכסטע זאַך: האָב מיט קיי־נעם ניט צו טהאָן.

קאַפּלאָוויץ איז אויך געווען קאַרג אויף רייד, גערעדט אָבגע־האַקט, ניט דערענדיגט און ניט געקוקט אין די אויגען אריין בשעת'ן ריידען. ער פלעגט קוקען אויף דער ערד אָדער ערגעץ אין אַ זייט.

ער האָט אויסגערעכענט און געוואוסט אויפ'ן האָר — אַזוי האָט ער געמיינט — וויפיעל זיין „מיסעס" אָדער דער רעסטאָראַן פערדיענט אַן זיין יעדען מאָהלצייט. ער האָט אויסגערעכענט, וואָס עס בעטרעפט די פליישׁ, וואָס ער עסט אויף, די ברויט, די זופּ, די גלאָז טהעע, די פּאָר שטיקלעך צוקער, און ער האָט זיך אויך גע־מאַטערט צו דערגעהן, וואָס עס קען כאַפּען דורך דער וואַך אויף זיין חלק די גאַז, אויף וואָס דער סאַפּער קאָכט זיך. יאָהרען נאָכ־אַנאַנד האָט ער אַלץ געזוכט צו דערגרונטעווען, וואו עס לוינט זיך פאַר איהם בעסער צו עסען דעם סאַפּער: ביי אַ „מיסעס" אָדער אין רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן האָט די מעלה, וואָס דאָרט איז ער דער יחסן. ער קען זיך אָרדערען וואָס ער וויל: רינדסבראַ־טען", „קאַלבסבראַטען", „געדעמפּפטע ברוסט", „נודעל", „ערבסען", „באַלע", „פאַרפעל", און ער קען זיך הייסען געבען פליישׁ מאַגערע אָדער פעטע, געדיכטע זופּ אָדער „דינע". ביי אַ מיסעס איז ניטאָ אַט די דאָזיגע וויגאָדעס. וואָס זי שטעלט אַרויף אויפ'ן טיש, מוז מען עסען. דערפאַר אָבער געהט דער קלאַנג, אַז די עסענס אין רעסטאָראַן זיינען ניט פריש; זיי קויפען אויף אַלטע פליישען פון עק וועלט און גיבען דאָס זייערע קאַסטאָמערס, ווייל זיי ווילען מעהר פערדיענען. דאָס איז געוויס אמת אויך, וואָרים אַז עס קומט איהם אַמאָל אויס דורכצוגעהן דורכ'ן קיטשען, פיהלט ער אַזוי ווי צום חלש'ען פון דעם שלעכטען גערוך דאָרטען. אויף אַ מיסעס קען ער זיך שוין אביסעל פערלאָזען. זי גיט דאָך דיזעלביגע עסענס אויך איהר אייגענעם מאַן און די קינדער, און זי מאַכט דאָך קיין לעבען ניט פון זיין סאַפּער. און עס איז ווידער פאַראַן

נאָך אַ זאַך, מיט וואָס אַ מיסעס איז בעסער פון רעסטאָראַן — דאָס איז דער פרייטאָג־צו־נאַכטיגער סאַפּער מיט די עקסטראַ מאכלים. אַז מען עסט די סאַפּערס פון וואָך, גערט עס אַוועק פאַר דעם זעלביגען פּרייז; עסט מען פון „סאַפּער", כאַפּען אַנדערע אַרויף אַ ניקעל עקסטראַ — איז אויך ניט קיין גרויסע געפאַהר. ווער רעדט נאָך אַז די מיסעס איז אַ בריה אויף קאָכען פיש! פיש איז קאַפּלאָוויץ'ס בעסטער מאכל אין דער וועלט. ער וואָלט שוין אויף דעם ניט געקאַרגט נאָך אַ פּאָר סענט, אַבי די פיש זאָל זיין גוט, ווי פיש דאַרף געקאָכט ווערען, מיט די אַלע פּאַטראָוועס, ס'זאָל זיך פון דעם טראָגען דער אמת־מחיה'דיגער ריח פון געקאָכטע פיש; די יוך זאָל זיך קלעפּען אַז די פינגער, ווי קליי, און עסען זאָל ער דאָס גלייך פון פייער, קאָכעדיג, ס'זאָל בריהען אין מויל — מעג דאָס איהם קאָסטען נאָך אַ ניקעל. וואו נעהמט מען דאָס אָבער? ער האָט שוין אַ סך מאָל געטרייעט אין די אונגארישע רעסטאָראַנס, אין די מקומות אַרום האוסטאָן סטריט; די אונגאַרען האָבען אַ נאָמען, אַז זיי קאָכען גוט פיש. איז אין די אַרימע „רעסטאָראַנטלעך" טויג די פיש ניט: אי צו זיס, אי צו „שאַרף", און פריש מסתמא אויך ניט; אין די בעסערע רעסטאָראַנס איז שוין די פיש געשמאַקער — רייסען זיי צופיעל די הויט.

יאָהרען און יאָהרען האָט קאַפּלאָוויץ געביטען די „מיסעס" אויפ'ן רעסטאָראַן און דעם רעסטאָראַן אויף דער „מיסעס".

וועגען חתונה האָבען האָט ער ניט צוגעלאָזען צו זיך דעם געדאַנק אַפילו. „אַרויפנעהמען אויף זיך אַ הויז", מיט רומס, אַלע חודש אַוועקלעגען דעם באַרג געלד פאַר רענט, מיט נאָך הוצאות, און פריהער פון אַלץ „ריהרען" די פּאָר טאָלער פון באַנק. די געלד אין באַנק — וועגען דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידען אַפילו — מוז ליגען אין באַנק. אַרויסנעהמען פון דאָרטען געלד? ווי אַזוי? צו וואָס?

נאָך סאַפּער געהט ער אַריין אין אידישען סאַלון אויפ'ן קאָר־נער און זעצט זיך אַוועק צוקוקען, ווי מען שפּיעלט אין פּינאָקעל. זיינען אַמאָל ניטאָ קיין פּינאָקעל־שפּיעלער, זוכט ער אויס אַ אידי־

שען פייפער, מעג דאס זיין א נעכטיגער אדער א פאר־אכטאגיגער, און קוקט אריין. טרינקען א גלאז ביער מוז איהם דעך באס דער־מאהנען, און אין א הארבליכען טאן:

— העי, דארטען, דער, קאפלאוויץ, וואס'עט ער זיך דארט פער־קוקט אין ווינקעל! וואס הערט זיך מיט עפעס ספענדען?

— כ'האב שוין, דאכט זיך, עפעס געטרונקען.

— ניין, כ'בין שור, אז ניט.

— טו וואס איז?

— וואס מיינט איהר? רעגט צאהל איך, ס'ברענט געז. גלאט אזוי זיצען אין א פליים! מיר קאסט גארניט?

— אלל־רייט, שפעטער.

— וואס טויג מיר שפעטער? דערנאך ווערט איהר פערפאלען.

— גיט א ביער.

און מיט די גלאז ביער אין האנד געהט ער צו צום „לאנטש" און מאכט א רושם אין אלע טעלערם.

זונטאג פאהרט ער אריבער צו א קוזינע אין דזשורזי סיטי. קומט ער דארטען פאר דינער און פערבלייבט ביז נאך סאפער — שלאגט ער זיך שוין ארוים די עקספענסעס פון פאהרען, נעהמט ארוים פאר די קענדי, וואס ער ברענגט פאר די קינדער, און ס'בלייבט איהם נאך איבער א קלייניגקייט ריינער פראפיט.

2

דער „הויז־קיפער" פונ'ם הויז, וואו קאפלאוויץ האט געוואוינט, מיסטער פעלצמאן, האט גערעדט אין איין שעה מעהר, ווי קאפלא־וויץ אין א גאנצען חודש. ער איז ניט געווען קיין גרויסער חכם, און ער האט ניט שטארק מדקדק געווען, וואס ער רעדט; ער האט אבער גערעדט „סקלאדנע", זיין צונג פלעגט זיך יעלטען פערטשע־פען. אין דער אלטער היים פלעגט די ווייב זיינע זאגען, אז ער וואלט געקאנט זיין דער בעסטער מגיד; דא אין אמעריקא איז זי געגאנגען נאך ווייטער און געזאגט, אז מ'וואלט איהם געלאזען, וואלט ער געווען דער בעסטער „עקטער". און דער דאזיגער

פעלצמאן האט געווארפען אן אויג אויף קאפלאוויץ'ן און זיך אריינ־ גענומען אין זינען, אז ער מוז איהם חתונה מאכען מיט דער פלי־ מעניצע זיינע, ליזע.

ליזע איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט קאפלאוויץ'ן; א גראבע, א שווארצע, מיט א צוקנייטשטען פנים. אויפגעהאלטען האט זי זיך ביי פעלצמאן'ן אין הויז. דער הויזקיפער האט קיין קינדער ניט געהאט. ליזע'ן איז שוין לאנג מיאוס געווארען דער ארבייטען אין שאפ. קיין נייע קליידעל אדער א נייע פאר שיך האט זי שוין לאנג ניט פערזוכט, און האט שוין גארניט גע־ שטרעבט דאס צו האבען. די „טענערקעס" פון הויז פלעגען איהר אמאל געבען אן אלטע קליידעל אדער א פאר שיך, פאר'ן העלפען אויסוואשען די וועש אדער אנדערע ארבייט. דער הויזקיפער האט געהאט צו טענדען צוויי גרויסע טענעמענט־הייזער, פלעגט נאך אונטערפעדלען מיט שליסלען, און ליזע פלעגט מיטהעלפען די הויז־ קיפערקע געהן ארום די הייזער, וואשען די טרעפ, אנצינדען און אויסלעשען די געז אין די האלס. און צו דיזע ארבייט האט ליזע אויך ניט געהאט קיין גרויס חשק, און מען פלעגט איהר פריהער דארפען ארומזוכען ביי אלע „טענערקעס" און עטליכע מאל רו־ פען איידער זי פלעגט זיך נעהמען עפעס טהאן. ווארים ליזע האט שטארק ליעב געהאט צו ריידען מיט די ווייבער. פאר די דאזיגע ארבייטען פלעגט זי מיטעסען מיט די פעלצמאנס זייערע ארימע מאהלצייטען און שלאפען אויף אן אויפגעשטעלטע בעטעל, וואס איז דעם גאנצען טאג געשטאנען אין האל אונטער די טרעפ.

און ליזע איז געווען צופריעדען מיט איהר לעבען און האט צו קיין בעסערעס ניט געשטרעבט. הונגעריג איז זי ניט געווען, שווער געארבייט האט זי אויך ניט, און זי האט גרויס הנאה גע־ האט פון אבזיצען גאנצע שעה'ן ביי די ווייבער, שטעהן אין גרא־ סערי, אדער אין קענדי־סטארקע אדער ביים סאדא־וואסער סטענד; זי האט גאר בעסערס ניט געזוכט און האט זיך ניט בעקלאגט אויפ'ן לעבען. איהרע קרובים אבער, פעלצמאן און זיין ווייב,

האבען גענומען איינזעהן, אז דאס איז פאר קיינעם קיין פלאן ניט, דאס איז קיין שום תכלית ניט, ניט פאר זיי און ניט פאר איהר. איבערהויפט טויג דאס פאר איהר ניט, און זיי האבען געפיהלט אויף זיך א שטיקעל פעראנטוואָרטליכקייט וועגען איהר. וואס קען זיין דער סוף פון איהר? און זיי האבען זיך אויך געפיהלט אביסעל שולדיג: וואלטען זיי איהר ניט געהאלטען ביי זיך, וואלט זי געמוזט קומען צו א שטיקעל תכלית און זי וואלט מסתמא חתונה געהאט, אזוי ווי אלע. נאר וואס קענען זיי איצט טהאן? ניט האלטען איהר מעהר אין הויז, — ווייסען זיי, אז פון איהר וועט גארניט ווערען. ווער ווייס, וואו זי קען אהינקומען! ארבייטען קען זי ניט און וויל ניט. וואס קען זיין דער תכלית? וואס קען זיין דער סוף? און פעלצמאן מיט זיין ווייב האבען דורכגערע־בענט, אז זיי מוזען זעהן איהר חתונה מאכען.

מיט קאפלאוויץ'ן האט זיך פעלצמאן געקענט פון סאלון, וואו זיי פלעגען זיך אלע אבענד טרעפען און דערנאך געהן צוזאמען אהיים, און קאפלאוויץ פלעגט זיך אלץ פרעגען ביי פעלצמאן'ען, אויב ער ווייס פון א מיסעס, וואס קאכט גוטע עסענס. פעלצמאן האט אויך געוואוסט, וואס פאר א סארט מענש קאפלאוויץ איז, און ער האט זיך פונדעסטוועגן אונטערגענומען אויספיהרען א שידוך ביי קאפלאוויץ'ן מיט ליזע'ן.

— ווי לאנג איז דער שיעור? — זאגט אמאל פעלצמאן צו קאפלאוויץ'ן געהענדיג אהיים פון סאלון — ווי לאנג איז דער שיעור זיך צו וואלגערען אין דער פרעמד און אנשטאפען די גאנצע וועלט מיט געלד? און דערצו נאך זיך אנעסען איך ווייס אליין ניט מיט וואס? ווערט א שטיקעל מענש פאר זיך, עסט ביי זיך אין דערהיים, נעהמט א ווייב, וועט איהר ווייסען, אז איהר לעבט.

— ע, — מאכט קאפלאוויץ — די געלד וואו נעהמט מען?

— איצט גיט מען אייך אומזיסט? האב איך די גוטע יאהר, וואס אייך וועט נאך אויסקומען וועלוועלער.

— ס'רעדט זיך אזוי.

— איהר'ט שוין זעהן.

— פיהרען אַ הויז מיט די אַלע זאַכען, די מיידלעך, וואָס די וועלט איז זיי וועניג.

זיי זיינען דערווייל צוגעקומען צום סטופּ.

— איהר'ט דאָך מאָרגען זיין אין סאַלון — זאָגט פעלצמאַן — וועלען מיר ריידען.

קאַפּלאָוויץ איז ארויף אויפ'ן שטופּ און פעלצמאַן איז אַראָב אין בייסמענט.

3

דעם נעקסטען אָבענד, ווען זיי האָבען זיך געטראָפען אין סאַלון, האָט פעלצמאַן געאָרדערט „צוויי ביערס". זיי האָבען זיך פערזעצט אין אַ ווינקעל, און פעלצמאַן האָט זיך ווידער גענומען צום נעכטיגען געשפּרעך. ער האָט אַלץ געזוכט צו איבערצייגען קאַפּלאָוויץ'ן, אַז מיט דעם געלד וואָס ער צאָהלט איצט אַוועק, און מיט נאָך וועניגער, קען ער זיין אַ בעל־הבית פאַר זיך אַליין, האָבען אַן אייגענע ווייב מיט רומס און עסען די בעסטע זאַכען. נאָר קאַפּלאָוויץ האָט זיך געקרימט און ניט בענומען, ווי אַזוי דאָס קען זיין.

— אָט דאָס איז דאָך די צרה מיט די בחורים, — מאַכט פעלצמאַן — וואָס זיי מיינען, אַז זיי שפּאָרען איין. אָט קען איך אייך בעווייזען, אַז איך וועט גאָר אויסמאַכען אַ סך וועלווע־לער, אַז איהר וועט האָבען אַ הויז פאַר זיך.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?

פעלצמאַן האָט געמאַכט דעם חשבון און קאַפּלאָוויץ האָט זיך גוט איינגעהערט:

— איצט קאָסט אייך זעקס טאָלער אַ מאָנאַט, וואָלגערט איהר זיך אין אַ רומקע ביי יענעם. אַז איהר נעהמט פיער רומס, גאַנץ גוטע פיער רומס, קענט איהר דאָרט קריגען פאַר זעכצעהן טאָלער, שאַ, לאָמיר שוין זאָגען זיעבצעהן. נעהמט איהר און פערדינגט דעם לעצטען בעד־רום פאַר צוויי באָיעס, נעהמט איהר אַרויס אַכט טאָלער. געבען דאַרפט איהר גאַרניט, — קיין טהע, קיין קאַפע, קיין זאַך נים. איצט נעהמט איהר און לאָזט אַריין אין פראָנט־

רום א מיידעל — ווי נעהמט מען דאס ניט ארויס פון א פראנט־רום פיער און א האלב טאלער א מאנאט? אכט מיט פיער א האלב, איז צוועלף א האלב — בלייבט אייך די פיער רומס ווי די פאלאצען פאר — וויפיעל — פאר קיין פולע פינף טאלארעס נים. און אז מ'וויל נאך וואשען פאר זיי וועש, קען אייך כאפען די אלע רומס מיט אלץ מיט אנאנדער פאר גארניט. א סך ווייסען די בחורים, וואס עס טהוט זיך אין א וועלט.

— און מיט עסען? וואס איז מיט עסען? — פרעגט קאפלאַ־וויץ אונגערולדיג.

— מיט עסען איז דאס גלייכער. ווי צאהלט איהר ניט איצט פאר א סאפער באטש צוואנציג סענט, און עסען מוזט איהר ביי א צווייטענס טיש. טו צו וואס דארפט איהר זיין דער נאר און יענער דער קלוגער? דער נאר גיט און דער קלוגער נעהמט. זייט בעסער איהר דער קלוגער און נעהמט איהר די צוואנציג סענטיגע. די צוויי באים, וואס וואוינען ביי אייך אין לעצטען בעד־רום און די מיידעל וואס שלאפט אין פראנט־רום, וועלען אייך צאהלען די צוואנציג סענטיגע, און דאס צוזאמען — דריי מאל צוואנציג — זעכציג סענט א טאג פאר סאפערס. וועל איך שוין זאגען, איהר ווילט עסען ווי א מאנארכע, קען אייך מעהר ווי צוויי פונט פלייש צום סאפער ניט אוועקגעהן, מיר'ן שוין זאגען די בעסטע פלייש, קען עס כאפען, ווען גאר הויך, א קלייניגקייט אריבער דרייסיג סענט; ברויט, פאטייטאס, א הערינג, גרויפען, לאקשען, זאלץ, פעפער, קובעבע, ווייס איך די געריכטען דארטען — נאך פופצעהן — זאל שוין זיין נאך צוואנציג סענט, וואס איהר נעהמט פון די צוויי באים מיט דער מיידעל. עסט איהר און אייער פרוי דעם שעהנסטען און בעסטען סאפער אין דער וועלט און קאסטען קאסט אייך א פענע נים. הייגט אז מען האט נאך דערצו די ריכטיגע באלעבאס־טע, בלייבט נאך איבער אויף א שוך, א קלייד, א מואווינג פיקטשע. האב איך די גוטע יאהר מיט אייך צוזאמען, וואס לייטע האבען זיך אנגעקויפט פראפעטעס. איצט זעהט איהר שוין, ווי מען פייפט אונטער אייערע בחורים!

קאפּלאָוויץ האָט זיך גוט איינגעהערט. קענטיג געווען, אַז איהם איז געפעלען געוועזן פעלצמאַן'ס חשבונות; פונדעסטוועגען האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— פאַר מיר טויג דאָס ניט.

— פאַר די גאַנצע וועלט טויג און פאַר אייך ניט.

— זיך געהן אַנהויבען מיט די מיידלעך, אַריינפאַלען צו זיי אין די הענד, אוועקספּענדען...

— אין דעם, זעהט איהר, האָלט איך שוין אביסעל מיט אייך — ניט פעלצמאַן צו.

— אַז איך אָג ראָס אַלע מאָל — מאַכט קאַפּלאָוויץ און טהוט אַ זופּ און הויבט אויף די גלאָז צו די אויגען, צו זעהן, וויפיעל ס'איז נאָך געבליבען.

— דאָס איז אמת. — רעדט פעלצמאַן — דאַרף מען זיך דעריבער גוט אַרומקוקען איידער וואָס־ווען, מ'דאַרף וויסען, מיט וועמען מ'האָט צו טהאָן.

— אַלץ איינס, אַלע דיזעלביגע.

— טאָקע ניט אַלץ איינס, אַ מענש איז טאָקע אַ מענש.

— ס'איז גאָר ניטאָ.

— ס'איז יע דאָ, נאָר מ'דאַרף וויסען ווי אַרומצוגעהן אַרום דעם. אַנדערע באַיעס גלייכען די יונגינקע מיידעלעך, וואָס פּוצען זיך אוים מיט די שמאַכטעס און דרעהען זיך אויפ'ן קאָרעק, און אַז ס'קומט צו וואָס, איז ניטאָ מיט וועמען צו געהן צום טיש. זיי דאַרפען זיך גאָר פּוצען און אין הויז טויגען זיי אויף כפּרות. אַזאַ מענש ווי איהר, דאַרף ניט קוקען אויף „אַזעטיגע" זאַכען. איהר דאַרפט נעהמען אַ געזעצטע מענשען מיט שכל, איז דאַרטען ניט אַזוי שטאַרק שעהן, מיט די רויטע בעקעלעך, אויבען אַ גלאַנץ, אונטען אַ טאַנץ. איהר דאַרפט האָבען אַ גוטע באַלעבאָסטע אין הויז, וואָס זאָל אַכטונג געבען אויף אייך, איהר זאָלט הנאה האָבען פון עסען און גוט אויסרוהען די ביינער.

פעלצמאַן האָט גערעדט אַזוי האַרציג, אַז ער האָט בשעת'ן ריידען אַליין געמיינט, אַז ער וויל, אַז קאַפּלאָוויץ'ן זאָל זיין גוט.

און די דאָזיגע רייד האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף קאַפּ־לאַוויץ׳ן. ער זאָל „הנאה האָבן פון עסן און גוט אויסרוהען די ביינער" — ווען עס איז דאָס גאָר וועג אַנגעגאַנגען, ווען עס האָט עס גאָר ווען־עס־איז אינטערעסירט, אויב ער האָט הנאה פון עסן און אויב ער רוהט אויס די ביינער? אַלע האָבן נור געזוכט פון איהם הנאה צו האָבן, „רייסען", „סאָקען" פון איהם וואָס מעהר און געבען וואָס ווייניגער און וואָס ערגער. ער האָט געפיהלט, אַז פעלצמאַן איז דאָ אַ נאָהענטער קרוב זיינער, אַן אייגענער מענש — „הנאה האָבן פון עסן און גוט אויסרוהען די ביינער" — דאָס איז דאָך אַזוי ווי אַ מאַמע. קאַפּלאַוויץ האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:

— אַז ס׳וואָלט זיך געמאַכט...

— אויפ׳ן גאַס וואָלגערען זיך ניט אַזעלכע — זאָגט פעלצ־מאַן — פונדעסטוועגען מאַכט זיך אַמאָל. ווייסט איהר וואָס, קומט אַראָב אַ ווײַלע צו מיר אין הויז.

דערווייל איז פון קאַפּלאַוויץ׳ן אויסגעוועפּט געוואָרען דער געפיהל פון רחמנות אויף זיך אַליין און די נאָהענטע מחותנ׳שאַפט צו פעלצמאַן׳ן, וואָס דער לעצטער האָט געשאַפען מיט זיינע ריהר־ענדע דבורים, און איהם האָט גענומען ציהען צו קוקען צום פּי־נאָקעל.

— היינט שוין ניט — זאָגט קאַפּלאַוויץ קוקענדיג אַהין, וואו דער פּינאָקעל געהן אַז — שוין צו שפּעט איצט.

— טו קומט אַריין מאָרגען גלייך נאָך סאַפּער — האָט פעלצ־מאַן געזאָגט, זיך כאַפּענדיג, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין גלייכער.

קאַפּלאַוויץ האָט געלאָזט זיצען פעלצמאַן׳ן אַליין ביים טישעל און איז צוגעגאַנגען צום פּינאָקעל.

4

אויף מאָרגען אָבענד האָט פעלצמאַן אָבגעהיט קאַפּלאַוויץ׳ן ווען ער איז אַרויס פון הויז צו געהן אין סאַלון און ער האָט איהם איינגעלאָדען צו זיך אין ביסמענט.

— קומט אַראָב צו מיר אַ ווײַלע. ס'איז בײַ מיר קיהל, אַ מחיה.

קאַפּלאָוויץ איז מיט איהם אַראָב אין בײַסמענט.

— זיצט! — האָט פּעלצמאַן געזאָגט און אַליין האָט ער גע־נומען דעם „בלעך" און איז אַרויס קויפען ביער.

איך הויז איז געווען בלויז ליזע. זי האָט געביגעלט וועש.

קאַפּלאָוויץ איז געזעסען אונגעדולדיג, דעם קאָפּ אײַנגעגראָבען אין די פּלײַצעס. איהם האָט געצויגען דאָרט אין סאַלון, צום פּינאָקעל.

ליזע האָט געוואוסט, ווער קאַפּלאָוויץ איז. זי קומט אָפט אַרײַן צו דער מיסעס, בײַ וועמען ער וואוינט, מיסעס לעפּטער. און יענע דערצעהלט זיך געגנוג אַז פון איהם, ווי ער וואָלט זיך פאַר אַ סענט אַרויסנעהמען די אויגען און קוקט קיינעם אין פּנים ניט אַרײַן. ליזע האָט אויך געוואוסט, צו וואָס ער זיצט דאָ. פּעלצמאַן האָט בײַטאָג גערעדט מיט איהר וועגען איהם. זי איז באַלד אַרויס־געלאָפען און דערצעהלט מיסעס לעפּטער, און יענע האָט ליזע'ן אָנ־געזאָגט, זי זאָל זיך בעסער היטען פון איהם: ער קען אויסצאַפּען אַ מענשען די בלוט פאַר אַ האַלבען סענט. ליזע האָט אָבער גע־מוזט פאָלגען פּעלצמאַן'ן, און איהר אַליין האָט זיך אויך געוואָלט זעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט, אַז אַ־מיצער קומט וועגען איהר, זעהן איהר. זי איז געווען צוגעקליבען אין אַ ריינע ווייסטעל און פערקאַמט די האָר. ווי קאַפּלאָוויץ איז אַרײַנגעקומען, האָט זי זיך אַביסעל דערשראָקען, אַ גוטען קוק געטהאָן אויף איהם, און דערנאָך האָט זי מעהר ניט אַוועקגענומען די אויגען פון די וועש. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז ער זיצט דאָ, און זי האָט געטהאָן איהר אַרבייט, פיהלענדיג אויף איהר פּנים, אויף איהרע הענד, אויפ'ן אײַזען, אויף די וועש — די אויגען פון אַ מאַן, וואָס איז געקומען קוקען אויף איהר.

קאַפּלאָוויץ האָט אָבער גאָר געקוקט אויפ'ן פלאָר.

פּעלצמאַן איז אַרײַנגעקומען מיט די ביער.

— ליזע, דערלאַנג גלעזער צום טיש! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געפּאָלגט.

— דאָס איז מיסטער קאַפּלאָוויץ און דאָס איז מיס ראָ־דעצקע — האָט פעלצמאַן זיי פאָרגעשטעלט.

קאַפּלאָוויץ האָט אויפגעהויבען די אויגען פון פלאָר, אַ קוק געטהאַן אויף ליזע'ן און אַ מאַך געטהאַן מיט'ן קאָפּ.

פעלצמאַן האָט אנגעגאָסען די גלעזער, און זיי האָבען גע־טרונקען.

ליזע האָט געענדיגט ביגלען און איז אַרויף צו אַ שכנ'טע שמועסען אַביסעל.

— איהר זעהט — האָט פעלצמאַן גענומען ריידען — אַט דאָ וואוין איך. וואָס זאָל איך לייקענען, כ'האָב האָלט צו זאָגען דעם אמת. קיין מיליאָנער בין איך נים, איך ווייס אַבער, אַז דאָ בין איך און דאָס איז מיינע. וואָלגערען זיך ביי יענעם וואָלט איך נים געקענט, אַז אימיצער נעהמט און גילט מיך אַב אפילו.

— קומט אַ ווײַלע, — זאָגט קאַפּלאָוויץ, זיך אויפשטעלענ־דיג.

— אויב איהר ווילט, לאָמיר געהן. וואָרט, לאָמיר פריהער אויסטרינקען די ביער, אַן עבירה.

פעלצמאַן האָט אנגעגאָסען, זיי האָבען אויסגעטרונקען, און ער האָט געפרעגט:

— וואו ווילען מיר געהן?

— אַריינגעהן אַ ווײַלע.

— אין סאַלון? צו וואָס, אין אַזאַ היץ?

זיי זיינען אַרויס אין סטריט און קאַפּלאָוויץ האָט גענומען געהן צום סאַלון.

— לאָמיר אַביסעל „וואָקען" — האָט פעלצמאַן געזאָגט. און קאַפּלאָוויץ האָט איהם געמוזט צוליעב טהאָן איצט. די עטליכע גלעזער ביער האָבען זיך אין פעלצמאַן'ען צושפּיעלט און ער האָט זיך ריכטיג צורעדט:

— איהר'ט געזעהן די מיידעל ביי מיר אין הויז? אַ קרובה מיינע, פון גאָר אַ שעהנע משפּחה. דער טאַטע איהרער איז געווען

א נגיד. ארבייטען לאָזען מיר איהר ניט געהן. א מינוט קען זי ניט שטעהן לעדיג, נאָר זי מוז עפּעס טהאָן וואָס־עס־איז, איז ביגלען, איז קאָכען, איז וואַשען, איז ראַמען, איז שייערען, אַבי ניט שטעהן לעדיג.

— וואָס איז זי?

— וואָס זאָל זי זיין? א קרובה מיינע.

— וויפיעל קען שוין זיין דער זייגער? — פרעגט קאַפּלאָוויץ און שטעלט זיך אָב.

— נאָך פריה גענוג! — זאָגט פעלצמאַן. — די שעהנסטע באַים האָבען איהר געוואָלט, איז איהר אַלץ ניט געפעלען געוואָרען — — —

— כ׳מוז אָפּגעהן א ווילע — האָט איהם קאַפּלאָוויץ איבערגעשלאָגען — כ׳דאַרף זיך טרעפען מיט א מאַן, — און ער האָט זיך גענומען לאָזען צום געגענד פון סאַלון.

פעלצמאַן איז געגאַנגען מיט איהם און ווייטער גערעדט:

— האָט זי שוין אָבער אַזאַ נאַטור, זי האָט פיינט א באַי, וואָס איז א ספּאָרט, וואָס ווערט אָנגערופען, איהר ווייסטאָך, הייַנט דאָ, מאָרגען דאָרטען, וואָס מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאָזען. אייַדער אַזאַ, וועט זי בעסער גאָרניט הייראַטען.

— איהר מיינט די, וואָס אין ביזנעס?

— יע, וועגען די רייד איך דאָס.

זיי זיינען אריין אין סאַלון. קיין פינאַקעל־שפּיעלער זיינען דאָרט איצט ניט געווען, און קאַפּלאָוויץ האָט זיך דערפיהלט גאַנץ אומעטיג. זיי זיינען ארויס צוריק.

— אַז איך האָב זיך מיט אייך בעקענט — האָט פעלצמאַן גערעדט, — האָב איך גלייך געטראַכט, אַז פאַר אייך וואָלט מיין קרובה געווען די גלייכסטע זאַך. כ׳האָב דאָך געזעהן, אַז איהר זייט אַזאַ מענש, וואָס איהר דאַרפט האָבען א פרוי, וואָס זאָל אייך זיין געטריי און איהר זאָלט האָבען א גוטע „שטוב“, וואו זיך אויסצורוהען. פאַר די קרובה מיינע וואָלט איהר שוין געהאַט גאָר גוט, וועגען דערינגען איז ניטאָ וואָס צו ריידען, איך קען דאָך איהר

פון קליינוויז אויף. איהר קאָבען, איהר אכטונג געבען, ניט דאָך ניט בעסער אויף דער וועלט.

— זי האָט עפּעס?

אויף אזא פלוצלונגע פראגע האָט זיך פעלצמאַן ניט גערעכט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, ס'האָט זיך אָבער פון איהר גלאָט ארויסגערעדט:

— וועגען דעם דאַרף מען אויך ניט זאָרגען. אז מ'וועט דאַר־פען, וועט שוין זיין. און אין דער ווייַלע האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ גענומען וועבען עפּעס א געשיכטע מיט א רייכען אָנקעל מיט געלד, מיט א ירושה, און ער האָט גערעדט:

— אז ס'וועט האַלטען ביי עפּעס, וועט ניט זיין קיין אָבהאַלט. פון איהרען אַן אָנקעל אין סאַן פראַנציסקאָ איז פאַר איהר גע־בליבען א פיינע פּאָר טאָלער, ס'ווערט אַנגערופען, אז זי וועט היי־ראַטען מיט אַן אָרענטליכען מענשען.

— שוין געשטאָרבען?

— ווער?

— דער אָנקעל.

— געווים געשטאָרבען, לאַנג צוריק נאָך, אין סאַן פראַנציסקאָ.

— נו?

— האָב איך אייך דאָך געזאָגט, אז זי וועט הייראַטען מיט אַן אָרענטליכען מענשען, וועט זי געווים קריגען.

— וויפיעל?

— דאָס קען מען נאָך דערווייל ניט וויסען. סאַן פראַנציסקאָ איז דאָך אַזוי ווייט פון דאַנען. נאָר מן הסתם וועט מען זיין צו־פריעדען.

— טו ווי קען מען דאָס וויסען?

— האָב איך דאָך געזאָגט, אז איצט קען מען נאָך ניט וויסען. אז זי וועט הייראַטען מיט אַן אָרענטליכען מענשען, וועט דעם אָנקעלס פאַמיליע מן הסתם אודאי אריינשיקען וואָס איז פאַר איהר געבליבען, א שעהנעם דרשה־געשאַנק, א טשעק.

— די טשעקס, ווער וויים.

— דעם אָנקעלס אַ טשעק קען מען שוין גאָר וויסן. הלואי האָב איך גאָר אַזוי פיעל.

— און זי וועט דאָס קריגען!

— שור.

— לאָמיך נור אַריינגעהן צו איד אַ ווײַלע.

פעלצמאַן האָט געוואוסט, אַז קאַפּלאַוויץ איז ניט קיין בעל־דברן און ער וועט זיך ניט פונאַנדעררײדן וועגן דעם געשטאָר־בענעם אָנקעל אין סאַן פראַנציסקאָ, און ער איז וועגן דעם גאַנץ רוהיג געווען, ווען זיי זיינען אַראָב אין בייסמענט.

מיסעס פעלצמאַן האָט זיך געפּאָרעט מיט די גענעס.

— וואו איז ליזע? — האָט פעלצמאַן ביי איהר געפרעגט.

מיסעס פעלצמאַן האָט געוואָלט נעהמען פער׳מסור׳ן, אַז ליזע האָט איהר אפילו ניט געוואָלט העלפען אָבוואַשען די דישעס, אָבער פעלצמאַן האָט צו איהר אַ וואונק געטהאָן מיט אַ ווינקעל אויג אויף קאַפּלאַוויץ׳ן.

— זי איז מן הסתם אַרויף אויסלעשען די גען אויף די פלאָרס — האָט זי געזאָגט.

— זיצט אַביסעל! — האָט פעלצמאַן געזאָגט צו קאַפּלאַ־וויץ׳ן, — כ׳קום שוין אַריין. און ער איז אַרויסגעגאַנגען זוכען ליזע׳ן.

קאַפּלאַוויץ האָט זיך געזעצט און געקוקט קרום אויפ׳ן פלאָר.

— אַ הייסער טאָג געווען — האָט מיסעס פעלצמאַן געזאָגט.

— יעס.

— פאַר אַ יאָהרען אין דער צייט איז שוין געווען קיהל, דאַכט זיך.

קאַפּלאַוויץ האָט עפּעס אונטערגעמורמעלט.

פעלצמאַן האָט אין דרויסען דערזעהן ליזע׳ן ביים סאָדאַ־וואָ־סער־סטענד. ער האָט איהר אַ רוף געטהאָן און דערצעהלט איהר אין קורצען וועגען זיין געשפּרעך מיט קאַפּלאַוויץ׳ן, און אַז ער זיצט איצט אונטען, זי זאָל באַלד אַרונטערקומען, זיך מאַכען ניט וויסענדיג און זיין אַ מענש.

פעלצמאן איז אראב אין בייסמענט, און אין א ווײלע ארום איז ארײנגעקומען ליזע און זיך שטיל אוועקגעזעצט, אומעדיג, מיט א שטילען שרעק אין הארצען.

א ווײלע איז געווען שטיל. קײנער האט ניט געפונען וואס צו זאגען, און קאפלאוויץ האט געפרעגט, ניט אנקוקענדיג קײנעם:

— וויפיעל קען שוין זײן דער זײגער?

מען האט א קוק געטהאן אויפ׳ן זײגער. ס׳איז געווען נאך צעהן.

— שוין צייט! — האט קאפלאוויץ געזאגט און זיך אויפגע־שטעלט.

— קומט ארײן עפטער — האט מיסעס פעלצמאן געזאגט מיט א שמייכעלע — ווײט צו געהן האט איהר דאך ניט.

— גוד־נייט! — האט קאפלאוויץ געזאגט און איז ארויסגע־גאנגען.

פעלצמאן איז איהם נאכגעגאנגען, און ביי די טרעפ האט ער א פרעג געטהאן:

— ווי געפעהלט אייך מיין קרובה?

— כ׳ווייס, מ׳וועט זעהן.

—ווארט, איהר׳ט זיך מיט איהר מעהר בעקענען, וועט איהר זאגען. איך קען איהר דאך פון קינדרוייז אויף. גוד־נייט, און פעלצמאן האט איהם דערלאנגט די האנד. און אז קאפלאוויץ איז שוין געווען אין דער הויף אויף די טרעפ, האט צו איהם פעלצמאן ארויפגעשריען:

— קומט ארײן, איהר הערט, קומט ארײן גלײך נאך סאפער.

— דאס איז דער קאפלאוויץ, וואס כ׳האב געזאגט — האט פעלצמאן געזאגט, ארײנקומענדיג צוריק אין הויז. א גאנץ ארענט־ליכער מענש. וואס זאגסטו, ליזע?

— וואס זאל איך זאגען?

— וואס ביזטו געזעסען ווי א שטיק פלאקען און ניט גע־רעדט א ווארט? איך ברענג דא צופיהרען א מענשען, איז זי

ניטאָ, דאַרף איך איהר לויפען זוכען. דערנאָך זיצט זי און עפּענט ניט אַ מויל, אַזוי ווי זי קען קיין צוויי ניט צעהלען. פאַרוואָס קענסטו דאָס אַזוי גוט ריידען מיט די טענערקעס דאַרטען? ער געפעהלט דיר?

ליזע איז געוועזן צושראָקען, און זי האָט געזאָגט, ניט הערענ־דיג וואָס זי זאָגט:

— ער געפעהלט מיר. פאַר וואָס זאָל ער מיר ניט געפעהלען?

— איך ווייס, פאַר וואָס זאָל ער דיר ניט געפעהלען? ער מאַכט אַ גאַנץ פיינעם לעבען אויך.

— מיר גלויבט זיך ניט, אַז ס'זאָל עפּעס ווערען דערפון — האָט מיסעס פעלצמאַן געצווייפעלט. — זי האָט דאָך ניט קיין העמד אויפ'ן לייב.

איצט האָט זיך פעלצמאַן דערמאָנט אַז אָנקעל איז סאַן פראַנ־ציסקאָ.

— כ'האָב שוין אָנגעזאָגט גענוג ליגענס אויך — האָט ער גע־זאָגט — איך ווייס גאָרניט, ווי מיר איז דאָס אַרויף אויפ'ן זינען. און ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. ס'האָט זיך איהם אַרויסגערעדט און ער האָט שוין צוריק ניט געקענט כאַפּען.

— וואָס וועט איצט זיין?

— מילא, אַזוי איז שוין און ס'איז פערפאַלען. איהר זאָלטביידע אַכטונג געבען און זיך ניט אַרויסכאַפּען מיט אַ וואָרט, איהר הערט! ער וועט מסתמא צוליעב דעריינען דעם שידוך ניט אָב־לאָזען.

ליזע האָט זיך מיט שרעק איינגעהערט צו זייער שמועס. זי האָט זיך געשראָקען פאַר קאַפּלאָוויץ צוליעב דעם, וואָס מיסעס לעפּטער האָט איהר וועגען איהם דערצעהלט, און זי האָט דאָס אויך געזעהן אויף איהם אַליין.

— אפשר וועט גאָט געבען, ס'וועט עפּעס אַרויסקומען דער־פון — האָט מיסעס פעלצמאַן געזאָגט — ס'וואָלט זיין אַ גוטער גליק פאַר אַלעמען.

— זאָלסט אַקאָרשט מאָרגען ביינאַכט זיין אין הויז און זאָלסט

ז. לעווין

ניט זיצען ווי א ליימענער גולם — האט פעלצמאן אנגעזאגט ליזע'ן. ליזע איז ארויס פון הויז.

ארײנקומענדיג צו זיך אין רום און זיך לעגענדיג שלאפען, האט קאפלאוויץ איבערגעקלעהרט דעם גאנצען ענין. זייט פעלצמאן האט גענומען אין איהם ארײנריידען וועגען עסען ביי זיך אליין און אויסרוהען די ביינער, און אז דאס קען נאך קאסטען ביליגער, איז איהם די „מיסעס" מיט איהרע סאפערס, מיט איהר רומקע נאך מיאוס'ער געווארען. און צו פעלצמאן'ען האט ער דערפיהלט א נאהענטקייט ווי צו אן אייגענעם מענשען, ווי צו איינעם, וואס זעהט צו די אונגערעכטיגקייט, די עולות וואס מען בעגעהט געגען איהם, און ער וויל איהם העלפען. און ער האט געפיהלט, אז ער ווערט צוגעבונדען צו פעלצמאן'ען מיט'ן גאנצען בייסמענט דאר־טען. די קרובה זייערע, ליזע, ווי זיי רופען איהר, — וואס האט ער צו איהר? אויך גארניט, א שטילע, זעהט זי זיך אן; זי וואלט געוויס אכטונג געגעבען אויף זיינעם א סענט, ער זאל הנאה האבען פון עסען און שלאפען. זיי זעהען זיך אלע אן ארענטליכע מענשען. וואלט ער נור ניט געדארפט „ריהרען" די געלד פון די בענק — — סאן פראנציסקא — — ווער ווייס, אויב עס וועט זיין געווען איינצופיקסען רומס מיט זאכען וואס מען דארף. נעהמט ער און קומט פון דער ארבייט צו זיך אין די רומס, און אין דער פריה זאגט ער אז, וואס צו קאכען היינט, און אז ס'געפעהלט איהם ניט, קען ער דאך זאגען און זיך בייזערען — ער איז דאך ביי זיך אליין. ס'וועט דאך ניט זיין ווער ס'זאל פון איהר „רייסען" און „סאקען", ווי דא די „מיסעס" זיינע. די גאנצע רומס איהרע, זאגט פעלצמאן, קאסט זעכצעהן א האלב דאלאר, נעהמט זי פון איהם ארויס זעקס, פון די צוויי מיידלעך אין פראנט־רום אכט — האט זי אומזיסטע רומס און זי איז נאך די גאנצע יחסנ'טע. און די סאפערס איהרע — זאל איהר זיין אזא יאהר — צוויי ביסען פלייש מיט א ביין, און די גאנצע וואך היינטיגע האט זי אבגע־סטאפט געבען וואס צו פערבייסען נאכ'ן עסען, א פאר געקאכטע

פּלוימען, צו וואָס עס איז. קומט דאָך אויס, אַז פּעלצמאַן איז גע־רעכט, וואָס ער איז דער נאַר און גיט און די קלוגע נעהמען. פאַר־וואָס זאָלען זיי ניט נעהמען? ווער וואָלט דאָס ניט נעהמען, אַז מען גיט? — — סאַן פראַנציסקאָ, — — און קריגען די געלד קען מען ערשט נאָך דער חתונה, קען מען גאַרניט וויסען וויפיעל און וואָס — — נעהמען געלד פון די בענק... דערפון איז דאָך ניטאָ וואָס צו קלעהרען... אַז מען וואָלט וויסען...

אַזוי טראַכטענדיג און קלעהרענדיג איז קאַפּלאַוויץ איינגעשלאָ־פען.

5

אויף פּעלצמאַן'ס פראַגען, ווי זיין קרובה געפעהלט איהם און וואָס ער דענקט, האָט קאַפּלאַוויץ געענטפערט, אַז ער מוז פריהער זעהן זיך דורכריידען מיט איהר גופא, און ער וועט איהם דערנאָך געבען אַ תשובה.

פּעלצמאַן איז שוין געווען צוגעגרייט מיט אַ גוטען תירוץ פאַר קאַפּלאַוויץ'ן, פאַרוואָס די געלד פון סאַן פראַנציסקאָ וועט אָנקו־מען דוקא נאָך דער חתונה. און קאַפּלאַוויץ האָט איהם טאַקע גע־פרעגט.

— זאָגט מיר, כ'פערשטעה ניט: איהר זאָגט, מ'וועט שיקען, אַז ס'וועט זיין שוין נאָך דער חתונה. פאַרוואָס ניט פריהער?

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה — האָט פּעלצמאַן געענט־פערט — זיי זיינען דאָרטען איינגעשראָקען. איהר מיינט, זי איז די איינציגע? זיי האָבען שוין געגעבען גענוג געלד צו קרובה'ס. האָט געטראָפען, זיי האָבען געשיקט געלד אין אַ שטאָדט — ווי ווערט עס אָנגערופען, אין פּיטסבורג, — האָט זיך פון שידוך גאָר־ניט אויסגעלאָזען און די געלד איז דערווייל „צונישטאָזעט“ געוואָרען. איז פון דאַמאָלס אָן שיקען זיי ניט פריהער. מ'מוז אריינשיקען אַזאַ פּייפּער, אַז עס איז שוין נאָך דער חתונה.

— אָבער וויפיעל, ווייס מען ניט?

— קיין טוויזענדער ניט. מ׳שיקט אויף אויפצופיקסען א הויז מיט פארניטשור, מיט די זאכען דארטען.

— אבער מ׳שיקט?

— וועגען דעם איז קיין רייד ניטא.

איין אבענד אין דער זעלביגער וואך איז קאפלאוויץ געווען מיט ליזע׳ן אליין אין בייסמענט. פעלצמאן מיט זיין ווייב האבען זיך מיט תירוצים ארויסגעדרעהט פון הויז און איבערגעלאזען זיי ביידען. א רעכטע ווײלע זיינען זיי געזעסען שטיל, און קאפלא־וויץ האט אנגעהויבען ריידען, קוקענדיג קרום אויפ׳ן פלאר.

— איהר זייט זיינע א קרובה?

— יעס.

— דא זייט איהר, איהר וואוינט דא, ווערט דאס אנגערופען.

— יעס.

— פעלצמאן האט אייך געזאגט מסתמא; וועגען מיר אייך עפעס געזאגט.

— ער האט מיר געזאגט.

— וואס׳ט ער אייך געזאגט?

— כ׳געדענק שוין ניט.

— ער האט מיר וועגען אייך געזאגט; פערליבט אייך פאר מיר.

ליזע האט נאריש געשמייכעלט.

— פארוואס זאל ער זאגען אויף מיר שלעכטס? — האט זי געזאגט שפאסיג.

קאפלאוויץ האט אויפגעהויבען די אויגען פון פלאר און אויף איהר א קוק געטהאן.

— ווער זאגט דען, אז שלעכטס? ער האט אייך פערליבט פאר מיר, האב איך ביי אייך געוואלט פרעגען, וואס וואלט זיין, אז איהר וואלט מיט אימיצען הייראטען.

ליזע האט א דערשראקענע איהם אנגעקוקט.

— כ׳מיין, אז איהר וואלט הייראטען, וואס וואלט זיין, אויב איהר וואלט זיך אנגענומען ניט צו „סאקען“ און סייפען א סענט?

ליזע האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקען און אַ געוויין האָט זיך גענומען שפּאַרען ביי איהר אין האַלז ארויף, און זי האָט ניט גע־ענטפערט.

— כ'האָב דאָס געפרעגט אַנטקעגען דעם, וואָס ס'איז דאָ אַזעלכענע, וואָס ווילען דעם טעלערל פון הימעל און די וועלט איז זיי וועניג.

ליזע האָט געקוקט אויפ'ן טיש מיט פערשטאַרטע אויגען.

קאַפּלאַוויץ האָט ווידער גענומען קוקען קרום אויפ'ן פּלאַר, און אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט ער געזאָגט:

— פּעלצמאַן האָט מיט מיר גערעדט, האָב איך געקלעהרט זיך דורכריידען מיט אייך גופא. איהר ווייסט, אז ער'ט גערעדט?

— יעס.

— מ'דאַרף וויסען, וואו מ'איז אין דער וועלט, ס'זאָל דערנאָכ־דעם ניט ארויסקומען, וואָס ס'טויג ניט.

— מיסטער פּעלצמאַן האָט דאָך אייך מסתמא געזאָגט, — האָט ליזע געזאָגט פיהלענדיג, אַז זי איז בייגעקומען דעם געוויין.

— ער' טמיר געזאָגט, אָבער דורכריידען זיך איז בעסער.

— אַלל־רייט! — האָט ליזע געזאָגט מיט אַ מהיכא־תיתא טאָן.

— טו וואָס האָט איהר מורא צו ריידען וואָרט, אַז איך פרעג אייך?

— וואָס זאָל איך זאָגען אויף זיך אַליין?

קאַפּלאַוויץ האָט נאָך געקוקט אַ ווײַלע אויפ'ן פּלאָר, זיך אויפ־געהויבען, אַ וואָרטשע געטהאָן צו זיך „גוד־ניים" און ארויסגע־גאַנגען.

איצט האָט ליזע ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. זי האָט גע־וויינט בּיטער און האַרציג און שטאַרק געשלוכצעט. זי האָט ניט געוואוסט קלאָר פאַר וואָס זי וויינט; עס האָט זיך איהר אָבער געוויינט, מיט גרויס רחמנות אויף זיך אַליין; און זי האָט מורא געהאַט פאַר דאָס, וואָס מיט איהר וועט זיין, כאָטש זי האָט ניט געזעהן פאַר זיך און ניט געוואוסט וואָס.

זי האָט גענומען געהן צו מיסעס לעפּטער, אויסגיסען פאַר יע־

נער איהר הארץ און האט זיך געטראפען אין טיהר מיט פעלצמאן'ען און זיין ווייב.

— וואס איז דאס פאר א יום־כפור? — האט ער געפרעגט ליזע'ן, אנקוקענדיג איהר.

— וואס פאר א געוויין איז דאס? — האט מיסעס פעלצמאן געפרעגט, צוגעהענדיג נאהענט צו דער וויינענדיגער.

— גארניט! — האט ליזע ארויסגעשלוכצעט.

— וואס הייסט גארניט? פאר גארניט וויינט מען דאך ניט. פארוואס וויין איך ניט?

— מיר איז גוט!...

— וואס איז געווען? ווער האט דיר געטהאן?

— גארניט, קיינער ניט.

מיסעס פעלצמאן האט בגנבה א צופ געטהאן איהר מאן ביים רעקעל. זי האט זיך אנגעשטויסען, וואס דא האט געקענט פאסירען.

— פונדעסטוועגען ביזטו א נאר — האט מיסעס פעלצמאן גענומען ריידען גוטמוטהיג. — ווער, מיינסטו, נעהמען אנדערע? היינט צו וואס איז דא דער וויינען? מיט וואס איז ער דאס ערגער פון אנדערע? און האב איך די גוטע יאהר, וואס נאך אפשר בעסער. ס'איז פאראן גענוג, וואס וואלטען זיך געוואונשען צו קריגען אזעלכע. דארפסט הערען די מיסעס לעפטער ווי די קאץ. זאל זי זיך זארגען פאר איהרע אייגענע טעכטער און ניט מישען זיך ביים צווייטען.

פעלצמאן האט גערעדט פילאזאפישער.

— יעדער דארף קענען ז י ך. ניין און דרייסיג יאהר ווערסטו דעם נאך סוכות — מיר ריידען דאך צווישען זיך — האבען האסטו אויך גארניט און קיינעם ניט; ווען קענסטו אויסכאפען? ווערסט ווארטען נאך, נאך, וואס וועט נאכדעם זיין? זאל זיך דיר דאכטען, אז דו האסט שוין געווארט, — ביזטו שוין גליקליך געווארען? שונאים זיינען מיר דיר, מיינסטו? אז ארענטליכער מענש איז ער? א לעבען מאכט ער? וואס נאך זוכסטו?

— איך זוך גאָרניט און איך דאַרף גאָרניט. איך קען אויס־קומען אַזוי.

— דאָס איז שוין גלאַט געבאַלבעט! זי זוכט גאָרניט און זי דאַרף גאָרניט. ביי מיר קענסטו זיין? איך האָב דיר אַ סך צו געבען? האָסט שוין געהערט, מ'זאָל בלייבען זיצען?

— איך קען בלייבען זיצען! — האָט ליזע געזאָגט, ווישענדיג די אויגען.

— ניט ביי מיר! — האָט פּעלצמאַן איהר אונטערגעכאַפּט.

— זי וועט אַליין איינזעהן, אַז עס איז אַ גלייכע זאַך, וואָס קען גאָר בעסער ניט זיין, — האָט מיסעס פּעלצמאַן געזאָגט. — לאָז איהר בעסער צורוה.

ליזע האָט זיך גוט אויסגעווישט די אויגען, אָבגעווישט דעם פּנים און אַרויסגעגאַנגען. זי האָט געוואָלט אַריינגעהן אין גראָ־סערי און זי איז ניט אַריין; ס'האָט איהר געטריבען ווייטער. זי האָט זיך געוואָלט אָוועקשטעלען ביים סאָדאַ־סטענד און ס'האָט איהר געטריבען ווייטער. ס'האָט איהר געטריבען, געטריבען און איהר ניט געלאָזט בלייבען אויף אַן אָרט. זי איז דורכגעגאַנגען דעם בלאָק עטליכע מאָל הין און צוריק, עטליכע מאָל אַרומגעגאַנ־גען; זי האָט פּרובירט אַראָבגעהן אין בייסמענט, און איז ניט אַראָב; ס'האָט איהר געטריבען, געטריבען, ניט געלאָזט איהר רוהען. צום סוף האָט זי זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן סטופּ, מיט אַ האַרץ פון אַ שבעה־זיצער, אָנגעפילט מיט געוויין, דערשלאָגנע, צושראָקען, מורא־האָבענדיג איבערצוקלעהרען וואָס אַרום איהר קומט פאָר און וואָס מיט איהר וועט זיין.

ווען קאַפּלאַוויץ איז געקומען אַהיים פון סאַלון, איז נאָך ליזע געזעסען אויפ'ן סטופּ. זי האָט איהם דערזעהן און זי האָט זיך דערשראָקען אַ כאַפּ־געטהאַן און צוזאַמענגעקאַרטשעט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט ווערען וואָס קלענער און ער זאָל איהר ניט זעהן. ער איז איהר פערבייגעגאַנגען און איהר טאַקע ניט געזעהן מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען.

6

די פעלצמאַנס האָבען מיט ליזע'ן אַריינגע'טענה'ט מיט גוטען און מיט בייזען. זיי האָבען גערעדט צו איהר ווי צו אַן איינען קינד, אַז אַזוי דאַרף זיין און אַזוי מוז זיין. זיי האָבען גערעדט צו איהר שטרענג, געזאָגט איהר, אַז זי קען מעהר ביי זיי ניט זיין, זיי קענען איהר ניט האַלטען ביי זיך. זי וועט זיך צוגעוואוינען, זי וועט אַליין זעהן, ווי נאַריש זי איז, און „וואָס מעהר געוואַרט, איז מעהר גענאַרט".

— וואָס איז דאָ דער אונגליק אַזוי גרויס? — פלעגט פעלצ־מאַן זאָגען — רעדט ער ניט אַזוי פיעל, און וואו שטעהט דאָס גע־שריעבען, אַז אַ מענש דאַרף גאָרניט אויפהערען צו ריידען? און וועגען שעהנקייט — איך זעה גאָרניט די שעהנערע!

— אַז אָרענטליכען מענש און ווייס ווי צו האַלטען אַ סענט — פלעגט אונטערכאַפּען די ווייב.

ליזע האָט איינגעזעהן און פערשטאַנען, אַז זיי וועלען אויס־פיהרען; זיי האָבען שוין אויסגעפיהרט. זי האָט אויפגעהערט צו ריידען „אַנטקעגען" און זי האָט זיך ביסלעכווייז איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז עס איז שוין פערפאַלען. און די מורא איהרע פאַר איהם האָט גענומען לאַנגזאַם פערשווינדען, און אין איהר האָט זיך גענומען ערוועקען אַזאַ מין פערלאַנג, פון וואָס זי האָט פריהער קיינמאָל ניט געוואוסט, און דאָס איז, אויסצוזעהן שעה־נער, איינגער, זי זאָל בעסער געפעהלען ווערען. באַלד אין אָבענד שנורעוועט זי זיך איין אין אַ קאָרסעט — יאָהרען־לאַנג האָט זי שוין דאָס ניט געהאַט אויף זיך, און זי קען ניט דערכאַפּען דעם אָטהעם. זי זיצט שטייף און וואַרט, קאַפּלאָוויץ זאָל שוין קומען. ער קומט אַריין אַלע אָבענד. זיין בעקענען זיך מיט די פעלצמאַנס און דער אַריינקומען צו זיי אין הויז איז געווען אַ וויכטיגע נייעס אין זיין לעבען. לאַנג, זעהר לאַנג שוין איז ער ניט אַריינגעקומען אין אַ הויז, וואו מען האָט פון איהם גאָרניט געוואָלט, ניט געוואָלט „מאַכען" עפּעס אָהן איהם. אפילו די קאָזינע זיינע אין דזשווירזי

וויל אויך נאָכאַנאַנד „פּרעזענטס" פאַר די קינדער. מען רייסט די הויט, מען „סאַקט" פון אַלע זייטען. דאָ זיינען זיי אַרענטליכע מענשען. די קרובה זייערע איז אויך ווי זיי. ער קען דאָס זעהן: אַן אָרענטליכע, אַ שטילע — וועט געווים גאָרניט פערלאַנגען זיינע. ער האָט געפיהלט אַ צוגעבונדענקייט צום בייסמענט. אַלע נאָך סאַפּער געהט ער אַראָב צו זיי. נאָר וואָס צו ריידען האָט ער ניט. מיט ליזע׳ן וואָלט ער געוואָלט נאָך אַמאָל זיך דורכריידען גרונ־טאָוונע. עס איז אַ גלייכע זאַך. עס מאַכט זיך אַלץ ניט די צייט דורכצוריידען זיך מיט איהר. זיצט ער שטיל און קוקט קרום אויפ׳ן פלאָר, ענטפערט ווען־ניט־ווען אַ וואָרט.

איין אָבענד זאָגט קאַפּלאָוויץ:

— ס׳וואָלט זיך געפּאַסט אַביסעל אַ וואָק.

געמיינט האָט ער, אַז ער וואָלט געוואָלט נעהמען אַ וואָק מיט ליזע׳ן, נור געזאָגט האָט ער דאָס צו קיינעם ניט, נאָר גלאַט אַזוי, צום פלאָר.

— כ׳וואָלט מיט אייך געווים געגאַנגען, — האָט זיך אָבגע־רופען פעלצמאַן — כ׳מוז אָבער שוין אַרויפגעהן אויפ׳ן רוף, זעהן וואָס דאַרטען טהוט זיך מיט די וואַסער.

דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל. פעלצמאַן האָט געוואָלט, ער זאָל געהן מיט ליזע׳ן.

— געה, ליזע, דו! — האָט מיסעס פעלצמאַן דערקאַנטשעט איהר מאַנס אַרבייט — געהט איהר ביידע.

פעלצמאַן האָט אויסגעזוכט אונטער׳ן סינק עפּעס אַ האַמער מיט נאָך אַן אייזען און איז אַרויס פון הויז.

קאַפּלאָוויץ האָט זיך אויפגעהויבען און אַ קוק געטהאָן אויף ליזע׳ן. זי האָט זיך אויך אויפגעהויבען און זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען.

זיי זיינען אַרוים אין סטריט, קוקענדיג ביידע אין בעזונדערע זייטען. זיי זיינען אָבגעגאַנגען עטליכע בלאָק, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. ביי קאַפּלאָוויץ׳ן איז דערוויילע געבליבען זיך דורכ־צוריידען איצט מיט איהר גרינגליך.

— איהר גערענקט, — האט ער אנגעהויבען — ווען איז דאס געווען, אנומעלט, מיר האבען גערעדט.

— יעס.

— וואלט איך געוואלט איצט זיך דורכריידען מיט אייך. ווילט איהר?

— יעס, פאר וואס ניט? זי האט געוואוסט, וואס ער וויל מיט איהר ריידען און איהר האט זיך געוואלט הערען.

— כ'האב געוואלט זיך דורכריידען מיט אייך וועגען דעם, ס'איז גלייכער, אז מ'רעדט זיך דורך, האב איך געוואלט זאגען, איהר געפעהלט מיר. אויב איך האב ביי אייך אויב'עט אויסגעגומען, וועלען מיר דערנאכדעם זעהן.

ליזע איז געווען צופרידען מיט דעם, וואס זי געפעהלט איהם. איהר איז ניט געפעהלען געווארען ווי אזוי ער האט דאס ארויסגעזאגט. זי האט אבער אפילו אזעלכע רייד פריהער פון קיינעם ניט געהערט, און איהר האט זיך געוואלט הערען נאך און „שטארקערע" רייד. זי האט אין דער מינוט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, עס זאל „פאסען", האט זי א ווייליכע געקלעהרט און געזאגט:

— איהר געפעהלט מיר! וואס האב איך צו אייך?

זיי זיינען אבגעגאנגען א שטיקעל וועג שווייגענדיג, און קאפלאוויץ האט געזאגט:

— כ'האב אייך נאך געוואלט פרעגען פון אנקעל אייערען, וואס איז געשטארבען אין סאן פראנציסקא „אלוועשאלעם".

ליזע האט זיך דערמאנט וואס פעלצמאן האט דערצעהלט און זי איז געווארען צוטומעלט.

— אן ערך וויפיעל קען דאס כאפען? — האט ער ווייטער נעפרעגט.

ליזע האט ארויסגערעדט:

— מען וויים נאך ניט.

— האב איך נאך געוואלט פרעגען ביי אייך: איהר ווייסט דאך אין א הויז, וויפיעל א וואך, וואלט איהר געזאגט, בערארף מען

האָבען פאַר צוויי מענשען, וואָס מ'מוז ספּענדען. איך בין אַ מענש וואָס איך גלייך, אַז איך ווייס פריהער.

ליזע האָט געפיהלט, אַז די „צוויי מענשען" מיינט ער זיך און איהר, און זי האָט ארויסגעזאָגט מיט אַ פולען מויל, ווי צו אַן אייגענעם מענשען:

— מען קען דאָס אַזוי גיך ניט זאָגען.

— כ'מיין, אַז מ'זאָל עסען ווי אַ מענש.

— פּאַראויס איז דאָס שווער אויסצורעכענען.

— ס'איז אָבער גוט, אַז מ'ווייס.

— מ'פיהרט אַ הויז, ווי איינער וויל; ווער קען דאָס אויס־רעכענען אויפ'ן האָר פריהער? — האָט זי געזאָגט הארציג — אַז מען לעבט שפּאַרעווודיג...

— דאָס מיין איך, דאָס מיין איך — האָט ער איהר איבער־געשלאָגען.

— אַז מ'לעבט שפּאַרעוודיג געהט אוועק וועניגער, אַנדערע ספּענדען מעהרער.

— גלאָט ספּענדען, צו וואָס? מען דאַרף עסען ווי אַ מענש, דאָס זאָג איך אַליין; וועגען דעריינען זאָג איך גאָרניט. אָבער וואָס זאָגט איהר, ביי אייך אין אַ הויז, ס'ווערט אַנגערופען, ווי ווערט זיין?

— ביי מיר וועל איך געוויס טרייען, ס'זאָל זיין גוט און ניט אַרויסוואַרפען קיין געלד — האָט ליזע געזאָגט און געמיינט עהרליך, מיט'ן גאַנצען הארצען, יעדען וואָרט וואָס זי האָט אַרויס־גערעדט, און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— אַז מ'וויל, קען מען זיך לעבען גאַנץ פיין פאַר ניט טהייער.

קיין גרויס „עקספּירענס" איז די זאַכען האָט ליזע אייגענטליך קיינמאָל עס ניט געהאַט, האָט זיך אָבער איצט גערעדט ביי איהר, און ס'האָט זיך איהר געוואָלט ריידען אַזוי, אַז איהם זאָל גע־פעהלען.

און קאַפּלאַוויץ'ן איז טאַקע געפעהלען געוואָרען, וואָס זי האָט איהם געזאָגט. נור אין איין זאַך איז ער נאָך ניט געוועזען גוט

איבערצייגט און ניט געוואוסט, ווי אזוי צו דערגרונטעווען: וועגען סאן פראנציסקא.

זיי האבען ארומגענומען עטליכע בלאק און זיינען צוגעקומען צו „זייער" קארנער.

לאמיר עפעס טרינקען — האט ער געזאגט, צוגעהענדיג מיט איהר צום סאדא־סטענד. — נעהמט גוטע, נעהמט גוטע.

צוקומענדיג צום הויז האט זי איהם איינגעלאדען ארויפצוגעהן אין בייסמענט. ער האט איהר אבער געזאגט, אז ער דארף געהן שלאפען, און ביים „גוד־נייט" האט ער איהר דערלאנגט די האנד.

די פעלצמאנס האבען שוין געהאט געווארט אויף ליזע'ן מיט אונגעדולד. זיי האבען געוואלט וויסען, וואס עס איז געווען און „וואס עס הערט זיך", און ווי זי האט נור געעפענט די טיהר, האבען ביידע געפרעגט:

— נו, וואס?

— גארנישט.

— וואו זייט איהר געווען?

— אין ערגעץ ניט.

ליזע האט ניט געוואלט דערצעהלען וואס זיי האבען גערעדט. זי האט איצט געוואלט האלטען ביי זיך, וואס זי וויים, נור זי אליין זאל דאס וויסען.

זיי האבען אבער דערקענט אן איהר, אז דער „וואק" איז ניט געווען גלאט א פראסטער „וואק". עפעס איז פארגעקומען, עפעס גוטעס — דאס האט ארויסגעשיינט פון איהר פנים, און זיי זיינען געווען צופרידען. זי וויל ניט זאגען — זאל זי ניט זאגען.

היינט אבענד האט זיך ליזע געלעגט שלאפען מיט א יום־טוב־דיגען הארצען, און זי האט געזעהן קאפלאוויץ'ן גאר אז אנדערען, ווי זי האט איהם ביז איצט געקענט, און זי האט איבערגעטראכט פון א סך, א סך זאכען. זי האט קיינמאל פון קיינעם ניט געהערט, אז מען „גלייבט" איהר, מען וויל איהר, קיינער האט מיט איהר קיינמאל ניט גערעדט פון זיין צוזאמען, לעבען צוזאמען.

און זי וואלט געוואלט, ער זאל דא איצט זיין לעבען איהר, זיי זאלען ריידען און ריידען. דער גאנצער לעבען איהרער איז איצט געווען פאר איהר עפּעס אזוינס, וואס איז שוין לאנג, לאנג, גאנץ לאנג צוריק פערפלויגען, און די אלע „טענערקעס“, די אלע בעקאנטע — מענשען, וואס זי האט אמאל געקענט, וואכעדיגע, פּראסטע — אמאל, לאנג צוריק איז דאס אלץ געווען. איצט איז אלץ אנדערש, איצט איז אזוי יום־טוב׳דיג און גוט — עס איז אזוי געשמאק צו ליעגען און טראכטען...

און זי איז איינגעשלאפען, פערזונקען אין נחת.

7

עס האט שוין געהייסען, אז קאפלאוויץ און ליזע זיינען חתן־כלה. קאפלאוויץ האט שוין ביי די פעלצמאנס געגעסען סאפּערס, און מען האט איהם „צוגעזעהן“, געמאכט פאר איהם געריכטען און א פאר מאל אין וואך געקאכט פאר איהם פיש, ווי ער האט האלט. ער האט, ווי געוועהנליך, ניט גערעדט און געקוקט קרום אויפ׳ן פלאר. נאך סאפּער פלעגען חתן־כלה געהן אביסעלע אין סטריט און אמאל אויך פערגעהן צו מואווינג פּיקטשורס. קאפלאוויץ האט אויך פערלאנגט, מען זאל זעהן קריגען די געלד פון סאן פראנציסקא און עס וועט זיין חתונה.

און אלע טאג האבען די פעלצמאנס און ליזע זיך גע׳ישוב׳ט, וואס צו טהאן, ווי אזוי ארויסצוקריכען פון דער צרה מיט סאן פראנציסקא. אויסזאגען איהם, אז ס׳איז ניטא וואס צוווארטען, אז די גאנצע געשיכטע איז אן אויסגעטראכטע — האט מען מורא געהאט — ער וועט געווים חרטה האבען אויפ׳ן גאנצען עסק און זיך אין גאנצען פאר זיי ניט מעהר ווייזען. ווארטען ווייטער — וואס קען דערפון ארויסקומען? וואס קען זיין דער סוף? ליזע׳ס מיינונג איז געווען, מען זאל איהם אויסזאגען; זי וועט איהם אליין זאגען — זי איז זיכער, אז ער וועט זיין צופרידען אהן סאן פראנציסקא אויך. פעלצמאן האט איהר אבער דאס ניט דערלאזען. ס׳איז א ריזיקע זיך אנצוהויבען.

— ער וועט אנטלויפען און זיך מעהר אין די אויגען ניט ווייזען. — איז געווען פעלצמאַן'ס מיינונג.

— ס'וועט רעכט ווערען, לאָזט מיר! — האָט זיך ליזע געבעטען — כ'וועל איהם זאָגען.

— לאָז צורוה און מיש זיך ניט! — האָט פעלצמאַן געזאָגט שטרענג — ווילסטו אַנמאַכען אַ צרה?

און ליזע האָט געפאָלגט.

און פעלצמאַן איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן: מען וועט זעהן טרייען, עס זאָל זיין חתונה. די חתונה גופא דאַרף קאָסטען אַ קלייניגקייט: מ'וועט צוזאַמענרופען עטליכע מענשען, קויפען עפּעס צובייסענס און שוין! — וויפיעל קען דאָס קאָסטען? קיין רומס דאַרפען זיי נאָך דערוויילע ניט נעהמען, זיי וועלען זיין דאַ דערווייל, עס הייסט, ביז דאָס געלד וועט אָנקומען. דאָס דאַרף דאָך ערשט אָנקומען נאָך דער חתונה — און דערנאָך, אַז עס וועט שוין זיין נאָך דער חתונה, האָט ער שוין דאַמאָלס פאַר קאַפּלאַוויץ'ן קיין מורא ניט. דאַמאָלס האָט ער איהם שוין פערפּאַקט.

ווען קאַפּלאַוויץ איז אַריינגעקומען פון דער אַרבייט, האָט איהם פעלצמאַן געלאָזט וויסען, אַז ער איז שוין היינט געווען אָפּ־טאָון ביי די קרובים זייערע, האָבען זיי נעהאַט אַ לעטער פון סאַן פראַנציסקאָ. יענע דאָרטען זיינען צופרידען מיט'ן שידוך, און אַז מען וועט זיי לאָזען וויסען, אַז עס איז שוין נאָך דער חתונה און אַריינשיקען זיי דעם „פּייפּער", שיקען זיי באַלד אַרויס וויפיעל עס קומט — זיי שרייבען ניט וויפיעל, ס'וועט אָבער מסתמא בעטרעפען אַ שעהנע פּאָר טאָלער.

— וואָלט מיין פּלאַן געווען, — האָט פעלצמאַן ערקלעהרט — מען זאָל שטעלען אַ חופה, קיין פּאַראַדנע חתונות דאַרפען מיר דאָך ניט, גלאַט אַרויסוואַרפען געלד. פאַרוואָס?

— טו ווי וועט זיין? — האָט קאַפּלאַוויץ געפרעגט.

פעלצמאַן האָט פערשטאַנען, וואָס קאַפּלאַוויץ מיינט, און ער האָט געזאָגט:

— דערווייל, איידער וואָס־ווען, וועט איהר וואוינען ביי אונז.

דערנאך וועט איהר נעהמען די געלד, וואס וועט אנקומען, איהר'ט זיך איינקויפען וואס מ'דארף אין א הויז און אריינמופען אין די רומס.

ביים סאפער האט קאפלאוויץ דורכגעטראכט דעם פלאן. ווי־באלד, אז ספענדען דארף ער ניט און די געלד פון דארטען קען מען ניט קריגען ביז נאך דער חתונה, איז דאך דאס א גוטער פלאן, און קיין אנדער פלאן איז דאך גאר ניטא.

— איהר'ט זיך דערוויל וואוינען מיט אונז, — האט פעלצ־מאן גערעדט ביים טיש — דערנאך נעהמט איהר און זוכט זיך אוים גוטע רומס און מופט זיך אריין!

— מ'דארף שרייבען, — האט קאפלאוויץ געזאגט.

— געשריעבען האט מען שוין גענוג; אבער וואס קומט ארוים? זיי האבען זיך אבגעבריהט אויף הייסע, מיט — — פיטס־בורג. אז מ'קען גארניט מאכען מיט זיי, איידער מען שיקט זיי אריין א פייפער פון דער חתונה.

קאפלאוויץ האט געטראכט, און פעלצמאן האט גערעדט:

— זעה איך ניט איין, צו וואס טויג די גאנצע ווארטענעס. לאמיר שטעלען א חופה, טאקע דעם שבת ביי־נאכט גופא, און א סוף! ליזע איז דאך מיינע א לייבליבע קרובה, מיין פלייש און בלוט, בין איך צופרידען צו נעהמען אויף זיך וואס ס'וועט קאס־טען, און זאל זיין חתונה און באלד אויף מארגען נעהמען מיר און מיר שרייבען אוועק א לעטער.

— וועט מען דאך קענען שרייבען א פאר טעג פאר דער חתונה! — מאכט קאפלאוויץ.

— ס'וועט זיין ארויסגעווארפען! — זאגט פעלצמאן ערנסט — אלץ דארף זיין ריכטיג. די חתונה וועט זיין שבת־ביי־נאכט, נעה־מען מיר און מיר שרייבען זונטאג א לעטער און מיר לעגען אריין דעם פייפער. איבריגענס, אז איהר ווילט, — אבער וואס קען דעפון ארויסקומען?

נאך סאפער זיינען ליזע און קאפלאוויץ ארוים אין סטריט. ליזע האט זיך היינט אבענד ווידער גענומען שרעקען פאר קאפ־

לאוויץ'ן, דערפיהלענדיג, אז עס האלט שוין אזוי נאהענט. און געהענדיג מיט איהם און ריידענדיג וועגען דעם, וואס ביי זיי וועט באלד פארקומען, פון זייער חתונה שבת־ביי־נאכט, און ווי־סענדיג ווי מען נארט איהם דא אב און זי העלפט נאך צו צו דעם, האט זי געציטערט נאכצוקלעהרען, וואס שפעטער וועט זיין, וואס ער וועט מיט איהר טהאן, ווי ער וועט זיך מיט איהר בענעהמען; און זי האט זיך אנגעשטרענגט גארניט צו טראכטען פון דעם, און אין דערזעלבער צייט וואלט זי שוין אויך געוואלט האבען „איבער־געקומען“, ס'זאל שוין זיין נאך שבת־ביי־נאכט. זי האט גערעדט איצט מיט א האלבען מויל, דערשלאגען און שרעקעדיג, און זי האט שוין געוואלט זיין צוריק אין הויז, ריידען מיט זיי, בעטען זיי, אפשר וועט נאך קענען זיין אנדערש.

זיי האבען זיך אין א ווײלע ארום אומגעקעהרט צוריק.

ארויפקומענדיג צו זיך אין רום, איז קאפלאוויץ'ן אייננעפאלען, אז באלד שבת אין דער פריה נעהמט ער און טראגט ארונטער זיין טראנק אונטען אין בייסמענט ביי פעלצמאן'ען — ער וועט דאך דארטען דארפען וואוינען ביז די געלד וועט אנקומען. ער האט זיך אבער באלד געכאפט, אז פון שבת בלייבט נאך פיער טעג צו זיין „מאנאט“ — צו וואס זאל ער איהר שענקען? א סך שענקט זי איהם? ער וועט די פיער נעכט טאקע נעכטיגען דא. זי האט זיך גענוג „אנגעשטאפט“ פון איהם — פארוואס זאל ער איהר שענ־קען? פאר וואס'ערע מעשים טובים? אפשר פאר די „געפייקטע סאפערס“, וואס זי צולעגט די פאר פעדים פלייש איבער'ן גאנצען טעלער, ס'זאל אויסזעהן א סך, און די פאר געקאכטע פלוימען האט זי איננאנצען אויפגעהערט געבען... און די באטעל סעלצער, האט זי זיך געמאכט א מאדע, אז זי שטעלט ארויף אויפ'ן טיש, שטעלט זי ארויף אויף „יענע זייט“, און אז ס'קומט צו איהם, צו קאפלא־וויץ'ן, קען ער שוין פון באטעל נים ארויסקוועטשען מעהר, ווי א פאר טראפענס מיט א פייפען און גרילצען. ער האט איהר אין דר'ערד, ער וועט אבוואוינען אין רום, וויפיעל איהם קומט.

8

די חתונה איז געווען אַהן פּאַראַד און אָהן גרויסע צערעמאָניעס. עטליכע אידען, אַ רעוורענד, לעקער און בראַנפען, קאַרנד ביעף, פּי־קעלס און עטליכע עפּעל. נאָך די חופּה האָט מען אויפגעגעסען און אויסגעטרונקען, וואָס ס'האָט זיך איינגעפונען אויפ'ן טיש, און דער עולם איז זיך צוגאַנגען. דער חתן האָט געהאַט אין זיך אַ רעכטע ביסעל, וואָרים ער האָט זיך ניט געשעהמט און געגעסען און געטרונקען גלייך מיט אַלעמען און נאָך אַ ביסעלע מעהר, און ער איז געבליבען זיצען שווער ביים טיש.

פּעלצמאַן איז געווען שיכור'לעך. ער האָט געלאַכט, געזונגען און געמאַכט אַלערליי העויות. זיין ווייב האָט איהם אריינגע־פיהרט אין בעד־רום און אריינגעלעגט אין בעט אין די „זאַכען“. און באַלד האָט זיך איבער'ן הויז צוטראָגען זיין זעגען און פייפען מיט'ן נאָז.

די כלה האָט אויך געהאַט גענומען אַ לעק בראַנפען און אַ פּאָר זופּען ביער און זי האָט ניט געקענט האַלטען דעם קאָפּ גלייך אויף די פּלייצעס. די אויגען האָבען זיך ביי איהר געקלעפּט.

חתן־כלה זיינען איינגעשלאָפען זיצענדיג ביים טיש. ער אין איין זייט, זי אין דער אַנדערער זייט.

מיסעס פּעלצמאַן האָט דערווייל אַ ביסעלע אויפגעראַמט, וואָס מען האָט „אָנגעמאַכט“ און געטראַכט, אַז די רעכטע אַרבייט וועט זי ערשט האָבען מאָרגען, וואָרים עס זעהט אויס, ווי דאָ וואָל־טען געווען בהמות, ניט קיין מענשען; נאָר, געלויבט דער אויבער־שטער, אָבגע־פּטר'ט, אַבי ס'איז שוין נאָך אַלעמען. און זי האָט אויך געקלעהרט, וואָס דאָ וועט היינט זיין מיט חתן־כלה, ווי לאַנג קענען זיי דאָ אַזוי זיצען און שלאָפען ביי ביידע זייטען טיש.

מיסעס פּעלצמאַן האָט זיך איצט אויך דערמאַנט אָן איהר אייגענער חתונה, די חופּה און נאָך די חופּה, די חופּה־וועטשערע און נאָך דער חופּה־וועטשערע — וועה, וועה, ווי די צייט לויפט אַוועק — אַזוי ווי נעכטען וואָלט דאָס געווען... דערווייל איז איהר איינגע־

פאַלען, אַז זי איז מיט ליזע'ן אין „ערגעץ" ניט געווען... וואָס וועט דאָ אָבער זיין מיט זיי? אַזוי איז דאָך געווים קיין פּלאַן ניט. אויפוועקען זיי! קאַפּלאָוויץ דאַרף דאָך דאָ וואוינען פון איצט אָן — — אַי, אַי, וואָס דאָ וועט זיך נאָך מסתמא אָבטהאָן!...

זי וואָלט ניט וועלען זיין דערביי! וואו וועט מען איהם לעגען? די אויפגעשטעלטע בעטעל ליזע'ס שטעהט קוים איין אויף די פיס, זי וויעגט זיך, סקריפּעט און „זינגט" די גאַנצע נאַכט — זי קען נאָך אין מיטען נאַכט איינפאַלען. וואָס טהוט מען דאָ מיט זיי? נאָר אויפוועקען מוז מען זיי דאָך.

— ליזע, ליזע! — נעהמט זי וועקען ליזע'ן פאַר'ן פּלייצע. — אפשר אויפוועקען פריהער איהם — און זי געהט צו צו קאַפּלאָוויץ'ן.

— מיסטער קאַפּלאָוויץ, מיסטער קאַפּלאָוויץ! — וועקט זי איהם ביים האַנד.

קאַפּלאָוויץ האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך פּאַסמאַקעוועט, אַזוי ווי נאָך אַ גוטען ביסען.

— איהר וואָלט אפשר זיך אַביסעל געגאַנגען אויסרוהען, ס'וועלען אייך וועה טהאָן די גליעדער.

— האַ, יע — מאַכט קאַפּלאָוויץ און פּאַסמאַקעוועט זיך ווידער.

— וואָס טויג אַזוי זיצען? ליזע, ליזע, טשוכע זיך אוים! נעהם, לאָמיר זעהן, וואָס דאָ וועט זיין. הער נאָר, וואָס ער צוואָרבייט דאָרטען אין בעד־רום, ס'געהערט אַ כראָפּען? איך האָב שוין באַלד אַ לאָך אין קאָפּ. וואָס שלאָפסטו ווידער איין?

ליזע האָט געעפענט די אויגען און זיי באַלד צוריק פערמאַכט.

— וואָס האָט ער דאָ אַלץ איבערגעלאָזען אויף מיר? — האָט מיסעס פּעלצמאַן געטרעדט אַזוי ווי וויינענדיג — כ'אַלט מען פריהער אָבגערעדט, וואָס דאָ וועט זיין היינט. זאָל איך זיי לאָזען אַזוי זיצען? — מיסטער קאַפּלאָוויץ, גענוג שוין זיצען אַזוי.

— פיער טעג האָב איך נאָך, פיער טעג צו מיין מאַנאַט! — האָט קאַפּלאָוויץ געגומען ריידען פערשלאָפען.

מיסעס פּעלצמאַן האָט איהם אָנגעקוקט, ווי ער רעדט פון שלאָף, און זי האָט געלאַכט.

קאַפּלאַוויץ האָט זיך אויפגעהויבען, אויפגעזוכט זיין העט און איז אַרויסגעגאַנגען.

מיסעס פּעלצמאַן האָט איהם נאָכגעקוקט ביז ער איז דורך דורכ'ן טיהר. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צו ליזע'ן, „אויפגע־ריסען" איהר. ביידע האָבען אַריינגעטראָגען די בעטעל פון אונ־טער די טרעפּ. מיסעס פּעלצמאַן האָט פון איהר ניט אָבגעטראָ־טען, ביז זי האָט זיך אויסגעטהאָן און אוועקגעלעגט; דערנאָך האָט זי אַראָבגעדרעהט די געז און איז אַריינגעגאַנגען אין בעד־רום איינשטילען איהר מאַן.

9

— עפּעס געהערט? אַנגעקומען? — האָט קאַפּלאַוויץ גע־פרעגט, אַריינקומענדיג אין בייסמענט מאָנטאָג פאַרנאַכט פון דער אַרבייט.

— וואָס געהערט, ווער אַנגעקומען? — האָבען די מענשען אין הויז איהם איבערגעפרעגט.

— פון סאַן פראַנציסקאָ, די געלד.

ליזע האָט אוועקגעקעהרט דעם פּנים.

— אַזוי גיך? — מאַכט פּעלצמאַן — מ'זאָגט ס'איז אַ מהלך פון דאַנען.

— ווען רעכענט איהר?

— מסתמא די טעג, אפשר נאָך שבת'דיגע וואָך.

— אַזוי לאַנג!

— ס'מוז נעהמען צייט.

מען האָט זיך געזעצט צום סאַפּער. קאַפּלאַוויץ האָט געגע־סען, ווי זיין שטייגער איז, אַריינלאָזענדיג די אויגען אין יעדען בי־סען, פאַר'ן אַריינגעהמען אין מויל. נאָכ'ן עסען איז ער אוועקגע־גאַנגען אין סאַלון, צוקוקען צום פּינאָקעל.

אַז קאַפּלאַוויץ איז אַרויס פון הויז, מאַכט פּעלצמאַן:

— איצט מוז מען זעהן נעהמען מאַכען אַ סוף.

ליזע האָט זיך צו־וויינט.

— אַט האָסטו דיר אַ געווין אין מיטען דערינען — מאַכט פּעלצמאַן — וואָס ווײנסטו, גרויסע בהמה? ער וועט דיר אין קאַשע ניט אויפעסען.

— אַז כ׳האָב פריהער געזאָגט, מ׳זאָל איהם אַלצדינג פריהער אויסזאָגען... — האָט ליזע געזאָגט און געכליפּעט.

— און איצט וועט מען פערזאַמען? — זאָגט פּעלצמאַן. — פריהער איז געווען אַ ריזיקע איהם צו זאָגען. אַליין פערשטעהסטו דאָס גאָרניט? לאָז דאָס נאָר איבער צו מיר. מאָרגען בײנאַכט רייד איך זיך מיט איהם גוט דורך און מאַך אַ סוף און אַז עק, ניט אַרײנציהען אין לאַנגען באַנק.

דעם נעקסטען אָבענד איז קאַפּלאַוויץ אַרײנגעקומען אין ביים־מענט מיט דיזעלביגע פראַגען: אויב מ׳האָט געהערט און אויב ס׳איז אָנגעקומען.

— כ׳האָב עפּעס יאָ געהערט, — האָט פּעלצמאַן געזאָגט.

— וואָס׳ט איהר געהערט?

— כ׳בין געווען צוגעפאָהרען אַפּ־טאַון ביי די קרובים.

— נו?

— מ׳האָט מיר געזאָגט, — זאָגט פּעלצמאַן מיט אַ טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט טהאָן אַ טובה מיט זיין ריידען, — אַז דערווייל קען מען נאָך גאָרניט וויסען. די קרובים אונזערע דאָרטען, אין סאַן פראַנציסקאָ, האָבען געטהאָן די צייטען שלעכטע ביזנעס; ס׳הייסט, די סטאָרס זייערע, וואָס זיי האָבען דאָרטען געהאַט, איז געגאַנגען שלעכט, האָבען זיי ניט קיין געלד פּאָרלױפיג דערווייל. מ׳מוז זיין געדולדיג, ביז זייערע ביזנעס מיט די סטאָרס וועט נעהמען געהן גוט, מ׳קען זיך אָבער ניט פערלאָזען אויף „דערינען“. וועט קומען — איז דאָך געוויס גוט.

קאַפּלאַוויץ׳ס פּנים האָט זיך פערפינסטערט.

— איהר וועט זיך דערווייל נעהמען אייער פרוי און אַרײנמור־פען אין רומס.

— וואו׳ט׳ן נעהמען רומס? — קוקט קאַפּלאַוויץ אַן פּעלצ־מאַנ׳ען.

— וואו נעהמען אַלע רומס? אין אַ הויז.

פּעלצמאַן האָט גערעדט מיט חוצפּה און מיט „וויצלעך", כדי קאַפּלאָוויץ זאָל זיך גיכער כאַפּען, וואו ער האַלט אין דער וועלט. און קאַפּלאָוויץ האָט טאַקע געגומען פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, און ער האָט קרום אָנגעקוקט פּעלצמאַן'ען, און צו איהם גערעדט אויף זיינע אויבערשטע טענער און מיט גאַל:

— און די גאַנצע געשיכטע וואָס איהר'ט מיר אָנגעבלאָפט מיט די געלד אין סאַן פראַנציסקאָ איז אַ בלאַף מיט אַ ליגען?!

— רעכענט, ווי איהר ווילט.

— און איהר'ט מיר דאָס אַריינגענאַרט אין זאַק!...

— מיט מיר האָט איהר דאָך ניט חתונה געהאַט.

פּעלצמאַן'ס קאַלטע ענטפערס האָבען נאָך מעהר אויפגערייצט קאַפּלאָוויץ'ן און ער האָט אויסגעשריען:

— איהר זייט אַ גרויסער פערד און איך האָב אייך אין ד'ערד! און אויב איהר ווילט, קען איך אייך נאָך דערלאַנגען, אַז איהר זאָלט וויסען!

— שלאָגען זיך מיט אייך, לוינט זיך מיר ניט! — רעדט פּעלצמאַן קאַלט — איהר האָט געהייראַט, נעהמט זיך אייער ווייב און געהט זיך אייך געזונטערהייט. נעהמט זיך אייך רומס, ווי ס'פיהרט זיך ביי אַלעמען, און אויב איהר ווילט מיט מיר ניט זיין קיין מחותנים, מילא, קען איך זיך עפּעס אַ סך העלפען?

— איכ'ל אייך נאָך ווייזען, אַז איהר'ט ניט געטראָפען דעם אָרט! — האָט קאַפּלאָוויץ געשריען — און איהר'ט נאָך זעהן, וואָס איך בין! אַזאַ לומפּ און אַזאַ פערד! איהר קענט מיר ניט און איהר ווייסט מיר ניט — — —

אין דעם איז אַריינגעקומען ליזע. איהר האָט ניט געלאָזט רוהען; זי האָט געוואָלט וויסען, וואָס דאָ טהוט זיך. און קאַפּלאָוויץ האָט געענדיגט שרייען אויף ליזע'ן:

— ביזט מיר קראַנק געווען צו זאָגען, אַז דו'סט געוואוסט, אַז מ'נעהמט מיר אויף זיכער! כ'האָב דיר אין דר'ערד מיט זיי

צוזאמען, זאָל אייך אַלעמען כאַפּען די כאָלעריע הייַנטיגע נאַכט מיט אַלץ מיט אַנאַנדער!

און ער איז אַרויס פון הויז, דערלאַנגענדיג אַ קלאַפּ מיט׳ן טיהר.

ליזע איז געווען טוידט־צושראָקען און זי האָט גענומען וויינען.

—זאָל מען זיך זעצען עסען — האָט געזאָגט פעלצמאַן — כ׳וויל דאָ נים האָבען קיין געוויינען. און נאָכ׳ן המוציא זאָגט ער צו ליזע׳ן:

— ער׳ט זיך לאָזען איבערבעטען, זעץ זיך עסען.

ביים טיש האָט מען איבערגערעדט, ווי ס׳טרעפט, אַז חתנים אַנטלויפען פאַר דער חופה און נאָך דער חופה. נאָר פעלצמאַן האָט פערזיכערט, אַז מיט קאַפּלאָוויץ׳ן קען דאָס נים זיין: וואו׳ט ער לויפען?

באַלד נאָכ׳ן עסען האָט פעלצמאַן אַריינגערופען זיין ווייב אין בעד־רום. זיי האָבען גערעדט שטיל עטליכע מינוט און מיסעס פעלצמאַן איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּעקעלע אונטער׳ן אָרעם. זי האָט אַ רוף געטהאַן ליזע׳ן און זיי זיינען ביידע אַרויס־געגאַנגען אין סטרים, זיך אַריינגעדרעהט אין מאַנראָע סטריט און אַראָבגעגאַנגען אין אַ בייסמענט, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעמאָהלט מאָדנע בעשעפּעניסען, וואָס האָבען געזאָלט זיין מענשען, זיצענדיג אין וואַנעס.

— ער איז דיין מאַן, און ס׳איז ניטאָ וואָס צו שעהמען זיך און וואָס מורא צו האָבען — האָט מיסעס פעלצמאַן גערעדט צו ליזע׳ן, געהענדיג אַהיים. — אַזוי מוזטו טהאַן, ווי איך הייס דיר, און איהר׳ט לעבען ווי מ׳דאַרף.

ליזע איז געגאַנגען אַ צובראָכענע, אַ דערשלאָגענע און זי האָט געפיהלט גרויס רחמנות אויף איהר מאַן: — ווי ער האָט אויסגעזעהן און ווי ער האָט זיך גענריזשעט. און זי איז דאָך שוין איצט זיינע, זיין ווייב — אַלץ, אַלץ וואָלט זי איצט געטהאַן צו מאַכען, איהם זאָל זיין בעסער. נאָר וואָס מיסעס פעלצמאַן

הייסט איהר טהאָן, וועט איהר אַנקומען שווער. זי האָט מורא, זי וועט דאָס ניט קענען.

אין בייסמענט האָט מיסעס פעלצמאַן ווידער אריינגערעדט אין ליזען.

— ער איז דיין מאַן און פאַר א מאַן שעהמט מען זיך ניט. אַז דו וועסט טהאָן וואָס איך זאָג דיר, וועט זיין אַלץ אראָב און איהר'ט נעהמען לעבען צוזאמען. גרויסער נאַר, רעכען זיך אַליין דורך, אויב ס'טויג ניט, וואָס איך זאָג דיר.

— אָלל־רייט! — האָט ליזע ענדליך געזאָגט — מיין הארצען ווייגט מיר פאַר איהם מעהר ווי פאַר מיר, און פאַר איהם וועט דאָס אויך זיין גוט.

10

נאָך עלף אזייגער, דעם זעלבען אבענד, ווען קאַפּלאָוויץ איז געקומען פון סאַלון און איז געגאַנגען אויף די טרעפּ צו זיין רום, איז אימיצער איהם נאָכגעגאַנגען. אויף די טרעפּ איז געווען פינס־טער, ער האָט ניט געקענט זעהן, ווער עס געהט הינטער איהם און ס'האָט איהם אויך ניט אינטערעסירט צו וויסען, ווער דאָס איז. ער האָט אויפגעשלאָסען זיין רום און אָנגעריבען א מעטש. די פערזאָן וואָס איז איהם נאָכגעגאַנגען, האָט זיך אריינגעכאַפּט אין רום. דאָס איז געווען ליזע, רויט און צושראָקען, מיט א פּעקעלע אין האַנד.

קאַפּלאָוויץ האָט איהר אָנגעקוקט.

— וואָס איז דאָס?

זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען און ניט געענט־פערט.

— וואָס ביזטו דאָ איצט געקומען, צו וואָס?

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן טשער און זיך צו־וויינט.

— וואָס הויבסטו אָן מיט די שטיק? געה ארויס פון דאַנען.

— איך וויל זיין דאָ — האָט זי ארויסגערעדט.

— כ'דאַרף ניט, געה!

— כ׳וועל ניט געהן... כ׳וויל זיין דא... און זי האט זיך מיט געוויין צוגעשפארט צו איהם.

ער האט איהר אוועקגעשטופט מיט כעס.

— ז׳קומט נאך אהער צו מיר... ז׳מיינט, כ׳האב פערגעסען... ניט קענען און ניט וויסען...

— אייבראם... — האט זי געבעטען און געוויינט — הער שוין אויף, לאמיר לעבען ווי אלע מענשען.

— כ׳דארף אייך אלעמען אויף כפרות מיט דיר אין איינעם. דער פארך דארטען וואס ער האט מיר אבגעבלאפט, מיינט ער, ער׳ט איהר אונטערגעשיקט דא, וועל איך זיך דערשרעקען... געה פון דאנען דארטען צו זיי...

— זאל איך קרענקען — האט זיך ליזע גענומען שווערען — אויב זיי וויסען פון וואס צו זאגען... כ׳בין אליין ארויפגעקומען צו דיר... כ׳וויל זיין מיט דיר...

— געה ארויס, כ׳דארף זיך לעגען שלאפען.

— איכ׳ל ניט געהן... דו׳סט זעהן...

קאפלאוויץ האט אויסגעטהאן דעם ראק און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעטעל. ליזע האט זיך איבערגעזעצט אויפ׳ן בעטעל, הארט לעבען איהם.

— לאז מיר געהן שלאפען, זאג איך דיר.

— טו נעהם לעג זיך — האט זי געזאגט און זיך צוריקגעזעצט אויפ׳ן טשער.

— געה דו ארויס.

— כ׳וועל ניט געהן.

קאפלאוויץ האט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל און צוגעמאכט די אויגען.

ליזע האט צוגערוקט דעם טשער צום בעטעל און גענומען גלעטען קאפלאוויץ׳ס פנים.

— לאז מיך צורוה! — ער האט אוועקגעשטופט איהר האנד.

— אייבראם... וואס ווילסטו פון מיר... דו׳סט זעהן, דו׳סט צו מיר ניט האבען...

עס האָט זיך דערהערט אַ פּאָר קלעפּעלעך פון דער מיסעס׳ טיהר.

ליזע איז אויפגעשפּרונגען.

— דאָס קלאַפּט זי צו פערלעשען די געז — האָט קאַפּלאַוויץ געזאָגט.

ליזע האָט דערכאַפּט דעם אָטהעם, אויסגעדרעהט די געז און זיך צוריק געזעצט. זי האָט אַרומגענומען קאַפּלאַוויץ׳ם האַלז און אוועקגעלעגט איהר באַק אויף זיין פּנים.

— וואָס׳ט דאָ זיין? — פרעגט ער, אוועקשטופּענדיג איהר קאָפּ פון זיך.

— רוק זיך אָב אַ ביסעלע... נעהם רוק זיך אַפּעט...

— כ׳דאַרף זיך ניט רוקען און לאָז מיר שלאָפען.

און גלעטענדיג זיין פּנים און איהם קושענדיג האָט זי איהם אַביסעלע אָבגערוקט און זיך אוועקגעלעגט, פעסט אַרומגענומען איהם און אוועקגעלעגט איהר פּנים ביי איהם אויפ׳ן האַרצען. ער האָט זיך איצט געפיהלט שווער און שלעפעריג... איהר צערטלען און איהרע קושען האָבען ביסלעכוויז פערטריבען זיין כעס, און ער האָט גענומען פיהלען אַ רחמנות צו איהר... זי האָט געמוזט טהאָן אַזוי, ווייל זי האָט איהם געוואָלט... און זי האַלט איהם פעסט אַרומגענומען און קושט איהם. ער האָט שווער געאָטהעמט... זי איז אַראָב פון בעטעל, אַראָבגעצויגען פון איהם די שיך, די אויבעריגע זאַכען, אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קליידער, זיך אוועקגעלעגט און איהם פעסט געדריקט צו זיך.

1

בעגינען האָט האָט זיך קאַפּלאַוויץ אויפגעכאַפּט, און ווי ער האָט געעפענט די אויגען, האָט ער זיך קלאָהר דערמאַנט, וואָס מיט איהם איז געווען. ליזע איז געלעגען אויפ׳ן רוקען און עס האָבען זיך געזעהן די צוויי גרויסע שוואַרצע נאַז־לעכער און די בראָדעווקע אונטער׳ן מאָרדע. ער האָט איצט ניט געקענט קוקען אויף איהר און געשאָלטען פעלצמאַן׳ען מיט זיין ווייב ביי זיך אין האַרצען.

זיי זאָלען זיך אויסברעכען די הענד מיט די פיס היינטיגען טאָג.
ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אריין צו די מיסעס זיך וואַשען.
אריינקומענדיג צוריק האָט ער גענומען וועקען ליזע'ן.

— געהסט שוין אוועק? — האָט זי איהם געפרעגט, ווען זי
האָט געעפענט די אויגען און איהם דערזעהן אָן אָנגעטאָנענעם.

— שטעה אויף און דו'סט גוט צושליסען די רום — האָט ער
געזאָגט — צו וואָס'טו דאָס געדאַרפט די גאַנצע געשיכטע?

— געה נאָך ניט אוועק! — האָט ליזע געבעטען.

— דעם שליסעל ס'טו מיר דערלאַנגען, אַז איכ'ל צוקומען דאָ
פאַרנאַכט, — האָט ער געזאָגט און איז ארויסגעגאַנגען.

און קאַפּלאָוויץ איז היינט געגאַנגען צו דער ארבייט מיט אַ
מעהר איינגעבויגענעם רוקען, דעם קאָפּ נידעריגער אראָבגעלאָזען
און די אויגען טיעפער אין דר'ערד. ער האָט געוואוסט און גע־
פיהלט ביי זיך, אַז ס'איז פערפאַלען, ער קען זיך שוין ניט ראַ־
טעווען.

דורכ'ן טאָג האָט ער אויסגערעכענט און אָבגעמאַכט ביי זיך,
אַז ער וועט פעלצמאַן'ן ניט שענקען — אַזוי לאַנג קרענקט ער.
פאַר וואָס זאָל בלייבען ביי פעלצמאַן'ן, וואָס ער האָט איהם צוגע־
זאָגט? דער אָבמאַך איז דאָך געווען, אַז ער, קאַפּלאָוויץ, זאָל
דערווייל'ע זיין ביי פעלצמאַן'ן ביז ער וועט זיך איינפיקסען רומס
פאַר זיך — וועט ער טאַקע קומען דאָרט היינט עסען סאַפּער און
מאָרגען אויך און אַ סענט וועט ער איהם אויך ניט געבען דערפאַר.
זיין מאַנאַט ענדיגט זיך היינט, קען ער נאָך היינטיגע נאַכט שלאָ־
פען אין רום, און נאָך אַ פּאָר נעכט — וואָס וועט זי איהם טהאָן?
זאָל זי איהם געהן וואַרפען, אויב זי וויל! און דערנאָך, אַז ער
וועט שוין האָבען רומס, וועט זיך פעלצמאַן ניט טאָרען ווייזען פאַר
איהם; ער וועט איהם אונטערהאַקען די פיס, און זיין ווייב אויך,
אַז ער וועט זיי כאַפּען ביי זיך אין די רומס, און ליזע וועט האָבען
פון איהם אַ מפּלה... און אָברעכענען זיך מיט זיי אַלעמען וועט
ער זיך נאָך ענעוויי.

נאָך דער ארבייט איז קאַפּלאָוויץ געקומען אין בייסמענט און

זיך געזעצט ביים טיש, געוואַרט ביז מען האָט זיך געזעצט עסען סאַפּער און מיטגעגעסען, קיינעם ניט אָנקוקענדיג. נאָכ'ן עסען איז ער אַוועקגעקראָכען אין קאַנעל סטריט און ארויסגענומען פון באַנק פופציג דאָלאר.

די נעקסטע פאָר טעג האָט ער געגעסען סאַפּערס אין בייסמענט און געשלאָפען אין זיין רום, און דורך דער צייט האָט ער גענומען פיער פינסטערע רומקעס אויפ'ן פיערטען פלאָר, בעצאָהלט זיבעצעהן דאָלאר פאַר אַ מאָנאַט רענט און פאַר די איבעריגע געלד געקויפט עטליכע שטיקלעך סעקאַנד־העינדיגע פאַרניטשור און אַבי־סעל כלים, ביז פון די פופציג דאָלאר איז גאָרניט געבליבען, און זיי האָבען אריינגעמופט.

12

דער חשבון, וואָס פעלצמאַן האָט אַמאָל געמאַכט פאַר קאַפּלאָוויץ'ן, ווי אַזוי עס דאַרף גאָרניט קאָסטען קיין רענט און פון עסען זאָל נאָך איבערבלייבען געלד, — דער חשבון האָט ניט געשטימט. רענט האָט קאַפּלאָוויץ בעצאָהלט זיעבעצעהן דאָלאר און דערוויילע קאָסט איהם טאַקע די זיעבעצעהן דאָלאר. ניטאָ קיין באָרדערס מיט קיין באָרדערקעס. אַ „טו־לעט" הענגט אין דרויסען, ס'קומט אימיצער אַמאָל אריין פרעגען, קוקט אָן די רומקע אָדער דעם פראָנט־רום — פּוסטע רומס מיט נאַקעטע ווענד. קאַפּלאָוויץ וויל ניט אויסגעבען קיין געלד אויף בעטלעך מיט טישעלעך מיט אַ פּאָר טשערס, ס'לוינט זיך ניט צו „לעגען די לעבעדיגע אויף די טוידטע". די אָנפרעגערס ווילען פריהער זעהען, וואו זיי וועלען וואוינען, אויף וואָס „מען וועט זיי לעגען". און אז זיי דערהערען, אז פריהער דאַרפען זיי געבען געלד, און דערנאָך ערשט וועט מען פאַר זיי קויפען „זאַכען", קומט זיי די געשיכטע פאַר פערדעכטיג און זיי געהען אַוועק. דער חשבון מיט עסען איז אויך אַזוי פאַלש, ווי מיט די רענט; אַלע טאָג מוז ער איהר געבען געלד, און וויפיעל ער גיט — איז ווענינ. די זעכצעהן דאָלאר, וואָס ער פערדיענט יעדע וואָך, געהט כמעט אינגאַנצען אַוועק, ס'הייסט,

אבלעגענדיג אלע וואך אביסעל אויף די רענט, וואס באלד וועט מען מוזען צאהלען נאך א מאל.

פון דער ארבייט קומט קאפלאוויץ א פינסטערער, א פערכמור־רעטער, און אויסטהוענדיג דעם רעקעל, פרעגט ער ליזע'ן, וויפיעל געלד ס'איז איהר געבליבען פון דאס, וואס ער האט איהר אין דער פריה איבערגעלאזען. זי זאגט איהם, געוועהנליך, אז ס'איז איהר גארניט איבערגעבליבען און זי האט נאך געמוזט צובארגען עטליכע סענט. נעהמט ער אויסרעכענען, ווי אזוי.

— כ'האב דיר איבערגעלאזען פערציג סענט, טו ווי אזוי קען דאס זיין?

און זי רעכענט איהם אויס און ער הערט זיך איין מיט צונויפגעצויגענע אויגען, צו דערכאפען יעדען סענט.

— פלייש האט מיר געקאסט אכטצעהן סענט?

— פארוואס אכצעהן סענט?

— אזוי האט עס אויסגעמאכט.

— שוין נייעסען! נעכטען איז געווען פופצעהן, היינט איז שוין אכצעהן.

— האסט מיר ניט אנגעזאגט, אז לעבער אויך?

— א סוף, א סוף, וואס נאך?

— פאטייטאס קאסט זעקס סענט?

— האסט דאך געקויפט נעכטען.

— איז נעכטען אוועקגעגאנגען און אויף היינט איז שוין ניט געווען.

— נו?

— פיער סענט בין איך שולדיג געבליבען פון נעכטען?

ער הערט אויף פרעגען, לאזט אראב דעם קאפ און שילט:

—זאל ער גע'הרג'עט ווערען היינטיגע נאכט מיט איהר אינאיינעם.

ליזע ווייס, ווען ער מיינט — דאס איז פאר פעלצמאן'ן מיט זיין וייב. קאפלאוויץ זאגט קיינמאל ניט ארויס דעם ווארט פעלצמאן, נור „זי“ אדער „ער“.

זי שווייגט. טאמער וועט זי נאך אויסריידערן א ווארט, קריגט זי אויך דיזעלביגע.

זי גרייט דעם טיש און האט מורא א קוק צו טהאן אויף איהם. אין הארצען ביי איהר איז פול און זי וואלט וועלען ארויספלאצען מיט־א געוויין. זי ווייס נאך ניט, ווי אזוי דער סאפער וועט אבגעהן. ביי יעדען מאל עסען האט ער וואס צו זאגען, אז זי זאל זיך ווערגען מיט יעדען ביסען. און זי ווייס און זי פיהלט, אז זי עסט זיינע און ער פערגינט איהר ניט, און קוקט אויף איהר ווי אויף זיין גזלן, וואס האט זיך אנגעזעצט אויף זיין קאפ. ער עסט און ווארפט אלע ווייל א קוק אויף איהר, אין איהר טעלער, און נאכ'ן עסען קוקט ער איבער די טעפלעך. איהם דאכט זיך אלץ, אז ווען ער געהט ארויס נאך סאפער, קומט דא פעלצמאן מיט זיין ווייב און ליזע גיט זיי עסען. און דער סאפער געפעהלט איהם קיינמאל ניט, און ער רעדט פאר זיך:

— גלאט געקאכט... אהן טעם און אהן ריח... אין מויל ניט צו נעה־מען... דער סאפער איז אפילו קיין פופצעהן סענט אויך ניט ווערטה...

ענטפערט זי א ווארט, נעהמט ער שילטען פעלצמאן'ן מיט זיין ווייב, און איהר אויך:

— זאלען זיי געהן אין דר'ערד מיט דיר אינאיינעם! וואס האסטו צו פערבייסען?

— ס'האט מיר געפעהלט געלד.

— וועל איך געהן גנב'ענען פאר דיר מיט זיי!

— וואס האסטו ארייגצומישען זיי?

— אז איך וועל ביי דיר פרעגען... מ'ארבייט אפעט א טאג, עסט מען דערנאכדעם מכות.

— א גאנץ גוטער סאפער געוועזן, — ענטפערט זי אמאל.

— פאר דיר נאך צו־גוט! דארטען, ביי זיי, ס'טו געהאט גוטע עסענס.

— כ'בין פון הונגער ניט געשטארבען...

— סיידען זיך אנדינגען ביי א מיסעם סאפערס... כ'וועל דאס מוזען טהאן... וויפיעל מ'גיט, ז'איהר ווענינ...

און ער געהט אוועק אין סאלון צוצוקען צום פינאקעל.

איצט צו־ווײנט זיך ליזע אראבנעהמענדיג פון טיש. דערנאך געהט זי אוועק צו פעלצמאן'ן און פאלט דארטען אריין מיט א געוויין.

— נאך אלץ משוגע? שוין ווידער? — פרעגען זיי איהר.

זי ווײנט און דערצעהלט, אז זי קען שוין מעהר ניט אויסהאל־טען. זי וועט אנטלויפען וואוהין די אויגען וועלען איהר טראגען.

זיי טרייסטען איהר:

— ס'איז נאך דא ערגערע פון איהם, — זאגט פעלצמאן — זיי דו נאר אליין א מענש, א ווייב קען פון א מאן אלץ מאכען.

— כ'וועל דאס ניט אויסהאלטען, — ווײנט ליזע אין ביידע הענד — איכ'ל זיך א מעשה אנטהאן.

— רייד ניט ווי א נאר און זיי בעסער א מענש — פון אזעלכע רייד וועט קיינעם גארניט ארויסקומען.

און ליזע ווײנט און דערצעהלט, אז ס'ווערט אלץ ערגער און ערגער; זי קען שוין אויף איהרע פיס ניט איינשטעהן פון צרות.

באלד שיקען זיי איהר אהיים.

— געה, געה בעסער אהיים, — זאגט פעלצמאן — ער'ט זיך נאך דערוויסען, אז דו ביזט דא געוועזן.

— מעהר פעהלט אונז שוין טאקע ניט! — כאפט אונטער מיסעס פעלצמאן.

און ליזע געהט אהיים.

13

עס איז געוועזן דריי מאנאט נאך דער חתונה.

בעגינען האט ליזע אנגעזאגט איהר מאן, אז ער וועט ווערען א טאטע. אנגעזאגט די בשורה האט זי איהם מעהר מיט שרעק, ווי מיט נחת.

ווי אזוי דיעזע בשורה האט אויף איהם געווירקט, האט זי אויך ניט געקענט וויסען, ווארים ער האט אויף איהר ניט געקוקט

און צו איהר ניט גערעדט. נאָר פאַר'ן ארויסגעהן פון הויז, דער־לאַנגענדיג איהר די געלד, האָט ער איהר אָנגעזאָגט:

— וועסט מיר היינט קאָכען פיש אויף סאַפּער — זאָלסט אויסקלייבען גוטע און גרויסע, און ס'זאָל זיין גוט אויסגעקאָכט, ס'געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט?

ער האָט נאָך אמאָל איבערגעטאַפּט די קליינגעלד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אויפ'ן טיש און איז ארויסגעגאַנגען.

נאָך האַלבען טאָג איז ליזע אַוועקגעגאַנגען צו מיסעס פעלצ־מאַן און זיי זיינען ביידע אוועקגעגאַנגען אין העסטער סטריט, זיי האָבען דאָרט ניט געקענט קריגען קיין מציאות און זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזען צו דעלענסי סטריט בריק. זיי האָבען דאָרט אי־בערגעטאַפּט אַלע פיש און פישלעך, געדונגען זיך און איינגעקויפט די נויטיגע קלייניגקייטען, וואָס עס פאָדערט זיך צום פיש קאָ־כען. מיסעס פעלצמאַן איז אראָב צו זיך אין בייסמענט, אָנזאָגענ־דיג ליזע'ן, זי זאָל דערוויל „מאַכען" די פיש, און שפּעטער אביסעל וועט זי זיין ביי איהר און איהר ווייזען, וואָס ווייטער צו טהאָן, ווי אזוי צו קאָכען און אכטונג צו געבען. אין אַ פּאָר שעה ארום איז מיסעס פעלצמאַן געקומען צו ליזע'ן, מיטברענגענדיג מיט זיך אַ קופּערנע פּענדעל — פיש קאָכט זיך גוט אין אַ קופּערנע פּענדעל. מיסעס פעלצמאַן האָט ארויפגעשטעלט די פיש אויפ'ן געז־אוי־ווען, אָנגעזאָגט ליזע'ן ווי אזוי און ווי לאַנג ס'דאַרף זיך קאָ־כען, און זי איז אוועק צו זיך אהיים.

און ליזע איז געשטאַנען ביים אויווען און קיין אויג ניט אראָבגענומען פון פּענדעל, און אַלע ווײלע אריינגעלאָפּען נעקסט דאָר אַ קוק טהאָן אויפ'ן זייגער. זי האָט געוואָלט אויסמאַרקירען אזוי, אז ער זאָל טרעפען די פיש היים, קאָכעדיג, אַקאָרשט פון פייער, ווי ער האָט האָלט. מיסעס פעלצמאַן האָט זיך ארויפגע־כאַפּט אויף נאָך אַ פּאָר מינוט, פערזוכט די יויך, אויסגעפונען, אז עס פעהלט אַ קאָפּ זאַלץ, און נאָך אמאָל אָנגעזאָגט ליזע'ן, זי זאָל גוט אכטונג געבען.

און ליזע איז געווען זיכער, אז היינט וועט ער שוין זיין

צופרידענ. קיין איין סאפער איז נאך ניט אוועק, עס זאל איהם געפעלען און ער זאל ניט געפינען קיין חסרונות, אויסרעכענען מיט וויפיעל עס קאסט איהם איצט טהייערער, וויפיעל עס געהט ביי איהם אוועק איצט א וואך מעהר ווי פריהער. ער האט קיין איין סענט ניט געסייפט זינט ער איז אין די רומס, און די פופציג דאלאר וועט ער קענען אריינטראגען צוריק אין באנק, אז משיח וועט קומען, אדער אז ער וועט פטור ווערען פון זייערע אלעמענס קעפ, ס'הייסט, פון ליזע'ס מיט פעלצמאן'ען מיט זיין ווייב. און פריהער איז איהם געווען בעסער און ער איז געווען רוהיגער. ער האט בעצאהלט און גענוג. איצט איז אלע אין דער פריה געלד — און עס פעהלט נאך אויס, און באלד איז ווידער די רענט. און ער שילט איהר מיט פעלצמאן'ען מיט זיין ווייב, וואס מען האט זיך אנגעזעצט אויף זיין קאפ, און ער וועט נאך פטור ווערען פון זיי אלעמען.

היינט איז ליזע געווען זיכער, אז ער וועט הנאה האבען פון די פיש, און זי וועט איהם ניט זאגען, אז זי האט צוגעליהען עט־ליכע סענט, זי וועט שוין ווי עס איז אויסצאהלען, זי וועט אבריי־סען יעדען טאג וויפיעל ניט איז; און זי וועט היינט ניט זעצען זיך עסען ביים טיש מיט איהם צוזאמען, ער זאל אויף איהר ניט קוקען און עסען רוהיגער. זי וואלט נאך געוואלט אויסקאכען אביי־סעל עפעל אויף צו פערבייסען — ער האט האלט געקאכטע עפעל. פארוואס האט זי ניט גענומען ביי מיסעס פעלצמאן נאך עטליכע סענט? נאר איצט איז שוין צו שפעט, זי קען ניט ארויסגעהן און איבערלאזען די פיש אליין.

זי איז אריינגעגאנגען נעקסט־דאר זעהן דעם זייגער — האלב נאך זעקס — נאך פינף און צוואנציג מינוט — ער קומט פאר זיעבען. די פיש שמעקט ארוים פון פענדעל; עס איז שוין אייי־גענטליך פארטיג, שוין ניטא גאר וואס מעהר צו טהאן ביי דעם — זאל עס נאך אבער שטעהן אויפ'ן פייער, ער זאל דאס געפינען קאכעדיג. די פיש איז ארויסגעקומען גוט, א סך בעסער, ווי זי האט אליין גערעכענט. זי האט אביסעל אראבגערדעהט די געז

אונטער'ן פּענדעל, אַכטונג צו געבען איז שוין מעהר ניטאָ וואָס. זי האָט אַנגעשעפּט אַ לעפעל יויך און אַריינגעטראָגען נעקסט־דאָר און געבעטען דער פרוי צו פּערזוכען. יענע האָט געטהאָן אַ פּאָר קליינע זופּעלעך, זיך גוט „איינגעהערט", און געזאָגט איהר מיינונג, אַז ס'איז גוט, אויסגעצייכענט, בעסער קען גאַרניט זיין. ליזע האָט געקוואָלען הערענדיג איהר מיינונג. די ווייבער האָבען זיך צורעדט מכח קאָכען פיש. ליזע האָט זיך צוגעזעצט; זיי האָבען גערעדט, געפּלוידערט, אַריינגעפאַלען איינע די אַנדערע אין די רייד, גערעדט פון עטליכע זאַכען מיט אַמאָל.

— זעהט נור, — טהוט די פרוי אַ זאָג — ס'הערט זיך עפּעס שטאַרק פערברענטע.

ליזע האָט מיט שרעק זיך אויפגעהויבען און אַריינגעלאָפען צו זיך אין קיטשען.

קאַפּלאָוויץ האָט זיך איצט בעוויזען און איז געבליבען שטעהן אין טיהר.

די קיטשען איז געווען אָנגעפילט מיט „געברענטע" און פון פּענדעל האָט זיך געטראָגען אַ שוואַרצע פּאַרע. ליזע איז צומישט און פליהט פון אייןווינקעל אין אַ צווייטען, ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ פּאַסטקע.

— וואָס איז! פּערדרעהע די גען! — האָט קאַפּלאָוויץ נע־מורמעלט — ניט אַזאַ גוואַלד, ניט אַזאַ גוואַלד!

ער איז צוגעגאַנגען און פערדרעהט די גען אונטער'ן פּענדעל — ניט זיין פּענדעל — האָט ער דערקענט.

ליזע האָט נאָך אַלץ ניט געקענט צו זיך קומען פון שרעק.

— ס'טרעפט אַמאָל — האָט קאַפּלאָוויץ געזאָגט — מ'דאַרף אַכטונג געבען... ס'ט'ווייסען אויף נאָך אַמאָל.

דאָס האָט היינט קאַפּלאָוויץ גערעדט אַזוי „גוט" צו זיין ווייב, ווייל ער איז היינט געווען אַ גרויסער בעל שמחה פון דער בשורה, וואָס די ווייב האָט איהם אין דער פריה אַנגעזאָגט. ער האָט דעם גאַנצען טאָג געפיהלט, אַז די האַרץ זיינע ווערט ברייטער, ברייטער, און ער האָט עטליכע מאָל אַ שמייכעל געטהאָן צו זיך. נע־

הענדיג אהיים האט ער געהאט אין זינען און אין הארצען צו טהאן עפּעס גוטס פאר זיין ווייב, און געפינענדיג איהר אין אזא צרה, איז ער שטארק גערירט געווארען.

זיי האבען זיך געזעצט עסען וואס מען האט ארויסגעראטעוועט פון פייער. ליזע האט געפיהלט, אז איהר קומט א שטראף פאר איהר היינטיגער ארבייט און זי האט דעם קאפּ ניט אויפגעהויבען. קאפּלאוויץ האט איהר ניט געמאכט קיין פארווירפע, אלץ געפרעגט, ווי אזוי דאס איז געווען און איהר געזאגט, אז מען מוז אכטונג געבען.

ביים ארויסגעהן פון הויז, נאכ'ן עסען, האט קאפּלאוויץ געעפענט דעם פּארטמענע, ארויסגענומען פון דארט א צעהן סענטיגען, זיך פערקלעהרט אויף א ווײלע, ארויסגענומען נאך א ניקעל און דערלאנגט ליזע'ן.

— נא! — האט ער געזאגט — סט'זיך קויפען וואס דו גלייבסט גוט צום עסען. ס'איז בעזונדער, ס'האט ניט צו טהאן מיט יענע, וואס איך גיב דיר אין דער פריה. ס'ט'זיך נעהמען „צוזעהן" אביסעל, נאך אמאל גיב אכטונג, אז דו קאכסט.

און ער איז אוועק צוקוקען צום פינאקעל. אין עטליכע מינוט ארום איז ליזע אוועק מיט'ן צעהן סענטיגען און מיט'ן ניקעל אין פערקוועטשטען הויפען, און איבערפילט מיט גליק, אנזאגען די גוטע בשורה פעלצמאן'ן.

דער געוועזענער איידעם

די פֿאַמיליע קרעמער איז בעשטאַנען פֿון דריי מענשען: דער טאַטע, די מאַמע און זייער איינציגע טאָכטער, שרה. אַז די טאָכטער האָט חתונה געהאַט, האָט זי ניט פֿערלאָזען די הויז פֿון איהר טאַטע־מאַמע, נאָר זי און איהר מאַן, איזידאָר, זיינען געבליבען וואוינען מיט איהרע עלטערען.

קרעמער איז געווען אַ באַלעבאַטישער איד, אַ גמרא־לערנער. אַ זעהר קלוגער איד, און געמאַכט אַ שעהן לעבען פֿון זיין ליקער־סטאָר. ער האָט געקענט טהאָן מיט זיין איינציגער טאָכטער אַ פּיעל בעסערן שידוך ווי מיט איזידאָר'ן — אַן אָרימער אינשורענס־אַגענט; ער האָט געקענט געבען שרה'ן עטליכע טויזענדער נדן, נאָר ביי שרה'ן און איזידאָר'ן איז געווען אַ שטאַרקע ליעבע, זייַנען טאַטע־מאַמע ניט געווען דאַגעגען. איזידאָר האָט אויפֿגעגעבען די אינשורענס און דער אַלטער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין ליקער־געשעפֿט. ער האָט איהם ניט געמאַכט פֿאַר קיין שותּף און איהם אויך ניט געצאָהלט קיין ווייִדזשעס. די פֿירמע האָט געטראָגען דעם זעלבען נאָמען: סאַלאָמאָן קרעמער; און עס איז אויך ניט נויטיג געווען צו פֿיהרען חשבונות. געלד איז געווען גענוג, די קאַסע איז געווען אָפֿען, קיינער האָט קיינעם ניט נאָכגעקוקט; דער געשעפֿט האָט טאַקע געהערט צו סאַלאָמאָן קרעמער, אָבער שרה איז געווען זיין איינציגע טאָכטער, און פֿאַר וועמען דאַרף ער די געלד, און פֿאַר וועמען וועט עס בלייבען, אויב ניט פֿאַר שרה'ן און איזידאָר'ן?

טאַטע־מאַמע זיינען אין איין הינזיכט געווען העכסט־צופֿריעדען, וואָס שרה האָט זיך אויסגעקליבען אַן אָרימען חתן — אַ פֿערמעגליכער מענש מיט אַ געשעפֿט וואָלט איהר דאָך אָוועקגע־

נומען פון זיי. דער ארימער אינשורענס־אגענט אבער האט זיך ארייגגעקליבען צו זיי אין הויז, און שרה איז געבליבען ביי זיי, און עס איז נאך צוגעקומען איהר מאן, אזוי ווי א אייגענער זוהן, און די פאמיליע וועט זיך פערגרעסערען. זיי האבען געווים געוואלט זייער טאכטער זאל חתונה האבען און לעבען גליקליך, פונדעסט־וועגען האבען זיי אלע מאל מורא געהאט פאר דעם טאג, ווען זי וועט זייער הויז פערלאזען און זיי וועלען בלייבען אליין; און איבערהויפט די מאמע: זי האט ממש געציטערט פאר דער מי־נוט. דער איידעם, איזידאר, האט זיי גערופען נים „שווער" און „שוויגער", נאר „פאפא" און „מאמע", און פאר די אלטע לייט איז צוגעקומען נאך א גרויסער נחת. דערצו האט זיך נאך דער איידעם, א יונגערמאנטשיק פון אינגעלשען אויסזעהן, מיט דיניג־קע, זאמדיגע וואנסעלעך, גוט ארייגגעפאסט ביי קרעמער'ן אין הויז. ער איז געוועזן אן אמת־אידישער יונגערמאן, נים קיין למדן, נאר אזוי א רעליגיעזער, פלעגט געהן שבת אין שוהל מיט'ן שווער, און שבת־ביי־נאכט אין הויז, אז עס פלעגען זיך צונויפקומען מענשען, שוהל־אידען, און מען פלעגט ריידען וועגען חזנים, מגידים, וועגען שוהל־זאכען און רעליגיאז־ענינים, איז איזידאר אויך אין דעם נים געבליבען הינטערשטעליג, און פלעגט קריטיקירען, היצען זיך, געבען עצות.

די הויז איז געווען אנגעפילט מיט ליעבע און גליק. אבער נים אויף לאנג. עטליכע מאנאט נאך דער חתונה איז די טאכטער, שרה, שראנק געווארען און געשטארבען נאך אן אפעראציע.

נאך שבעה, אז זיי האבען אביסעל זיך דערכאפט פון דעם שרעקליכען קלאפ און האבען שוין מעהר קיין כח און קיין טרעה־רען נים געהאט צו וויינען, האט מען געעפענט די סטאר און אי־זידאר האט ווייטער געפיהרט דעם געשעפט, ווייל דער אלטער איז נים געוועזן מעהר דער זעליבגער וואס פריהער, — נים נור האט זיין פנים און זיין גאנצער געשטאלט זיך געביטען, איינגע־פאלען און פערפינסטערט געווארען, נאר אויך זיין גייסט, זיין

מה איז אזוי ווי בעצויגען געווארען מיט א שווארצער דעקע, און ער האט גאר אפט ניט קלאהר בענומען, וואס מענשען האבען צו איהם גערעדט, און ער האט בשום אופן ניט געקענט אריינטהאן זיך אין די פעסלעך און פלעשער משקאות. שרה איז געשטאר־בען... שרה איז ניטא... שרה איז פון איהם אויף אייביג אוועק־גענומען געווארען... פלעגט ער בלייבען שטעהן אין מיטען סטאר ווי א תם, מיט א פלעשעל, צי מיט א גרויסע שטרוי־בעצויגענער כלי אין האנד. און דערצו האט ער נאך געמוזט זיין וואס מעהר אין דערהיים לעבען דער אלטער, ווארים אלץ איז ער נאך געבליבען שטארקער פון איהר, און ער האט געמוזט געפינען פאר איהר א טרייסט־ווארט און ניט איבערלאזען איהר אליין צו־לאנג.

דעם טאטען׳ס חושים האבען זיך אויסגעלייטערט פריהער איידער די מאמעס. ער איז שטארק פערעלטערט געווארען און דער שרעקליכער וועהטאג האט איהם ניט נאכגעלאזט אויף א רגע; נאר זי, די מאמע, איז אינגאנצען דערשלאגען געווארען. געוועזען איז זי א קליין־געוויקסיגע, דארע, ניט איבעריגס־געזונטע פרוי, איז זי איצט ביז צו דער ערד איינגעבויגען געווארען, און זי האט ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך צו געבען גאט גערעכט, אז ער ווייס מסתמא וואס ער טהוט, און אזוי דארף עס זיין.... זי האט ניט געקענט און ניט געוואלט גאר פערנעהמען די רייד פון איהר מאן, אז זיי, טאטע־מאמע, טארען ניט, האבען קיין שום רעכט ניט צו זיין אונצופריעדען מיט דעם וואס גאט טהוט. דער אלטער האט צו איהר גע׳טענה׳ט, געקנעלט און געגעבען איהר צו פערשטעהן, אז דער מענש איז ארים און הויל, ווי דער ווארים אויף דער ערד, קיין זאך וואס דער מענש פערמאגט, איז ניט זיינס. ניט גאט עפעס דעם מענשען, האט דער מענש נאך אלץ אויף דעם קיין דעה ניט און טאר דאס ניט אנרופען „מיינע" — א סך ברענגט עפעס דער מענש מיט זיך, אז ער קומט אויף דער וועלט? ער ברענגט גארניט און געהט אוועק מיט גארניט. און דער מענש מוז זיין אונטערטעניג און דאנקען פאר די ווייל וואס גאט לאזט איהם זיך אנפרעהען מיט א גוטע זאך, — האב איך דארום קיין

רעכט ניט צו זאָגען דעות און זיין אונצופרידען. דריי און צוואַנ־ציג יאָהר האָט גאָט געהאַלטען ביי אונז זיינס אַ פּקדון, אַ טאָכ־טער שרה, ניט אונזערס — זיינס, און מעהר האָט ער ניט געוואָלט לאָזען אונז האַלטען. ער האָט ניט געוואָלט מעהר האַלטען זי ביי אונז און ער האָט איהר צוריק צוגענומען. טו ווי קען איך אונ־טערשטעהן ניט צו וועלען ליידען און זאָגען, אַז עס טויג ניט אַזוי, אַז ער טהוט ניט גוט? ווער בין איך דאָס אַזוינס, צו זאָגען איהם אַ דעה? און איך מוז איהם דאַנקען מיט מיין מויל און מיט מיין הארצען פאַר די דריי און צוואַנציג יאָהר וואָס ער האָט אונז געלאָזט אַנפרעהען זיך. שרה איז קיינמאָל ניט געווען אונ־זערע. קען דאָך דער מענש פרעגען, צו וואָס דאַרף גאָט גאָר אין גאַנצען געבען און דערנאָך צונעהמען, און דער מענש זאָל נאָך מוזען זינדיגען? — טאָרען מיר זיך אָבער ניט אַריינמי־שען און קיין זאַך ניט איבערפרעגען. מסתמא ווייס דאָך גאָט, אַז אַזוי איז בעסער.

שרה׳ס מאַמע פלעגט אויסהערען די דאָזיגע שטראָף רייד מיט צוזאַמענגעדריקטע ליפּען, אָבער וואָס צו ענטפערען האָט זי ניט געהאַט. זאָגען אַז גאָט איז אונגערעכט, ער האָט ניט ריכטיג געטהאָן — דאָס האָט זי ניט געקענט; אָבער צוגעבען, אַז עס איז גוט אַזוי, אַזוי דאַרף זיין — האָט זי אויך ניט געקענט, ניט מיט׳ן מויל און ניט מיט׳ן הארצען... זי ווייס, אַז רחמנות׳דיג איז זיך גאָט ניט בעגאַנגען... ער האָט שרה׳ן ניט געדאַרפט צונעה־מען פון דער וועלט... ניט אונטערהאַקען אַזאַ יונגען בוים... און זאָל זיין, אַז זי, די מאַמע, צי דער טאַטע, האָט געזינדיגט און זיי פערדיענען די שטראָף און זיינען ניט ווערטה צו האָבען אַזאַ טאָכ־טער, איז דאָך שרה אין דעם ניט שולדיג געווען; שרה איז געווים ניט געווען זינדיג... ניט גוט אַזוי... איהר יונגער לעבען האָט ניט געדאַרפט איבערגעשניטען ווערען...

די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען מיט די אויגען איינגעגראָבען אין דר׳ערד, און איהר צער און יסורים זיינען געווען דורכגענומען מיט אַ בעהאַלטענעם צאָרן אויף איהר מאַן, שרה׳ס פאָטער, וואָס ער

געפינט א גערעכטפערטיגונג אויף שרה׳ס טויט... זי האט ניט געקענט און ניט געוואלט טראכטען אביסעל ווייטער, אז דער טאטע רעדט די דאזיגע רייד צו איהר ניט מיט׳ן גאנצען הארצען זיינעם און דאס רעדט ער אזוי צו איהר, כדי צו לינדערען איהר וועהטאג... איינריידען איהר, אז דער שאדען איז גאר אין דער אמת׳ען קיין שאדען ניט... און זי האט איהם ניט געקענט מוחל זיין...

און א כעס האט אין הארץ געזאטען אויף איהר מאן, שרה׳ס פאטער, וואס ער פיהרט נאך אן געשעפטען ווי געוועזן; געהט אין סטאר, האט צו טהאן מיט מענשען... ניין, ניט אזוי דארף ער טהאן. זי דארף ניט מעהר קיין סטארס און ער דארף דאס אויך ניט. איין זאך דארפען זיי איצטביידע טהאן: זיצען אבגעשלאסען און וויינען, קלאגען אויף זייער בראך און ניט אויפהערען, קיינמאל ניט אויפהערען, ביז זיי וועלען זיך אויסלאזען און אוועקפאלען... אזוי דארפען זיי טהאן, און ניט ווייטער אנפיהרען א וועלט. סטארס דארף ער!...

דער סדר פון לעבען אין הויז איז ניט מעהר געגאנגען מיט׳ן אלטען גאנג. די טעגליכע מאהלצייטען, וואס זיינען פריהער געווען אפיציעל און פארארדנע, ווי שבת אדער יום טוב, מיט׳ן קלאהרען טישטוך, מיט די זילבערנע געשיער, אלע צוזאמען און יעדער איינער אויף זיין בעשטימטען ארט — דאס איז ניט מעהר פארגעקומען. די דיענסט קאכט, גרייט צום טיש, נאר די שטוהלען ארום טיש שטעהען לעדיג. איזידאר מוז זיין אין סטאר, דער אלטער אליין זיצט ביים טיש. ער האט שוין אויפגעהערט זאגען, בעטען, דערצעהלען דער פרוי, זי זאל געהן צום טיש. זי וויל ניט עסען און זי עסט ניט. גאנצע טעג לעבט זי אב מיט א גלאז טהע און א פאר ביסען פון וואס־ניט־איז. און זי קען דעם שעהן־געדעקטען טיש ניט אנקוקען פאר איהרע אויגען. און א געוואוינהייט האט זי זיך געמאכט צו געהן און זיצען תמיד מיט א פאטשיילע איבער׳ן קאפ, אראבגערוקט ווייט איבער׳ן שטערן און אונטען ביז איבער׳ן מויל, אזוי, אז ס׳זעהט זיך בלויז ארויס די נאז און

א ברעקעל פון איהר פנים. זי קען אזוי אוועקזיצען בעהאלטען אין פאטשיילע אין א ווינקעל פון הויז עטליכע שעה נאכאנאנד און קוקען אויף א שטיקעל פלאר און זעהן ווי מען לעגט אריין איהר טאכטער אין קבר און מען בעשיט זי מיט א בארג ערד... און זי ליידט דורך יענער'ס וועהטאגען בשעת'ן קרענק און די גסיסה־יסורים... און געהענדיג אויפ'ן גאס זעהט זי אויפ'ן סייד־וואק דעם בארג ערד...

מאנאטען זיינען פאראיבער. דער אלטער קרעמער איז דורך דער צייט נאך מעהר צוגעבונדען געווארען צו זיין געוועזענעם איידעם, איזידאר, און עפעס אזוי ווי די ליעבע וואס ער האט אין זיך געהאט פאר זיין טאכטער, וואלט אויף איזידאר'ן איבערגע־גאנגען. ער האט איהם אלע מאל גערופען „מיין זוהן"; נאר דאמאלס, אז די טאכטער האט געלעבט, זיינען די פאר ווערטער „מיין זוהן" געווען פאר דעם אלטען א לוקסוס־זאך, א געשמאקע שפיעל; דורך דיעזע פאר ווערטער האט ער שטארקער אויסגע־דריקט די הייסע געפיהלען זיינע צו זיין בת־יחידה... איצט אבער, רופענדיג איזידאר'ן, דעם געוועזענעם איידעם זיינעם, „מיין זוהן", האט ער געפיהלט, אזוי ווי ער שפאט אב פון זיך אליין, און דאך אין דער זעלביגער צייט געוואלט איינריידען זיך, אז איזידאר איז טאקע זיין זוהן, איהם האט זיך אבגעשטעלט א זוהן...

די מאמע האט די ערשטע צייט נאכ'ן אונגליק געהאט אי־זידאר'ן ווייניג אין זינען — צופיעל איז איהר געדאנק געווען פערנומען מיט דער פערשטארבענער, און פאר קיין אנדערען און פאר קיין אנדער זאך איז קיין ארט ניט איבערגעבליבען. אבער שפעטער, אז איהרע אויגען האבען זיך אביסעל ברייטער געעפענט און איהר מח האט אנגעהויבען אויפקלעהרען זיך, האט זי געקוקט אויף איהר געוועזענעם איידעם מיט גאר ווייניג ליעבע, אין דער אמת'ן, מיט שנאה און בעהאלטענעם כעס. זי האט צו זיך אין איהרע געדאנקען געזאגט. אז דער געוועזענער איידעם פערנעהמט שרה'ס ארט... שרה ליעגט אין דר'ערד — און ער לעבט... וואלט

זי געהאט א דעה, וואלט מען זיך ביי איהר אנגעפרעגט, ווער פון זיי ביידע ס'זאל שטארבען, וואלט זי אויסגעקליבען איהם, דעם געוועזענעם איידעם, און ניט איהר טאכטער... און פאר וואס קומט דאס איהר טאכטער צו ליגען אונטער א בארג ערד? ! זי האט איהם, דעם געוועזענעם איידעם איהרען, אין איהר הארצען ניט געשאלטען און ניט געוואונשען, ער זאל שטארבען, אבער זיין לעבען האט זי איהם ניט פערגונען... ער לעבט... ער לעבט... ער לעבט...

עס איז אזוי אויסגעקומען, אז איזידאר האט מיט דער אלטער וועניג־וואס פערבראכט צוזאמען. ער שטעהט אויף פריה, די דיענסט גיט איהם פריהשטיק און ער געהט אוועק אין געשעפט; אהיים קומט ער שפעט ביינאכט און געהט באלד שלאפען. אין געשעפט האט זיך די אלטע קיינמאל ניט געמישט, זעלטען־ווען איז זי געקומען אין סטאר אריין; נאר איצט, אז די אלטע האט שוין געקענט טראכטען ניט נור פון איהר פערשטארבענער טאכטער, נאר אויך פון דעם לעבעדיגען געוועזענעם איידעם, האט זי אנגעהויבען אריינקומען אפט אין סטאר, אנקוקען ווי איזידאר באלעבאטעוועט... און דאס האט זי געטהאן, אום אויפצוראיען טיעפער איהר וואונד, ס'זאל שניידען און וואס מעהר וועה טהאן... און געזעהן האט זי אויף איהר געוועזענעם איידעם, אז ער האט ניט מעהר שרה'ן אין זינען... ער טראכט ניט פון איהר... ער האט שוין פערגעסען... ער שטעהט אין א גוטען געשעפט; וואס פעהלט איהם און וואס האט ער צו זארגען?... און ווי אזוי ווייס זי דען, אז ער האט ניט געוואלט, אז שרה זאל שטארבען?... ער שיינט דאך... אז שרה האט געלעבט, האט ער גארניט אויסגעזעהן אזוי אבגעפאשעט...

איזידאר האט, אין דער אמת'ן, עהרליך און אויפריכטיג געטרויערט נאך זיין יונגער, גוטער פרוי, און דערצו אויך טיעף מיטגעפיהלט דעם גרויסען צער פון איהרע עלטערען. ער האט ניט איבערגעטראכט, וואס שפעטער וועט זיין; און דאך, ווי עס זיינען פערגאנגען וואכען און מאנאטען האט ער גענומען פיה־

לען, ווי די פערדים, וואס האבען איהם געהאלטען פערקניפט מיט דער דאזיגער הויז רייסען זיך, פלאצען... ביינאכט, קומענדיג פון געשעפט, ווייס ער און ער פיהלט, אז ער קומט אריין אין א פרעמד הויז, ניט ביי זיך אהיים...

שבת זיצט די גאנצע פאמיליע ביים טיש, דער טאטע, די מא־מע און דער איידעם. דער אלטער האט געוואלט אויסשטעלען די שטולען אזוי ארום טיש, אז דער ארט וואו שרה איז שטענדיג געזעסען, זאל זיך ניט אזוי אנזעהן; נאר די אלטע האט דאס ניט דערלאזען און געסטראשעט, אז זי וועט צום טיש ניט צוקומען — האט געמוזט בלייבען ווי געווען: ביי איזידאר'ס זייט שטעהט שרה'ס שטוהל א פוסטע... די מאמע מוז זעהן אנטקעגען זיך דעם ליידיג געווארענעם ארט; כדי זי זאל א רגע ניט פערגעסען, אז שרה ליעגט אונטער א בארג ערד, און די פאטשיילע נעהמט זי פון זיך ניט אראב אפילו ביים שבת־טיש... און זי קוקט נאך איהר געוועזענעם איידעם זיין מינדעסטע בענעהמונג, און זי זעהט, אז ער איז דערזעלביגער, מיט גארניט אנדערש ווי דאמאלס, בעת שרה האט געלעבט... ער עסט איצט ניט וועניגער, און ער עסט מיט אפעטיט... און זיין מאטערען זיך ארויסצוקריגען פוג'ס טשיקען־ביינדעל ביז'ן לעצטען פאדעם, דערוועקט אין איהר א נייעם צארן אויף איהם... אזוי ווי ער וואלט מיט זיינע צייהנער איהר הארץ געגריזשעט. זי דערלאנגט איהם זיין חלק פלייש און די חלקים פון די אנדערע שפייז, ווי אין יענער צייט, און עס בלייבט פון איהם גארניט איבער, און נאכ'ן עסען לעגט ער זיך שלאפען און שלאפט געשמאק. פון איהר, פון דער אלטער, האט זיך דער שלאף אבגעטהאן דורך די נעכט, און ביי־טאג קען זי געווים מיט אן אויג ניט צומאכען, נעהמט זי באלד שבת נאכ'ן עסען די פאטשיילע איבער'ן קאפ און איבער'ן אויבערשטען האל־בען פנים און קלייבט זיך אוועקצוגעהן פון הויז, ניט אנקוקען דא קיין זאך — לאזט איהר אבער ס'הארץ ניט ארויסגעהן פון הויז, ביז דער געוועזענער איידעם שלאפט איין... זי גנב'עט זיך אונטער

און קוקט א רעכטע ווײַלע אויף איהם... און זי „קוויקט“ זיך מיט זײַן אטהעמען, און ראיעט אויף איהר וואונד. ער לעבט... ער שלאפט... ער אטהעמט...

ווענען איזידאר'ס ווײַטערדיגען לעבען האט זי ניט געטראכט— זי האט אבער גוט געטראכט פון זײַן איצטיגען לעבען, און איהר טאכטער ליעגט אין דער ערד... פאר וואס איז דאס אזוי, האט זי געטראכט און זיך געפרעגט, און פאר וואס האט דאס ניט געקענט זײַן אנדערש?... זי איז זיך געווען בעוואוסט ווענען דעם, אז דאס איז ניט קיין געוועהנליכע זאך איזידאר'ס לעבען מיט זײַ צוזאמען; אבער א בעפרידיגונג האט זי אין דעם געפונען: ער געפינט זיך אינ'ם הויז פון טויט...

דער אלטער קרעמער האט אפט איבערגעקלעהרט, וואס עס קען זײַן דער תכלית פון איזידאר'ס זײַן אין געשעפט און וואוי־נען בײַ איהם אין הויז. אייביג קען דאך אזוי ניט אנגעהן. אי־זידאר איז א מענש פון עטליכע און צוואנציג יאהר... ניט לאנג קען ער אזוי לעבען... עס קען זײַן, אז איזידאר'ס איידעלקייט וועט איהם ניט דערלאזען אוועקגעהן פון זײַ און זײַ איבערלאזען גאר אליין — אבער ווי לאנג? און קען ער גאר פון איהם פערלאנגען צו לעבען אלע מאל אזוי? דער אלטער האט קיין שום מיטעל ניט ארויסגעזעהן... ריידען מיט איזידאר'ן? וואס קען ער מיט איהם ריידען? און וואו קען ער נעהמען די „הארץ“ צו ריידען מיט איהם ווענען אזעלכע זאכען?... און ער האט געוואוסט, אז די צײַט וועט געווים קומען... און וואלט זיך אפילו איזידאר בײַ איהם אנגעפרעגט, וואלט ער דען געקענט הייסען איהם אלע מאל אזוי לעבען?... וועט ער דאך ווען־עס־איז מוזען זײַן הויז פער־לאזען, און געווים אויך דעם געשעפט... און א חוץ דעם וואס איזי־דאר איז בײַ איהם ווי אן אמת'ער זוהן, מוז ער איהם אויך האבען אין געשעפט; ער קען אהן איהם ניט אויסקומען... ער פיהלט זיך שטארק געבראכען אין געזונד, ער קען ניט פיהרען דעם גע־שעפט, ווי עס פאדערט זיך, און פערלאזען זיך אויף פרעמדע קען ער אויך ניט, עס וועט ווערען פון אלץ א תל... האט דער אלטער

אַפּט געקלעהרט, אַז ביי איהם וואָלט רעכט געווען, אַז איזידאָר זאָל בלייבען מיט זיי אויף שטענדיג, ניט אין הויז — נאָר אין געשעפט. אפילו ווען ער וועט זיך ווידער פערהייראַטען. ער האָט אָבער מיט קיינעם וועגען דעם ניט גערעדט.

די צייט געהט און, ווי דאָס מוז שוין זיין, עס לינדערט זיך דער גרויסער וועהטאָג אין די הערצער פון שרה'ס טאַטע־מאַמע, און זייערע ביידענס געדאַנקען פערנעהמען זיך מעהר מיט זייער געוועזענעם איידעם.

דער אַלטער ווייס און איז זיכער, אַז איזידאָר וועט ניט איי־ביג זיין ביי איהם אין הויז: אַ מענש קען ניט אַלע מאָל אַזוי לע־בען; ס'מוז נעהמען אַ סוף. ער האָט גאַרניט צו איזידאָר'ן, אָבער עס טהוט איהם וועה און ער שרעקט זיך פאַר יענעם מאָמענט, וואָס מוז קומען און עס הערט איהם ניט אויף אַבדוכטען זיך, אַז אפּט־אַט האָלט עס שוין דערביי... און ער זוכט אַלע טאָג אַראָבצולייע־נען פון איזידאָר'ס פּנים, פון זיינע רייד און בענעהמונגען, וואָו עס האַלט מיט איהם... טרעפט עס, אַז איזידאָר קומט צו צום אַלטען עפּעס זאָגען איהם, איז איידער ער עפענט זיין מויל און רעדט אַרויס די ערשטע עטליכע ווערטער, איז דער אַלטער שוין אַזוי גוט ווי זיכער, אַז יענער קומט איהם אָנזאָגען די בשורה... אַפּט פּאַסירט, ס'קומט אַריין אין סטאָר אַ איד און זאָגט איזידאָר'ן עפּעס אין דער שטיל — איז שוין דער אַלטער אין שרעק: אַ שדכן... און אַז איזידאָר נעהמט זיך פערקויפען דעם אידען עפּעס סחורה, ווערט דער אַלטער דערפרעהט... און איהם ווילט זיך שטענדיג היטען איזידאָר'ן, ניט אַבלאָזען איהם פון אויג, וויפיעל נור מעגליך, ניט איבערלאָזען איהם אַליין אין סטאָר... גאַנץ זעלטען מאַכט זיך, אַז איזידאָר דאַרף ערגעץ אַוועקגעהן אויף אַ ווייל און דאַן איז שוין דער אַלטער גאָר זיכער, אַז ער געהט וועגען אַ שידוך, צו אַ שדכן, אָדער טאַקע שוין „אָנקוקען"... און דאָס איז אַ צרה, וואָס ס'איז דערצו קיין שום מיטעל ניטאָ. דאָס איז אַזוי ווי דער טויט אַליין... ער ווייס, אַז ער וועט מיט קיין זאַך

ניט פערהאלטען דעם געוועזענעם איידעם אין זיין פאמיליע אויף אלע מאל...

און זי, די אלטע, זעהט ווי איזידאר ווערט אלץ מעהר אב־געפאשעט; ער שיינט, און ער בעגעהט זיך אזוי, ווי שרה וואלט גאר קיינמאל אויף דער וועלט ניט געוועזן; ער לעבט אין אל־דאס־גוטס, איהם פעהלט גארניט, ער איז אריינגעפאלען אין א שמאלץ־גרוב... און פארוואס קומט דאס איהם?... און דאך הערט זי ניט אויף קלעהרען, אז ער וועט „אנטלויפען"... און דאס טהוט איהר שטארק וועה... זי פערגינט איהם ניט זיין גוטען לעבען ביי איהר, און זי האט מורא, זי ציטערט, טאמער וועט ער דערפון אנטלוי־פען... זי וואלט געוואלט, ווען זי וואלט דאס נור געקענט אויס־פיהרען, אז ער זאל בלייבען מיט זיי און איהם זאל ניט זיין אזוי גוט... זאל ער זיין געל, ווי א וואקס... צי וואס־ניט־איז זאל מיט איהם טרעפען... זי מאהלט זיך ניט אוים אקוראט, וואס מיט איהם זאל טרעפען... נאר עפעס זאל מיט איהם טרעפען, אז ער זאל „ניט איינשלינגען די וועלט", „ניט אזוי הוליען"...

ס'טרעפט, אזביידע אלטע זיינען אליין אין הויז. הויבט זי אן זיך טשעפען צו איהם, אויפוואַרפען און מאהנען ביי איהם:

— מיינסט, ערט דא לאנג זיין? ער'ט אנטלויפען!

דער אלטער דערשרעקט זיך. ער ווייס, אז זי איז גערעכט, אבער אריינלאזען זיך מיט איהר אין א ויכוח וועגען דעם, וויל ער ניט.

— וואס דארפסטו איצט איבערקלעהרען? — זאגט ער.

— געדענק, וואס איך זאג דיר — זאגט זי, ווי מיט א ווארנונג.

— וואס דארף איך איצט קלעהרען, וואס שפעטער וועט זיין?

ער קען איהר ניט זאגען, אז ס'איז א פערפאלענע זאך, קיי־נער קען דערצו ניט העלפען. ער וואלט געוואלט, אז זי זאל דאס אליין פערשטעהן; ער ווייס אבער אויך, אז זי וויל ניט און קען דאס ניט פערשטעהן, און אלע זיינע רייד וועט זיין ארויסגעוואר־פען, און גרינגער וועט איהר ניט ווערען. ער האט ניט וואס צו זאגען איהר אין דער זאך.

זי וויל, ער זאָל ניט שווייגען אין דעם, ער זאָל עפּעס טהאָן, פערזיכערען זיך; און אין זיין קאַלטקייט זעהט זי נאָך אַ פערברעכען פון איהם נעגען שרה'ן...

אוןביידע אַלטע היטען זייער געוועזענעם איידעם, קוקען איהם נאָך מיט חשד, ער זאָל זיך ניט ארויס'גנב'ענען פון זייער הויז...

יענע פורים׳דיגע נאכט

אמאָל בין איך געווען אָרעם, היינט בין איך רייך. מיין גרוי־סע סטאָר שיינט און גלאַנצט אויף דער זעקסטער עוועניו, און די „ברענטשעס" פון מיין געשעפט זיינען גוט בעקאַנט אין האַרלעם און בראָנקס. עס גערט מיר גוט. איך וואוין מיט מיין פאַמיליע אויף דער אַריסטאָקראַטישער ריווערסייד דרייוו.

מיינע קינדער ווייסען ניט פון דער איסט סייד און פון מיין אַמאָליגען לעבען דאָרט. איך אַליין האָב שוין אייגענטליך כמעט פערגעסען, פון וואַנען איך קום. מיר ווילט זיך ניט דערמאָנען און ניט טראַכטען פון יענע מקומות און פון יענע טעג. מיר בענקט זיך ניט און מיר ציהט ניט. און קיין וואונדער: מיר איז דען דאָרט אַזוי גוט געגאַנגען? האָב איך דען דאָרט וועו געהאַט עפּעס אַנדערש, אויסער צרות און נויט?

אָבער איין מאָל אין יאָהר, אין אַ געוויסע צייט, בע־זעצט זיך אין מיר אַ שטילער אומעט, אַ נאַגעניש און אַ בענ־קעניש, און איך לעב ווידער דורך אַ געוויסע פּעריאָדע פון יענער צייט, מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אָרעם און קליין, און איך האָב ניט געהאָפּט, און ס׳האָט זיך מיר אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַמאָל דאָס, וואָס איך בין היינט. און איך קען די דאָזיגע נאַגעניש און בענקעניש ניט פערטרייבען. וואו איך געפין זיך און וואוהין איך זאָל ניט גערן, נעהם איך עס מיט מיר...

* * *

מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך דורכגע־מאַכט אַ טרויעריגען ווינטער — אַ ווינטער פון צרות און סלעק, פון דלות און נויט. מיינע צוויי קליינע קינדערלעך האָבען געלי־

טען הונגער און קעלט. מיין דירה איז בעשטאנען פון צוויי ענגע, פער׳יתום׳טע צימערען, אהן לופט און אהן ליכט. און דערצו נאך דער שטענדיגער שרעק אויך דיעזע דירה צו פערלירען, ארויס־געשטעלט צו ווערען אויפ׳ן גאס — די אכט דאלאר רענט איז גע־ווען אן אוצר מיט געלד און איך האב ניט געקענט זעהן, וואו איך וועל עס נעהמען, ווען דער ערשטער וועט אנקומען. עס איז געווען א קריזיס יענעם יאהר, ס׳איז ניט געווען קיין ארבייט אין די שעפער; דאס העכסטע, וואס איך האב דורך יענעם ווינטער אויסגעארבייט, איז געווען אנדערהאלבען אדער צוויי טעג א וואך, און דערפון האבען געדארפט פיער מענשען לעבען. און איין קינד מיינס האט נאך דערצו דורכ׳ן גאנצען ווינטער געקרענקט — פון וועניג און שלעכטע נאהרונג, פון די פייכטע, וויינענדיגע ווענט פון מיין דירה.

יעדען טאג פלעג איך זוכען און זיפען אין עטליכע צייטונגען, טאמער וועל איך עפעס דערזעהן, פון וואס מען קען פערדיענען עטליכע סענט. קיין שום ארבייט וואלט פאר מיר ניט שווער געווען, מיט קיין זאך וואלט איך זיך ניט געשעהמט, אבי נור פערדיענען עפעס געלד און לעבען א ביסעלע פרייער, א ביסעלע גרינגער, האבען אויף גענוג ברויט און קויהלען. און אזוי זוכענ־דיג, האב איך איין טאג דערזעהן עפעס אין צייטונג, וואס איך האב געדענקט, אז איך וועל דערצו טויגען, און איך בין אוועק אין דעם אנגעגעבענעם פלאץ אויף דער באוערי. דאס איז געווען א קליינע סטאר פון פאנאגראפס. אין יענער צייט איז דער פאנאגראף געווען נאך א גאנץ נייע ערפינדונג, זעהר וועניג מענ־שען אויף דער איסט סייד האבען דערפון געהערט. דער מאן אין סטאר האט געזוכט אגענטען ארומצוגעהן פערקויפען פאנאגראפס אויף אויסצאהלען — א האלבען דאלאר איינצאהלען און א קווארי־טער א וואך ביז ס׳וועט זיין אין גאנצען אויסגעצאהלט. דער פא־נאגראף איז געווען גאנץ קליין און מ׳האט איהם לייכט געקענט טראגען אונטער׳ן ארעם. און אויך דער פרייז איז געווען א קליי־נער — אין גאנצען צוועלף דאלאר. דער פלאן איז געווען צו

געהן פון הויז־צו־הויז, פון טיהר־צו־טיהר, אין יעדען הויז אויס־שפּיעלען אַ „רעקאָרד" און איינריידען צו קויפען. יעדען פריה־מאָרגען דאַרף איך קומען אין סטאָר איבערגעבען די אָרדערס. דער מאַן אַליין וועט אוועקטראַגען דעם פאָנאָגראַף צום קויפער און נעה־מען דעם ערשטען האַלבען דאָלאַר, און אַז ס׳וועט געהן כשורה, וועל איך קריגען צוויי דאָלאַר „קאָמישאָן" פאַר יעדען פערקויפטען פאָ־נאָגראַף.

איך בין קיינמאָל קיין ביזנעסמאַן ניט געוועזן און קלאַפּען אין די טיהרען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, איז ניט קיין געשמאַקע זאַך. איך האָב זיך אָבער אונטערנומען צו געהן און אַרבייטען און זוכען צו פערדיענען עטליכע סענט — צייט האָב איך גענוג און דערלעגען קען איך גאָרניט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט קרײַ־כען אויף די טרעפּ און קלאַפּען אין די טיהרען. אַ סך טיהרען האָבען זיך פאַר מיר געעפענט און זיך באַלד צוריקצוגעמאַכט, ווען מען האָט דערהערט, וואָס איך האָב צו זאָגען. אין אַ סך הייזער האָט מען מיר אַריינגעלאָזען, געלאָזען מיר ריידען און שפּיעלען, נאָר געקויפט האָט מען ניט. אין אַ רעכט ביסעל פלעצער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען שכנים פון אַלע טיהרען און מען האָט זיך גע׳חידוש׳ט און געוואונדערט און אַנגעקוואָלען הערענדיג, ווי עס זינגט אַרויס פון׳ם הילצערנעם קעסטעל מיט׳ן קוימען — און גע־קויפט האָט מען ניט. איך האָב גערעדט, ערקלעהרט, און אַז מיר איז שוין געוואָרען גאָר ביטער אויפ׳ן האַרצען, האָב איך זיך גע־בעטען — און מען האָט ניט געקויפט.

אַזוי האָב איך זיך דעם גאַנצען טאָג געשלעפּט אין בלאָטע מיט׳ן פאָנאָגראַף אונטער׳ן אָרעם פון הויז־צו־הויז, פון טרעפּ־צו־טרעפּ, פון טיהר־צו־טיהר, געשפּיעלט און איינגערעדט און גאָרניט אויפגעטהאָן — קיין איין סענט ניט פערדיענט. איך בין געגאַנ־גען אין לעבערדיגע שיך און איך בין געוועזן הונגעריג און מיר איז געווען טרוקען אויפ׳ן האַרצען און אין האַלז פון ריידען, פון איינ־ריידען און ערקלעהרען די גרויסקייט און די וויכטיגקייט פון מיין

סחורה, פון דער וואונדערבארער ערפינדונג... און מיר האט זיך געוואלט וויינען, קלאגען אויף מיין פינסטער לעבען.

ס'איז געווארען פארנאכט. איך בין געווען אבגעשוואכט פון ארומגעהן און פון הונגער. מיין פערמעגען איז קעשענע איז געווען צעהן סענט. בין איך אריין אין א סאלון און געקויפט פאר פינף סענט א גלאז ביער, גענומען א פאר ביסען פונ'ם „פרי לאנטש" און זיך צוגעזעצט אויף א ווייל.

זאל איך נאך ווייטער געהן? צו וואס? ס'איז דאך אומזיסט מיין מיה. בין איך דען ניט גענוג געגאנגען? קיינער וויל ניט, קיינער דארף ניט קיין פאנאגראפס. דערצו נאך ארויסגעווארפען אזעלכע בלוטיגע פינף סענט דא אויפ'ן ביער. איך געה דאך באלד אהיים, וועל איך דאך געפינען עפעס צום עסען... פינף סענט...

אז איך בין ארויס פון סאלון איז שוין געווען פינסטער דרויסען. איך בין געווען ווייט פון מיין היים. די גאס איז געווען בלאטיג און מיינע פיס נאס, צופרארען און שווער. דער פאנאגראף האט מיך געצויגען צו דער ערד. איך האב אלע ווייל געביטען דעם קעסטעל מיט'ן קוימען פון איין אונטער'ן ארעם צום צווייטען. אומזיסט זיך ארומגעשלעפט אזא טאג... און דערצו די קלייניגקייט און געפאלענקיים ביי זיך: איך טויג ניט, איך טויג ניט... מענשען פערקויפען דאך מסתמא יא פאנאגראפס, איך בין דאך ניט דער איינציגער אגענט, וואס געהט ארום אי־בער די הייזער... מסתמא טויג איך ניט, איך האב קיין שכל ניט, איך ווייס ניט ווי אזוי צו פערקויפען. אזא ווי איך מוז אונטער־געהן... מארגען פריה טראג איך אב דעם פאנאגראף צום מאן אויף דער באוערי, און א סוף.

איך האב זיך אוועקגעלאזען אין דער ריכטונג צו מיין היים. איך בין אבגעגאנגען עטליכע בלאק און זיך ניט אבגעשטעלט. איך בין געגאנגען א דערשלאגענער און א פערשעהמטער פאר זיך אליין. און אזוי געהענדיג איז מיר איינגעפאלען צו „טרייען" נאך אביסעל, כאטש איין הויז דורכגעהן. איך בין זיכער געווען, אז דארט איז פאר מיר גאר ניטא, איך וועל קיין פאנאגראף ניט פער־

קויפען, ס'וועט זיין ארויסגעווארפען מיין ארבייט; אבער דאך האב איך געפיהלט, אז איך מוז יוצא זיין און דורכגעהן נאך א הויז — אנדערש וועל איך ניט קענען זיין רוהיג. איך וועל ניט געהן — האב איך זיך געזאגט — איך מ ו ז געהן — האב איך זיך צוריקגעזאגט — כאטש איין הויז... ס'איז געבליבען — יא געהן. אלע הייזער זיינען פאר מיר געווען גלייך, איך האב ניט געהאט וואס צו קלייבען, ביז איך ארויף אויפ'ן „סטופ", ארויפ־געקראכען איין טרעפ און אנגעקלאפט אין די ערשטע טיהר פאר מיינע אויגען.

איך האב דערזעהן א „שמחה" אין הויז. עס איז געשטאנען א געדעקטער טיש מיט פלעשער משקה, מיט זיסע געבעקס און פרוכטען. און די מענשען, א רעבט ביסעל, הײמישע אידען מיט בערד און יארמולקעס, און ווייבער אין פארוקען, זיינען געווען אנ־געטהאן שבת'דיג, מיט יום־טוב'דיגע פנים'ער.

אלע זיינען אנטשוויגען געווארען און מען האט מיך אנגעקוקט. איך האב ארויסגעזאגט צו וואס איך בין אהער געקומען און זיך געוואלט נעהמען צו די כלים, ווייזען זיי, וואס די נייע ערפינדונג איז אזוינס, נאר איינער פון די אידען האט א זאג געטהאן צו מיר, ניט בייז, נאר אין א פריינדליכען מוסר־טאן:

— פורים ביי־נאכט, יום־טוב, ווי געהט דאס א איד ארום פערקויפען סחורה?

איך האב ניט געוואוסט, אז היינט איז פורים. איך בין ניט רעליגיעז, און אזא יום־טוב ווי פורים האט מיך געווים ניט איני־טערעסירט. איך האב אבער ניט געוואלט מודה זיין דארט פאר זיי, אז איך בין אזוי ווייט פון אידישקייט און איך האב געוואלט ארויסזאגען עפעס א תירוץ, נאר פאר מיר האט זיך אנגענומען אן עלטערער איד, מיט א קורצע, ברייטע גרויע בארד און מעשענע שפאקולען אויף די אויגען—דער בעל הבית פון הויז איז דאס געווען.

— מ'דארף ניט פרעגען — האט ער געזאגט, ווי מיט א ביי־זער — מסתמא דארפען זיי פרנסה, פון וואוילטאג געהט מען ניט ארום אין אזא צייט.

ס'איז געוואָרען אומעדיגלעך אין הויז. מען האָט געשווי־גען שטיל... איך האָב זיך דערפיהלט נאָך פיעל, פיעל קלענער... מיין פּנים האָט געברענט...

איך האָב אָנגעשטעלט דעם אינסטרומענט און אויסגעשפּיעלט אַ „רעקאָרד", און ערקלעהרט זיי, אַז עס קאָסט אינגאַנצען צוועלף דאָלאַר, אַ האַלבען דאָלאַר איינצאָהלען און אַ קוואָרטער אַ וואָך אויסצאָהלען.

אַלע אין הויז זיינען שטאַרק פעראינטערעסירט געוואָרען אין פאָנאָגראַף. איך האָב גערעדט, צוגערעדט, דערצעהלט פון די וואונדער פון דער ערפינדונג. נאָר דער אַלטער, דער בעל־הבית, האָט מיך איבערגעשלאָגען:

— פריהער מאַכט ברכה און בייסט עפּעס צו, ס'איז דאָך יום־טוב.

אַלע האָבען צו דעם צוגעשטימט. דער אַלטער האָט אָנגע־גאָסען אַ גלעזעל, איך האָב אויסגעטרונקען און פערביסען, און דער־נאָך האָב איך אויסגעשפּיעלט נאָך אַ „רעקאָרד".

צוויי יונגע לייט פון די פערזאַמעלטע,ביידע מיט געשאָרענע בערד, זיינען ווי צוגעשמידט געוואָרען צום פאָנאָגראַף. איינער פון זיי האָט אין די יונגע יאָהרען געזונגען ביי אַ חזן — ער האָט דאָס מיר באַלד געזאָגט — און דער צווייטער איז געווען אַ מאַשי־ניסט. ביידען האָט זיך געוואָלט כאָטש אַריינקריכען דורכ'ן קוי־מען אין פאָנאָגראַף אַריין און זעהן, פון וואַנען און ווי עס זינגט אַרויס. דער מאַשיניסט האָט גע'חלש'ט פונאַנדערנעהמען דעם אינסטרומענט אויף שטיקלעך און זעהן ווי אַזוי דאָס אַרבייט. דער געוועזענער משורר האָט געפונען געגנוג פּגימות אין די טענער, אָבער בעגייסטערט איז ער געווען ביז דער העכסטער שטופע, און ער האָט ניט אויפגעהערט קרעכצען: „געוואַלד, ווי אַזוי, פון וואַנען זינגט דאָס? ווי אַזוי קען דאָס זיין?"

דערווייל האָט מען גענומען שטעלען אויפ'ן טיש די ריכטיגע סעודה. איך האָב געזעהן, ווי דער אַלטער האָט זיך דורכגעוואָרפען מיט עטליכע שטילע ווערטער מיט זיין ווייב. מיר האָט געטהאָן

א קלאפּ אין הארצען: זיי ריידען וועגען מיר, וועגען מיין ארעמ־קייט... ווי נאָר אַ פּאָר מענשען פון די פערזאמעלטע האבען עפּעס געררעדט צווישען זיך, בין איך זיכער געווען, אז זיי ריידען וועגען מיר, וועגען מיין אונגליקליכער לאגע... נאָר איצט האָב איך טאַקע געטראָפען. באלד איז דער אַלטער צוגעקומען צו מיר און האָט מיך געבעטען זיך זעצען ביים טיש און עסען מיט זיי. איך האָב זיך געקווינקעלט, געזאָגט תירוצים: כ'מוז געהן אהיים, כ'דארף נאָך היינט זיין אין עטליכע פּלעצער. דער געוועזענער משורר און מאשיניסט זיינען צוגעשטאַנען צום אלטען און מיך איינגערעדט צו פערבלייבען: וועל איך געהן אהיים אביסעל שפּעטער און אין די פּלעצער וועל איך געהן מאָרגען, ס'איז דאָך שוין נאכט. וואָס קען איך שוין היינט אויפטהאָן? און אום מיך צו בעגיטיגען, האָט דער מאשיניסט זיך אָנגעבאָטען צו קויפען ביי מיר אַ פּאָנאָגראַף; דער זינגער האָט איהם באלד נאכגע־טהאָן. זיי האָבען מיר געוואָלט איינצאָהלען די ערשטע האלבע דאָלארס, און איך האָב זיי ערקלעהרט, אז קיין געלד פון זיי קען איך ניט נעהמען, איך קען נור פערשרייבען זייערע נעמען און אדרעסען, מאָרגען וועט צו זיי קומען מיין באָס און זיי ברענגען די פּאָנאָגראַפס.

— מיר קענט איהר אויך פערשרייבען — האָט דער אַלטער געזאָגט — איהר מוזט אָבער בלייבען מיט אונז צו דער פּורים־דיגער סעודה.

איך בין געוואָרען איבערראַשט און דערשראָקען פון מיין פּלוצ־לינגען ערפאָלג. מיר האָט זיך ניט געגלויבט, אז די געשיכטע איז אמת... דריי פּאָנאָגראַפס מיט איין מאָל — זעקס דאָלאר פער־דיענסט!...

איך האָב זיך „געוואַשען" מיט אַלעמען צוגלייך און זיך גע־זעצט ביים טיש. איך האָב גענומען נאָך אביסעל בראָנפען. איך בין צוואַרימט געוואָרען. מ'האָט געשטעלט אויפ'ן טיש פיש, געבראָטענע פליישׂ, געפילטע קישקע, צימעס. און פון אַלע זייַ־טען איז מען געווען צו מיר פריינדליך, געהייסען מיר עסען, ניט

שעהמען זיך. די ביסלעך בראנפען האבען צוואווארימט און צו־היצט מיין הארץ, און איך האב זיך דערצעהלט און זיך געמאכט מיין חשבון, וואו איך בין און וואס מיט מיר טהוט זיך: מ׳גיט מיר דא „טשאריטי“... אן ארעמאן איז אריינגעקומען צו גוטע מענשען אין הויז, האבען זיי אויף איהם רחמנות, גיבען איהם עסען און טרינקען... איך האב דאך דאס אזוי פיעל מאל געזעהן ביי מיין מאמען אין הויז... דאס בין איך איצט... און מיר האט זיך געוואלט וויינען, טרעהרען האבען פערהאלטען די גוטע ביסענס אין מיין האלז, און איך האב ניט געקענט שלינגען, און די טרעהרען האבען זיך ווייטער געשפארט ארויף, אין מיינע אויגען...

די מאנסבילען ביים טיש האבען געזונגען פורים׳דיגע נגונים און געהייסען מיר מיטזינגען, און איך האב אפילו ניט געקאנט ריידען.

און איך האב ווידער געזעהן, ווי דער אלטער ווארפט זיך דורך מיט עטליכע שטילע ווערטער מיט זיין ווייב, וועלכע איז געזעסען ביי זיין זייט. זי האט א קוק געטהאן אויף מיר, און טרעפענדיג זיך מיט מיינע אויגען, האט זי אוועקגעקוקט אן א זייט. זי האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ צו איהר מאנס רייד. און איך האב געוואוסט, אז זיי ריידען וועגען מיר, ווי ארעם און הונגעריג בין איך, און וועגען דער מצוה וואס זיי פערדינען דא... זיי זעהען דאך און דערקענען גרינג אויף מיר, אז ניט אלע טאג עס איך אזעלכע מאכלים, וואס זיי גיבען מיר איצט... איך האב מיינע אויגען טיעפער בעגראבען, און מיר האט זיך געוואלט רייסען שטיקער פון זיך, קנייפען מיין פלייש ביז בלוט... אז איך קען נור פון דאנען אנטלויפען...

און ווידער האב איך קיין טעות ניט געהאט. פאר׳ן בענשען האט זיך די בעל הבית׳טע אויפגעהויבען, גענומען מיט זיך עט־ליכע טעלער פון טיש און אריין אין קיך. אין עטליכע מינוט איז זיך אריינגעקומען צו מיר מיט א פערבונדרען פעקעל און אוועק־געלעגט אויפ׳ן טיש לעבען מיר, זאגענדיג: „איהר וועט דאס מיטנעהמען אהיים“.

איך האב ניט אויפגעהויבען די אויגען און ניט פראטעסטירט... זאל מען שוין טהאן מיט מיר, וואס מען וויל... מ׳האט מיר גע־געבען עסען און מ׳גיט מיר נאך אין טארבע אריין מיטצונעהמען... אז איך וואלט נור געקענט בעהאלטען זיך אויף א ווייליע און וויינען, גוט אויסוויינען זיך... אראבוויינען די בלוט פון מיין האר־צען און פון מיינע אויגען... אז די גוטע מענשען וואלטען מיך גע־קענט טהאן דיעזע טובה... אז איך וואלט געקענט בעהאלטען זיך פון זיי אויף עטליכע מינוט... בלייבען אליין, שטעכען זיך מיט שפילקעס, ארייגלאזען אין זיך די נעגעל...

נאכ׳ן בענשען האב איך זיך אויפגעהויבען און געוואלט געהן אהיים. נאר מיין כוס איז נאך ניט געווען פול.

— אונזער סעודה איז נאך ניט פארטיג! — האט דער אל־טער געזאגט. — מיר׳ן נאך פערברענגען א ווייליע.

אויך די צוויי, דער זינגער און דער מאשיניסט, האבען ניט געוואלט הערען פון מיין פערלאזען.

מען האט געשטעלט אויפ׳ן טיש טעלערם מיט אבגעקאכטע באב, סיפאנען סעלצער און מ׳האט געגעבען טהע. די צוויי הא־בען מיט זשעדנע אויגען געקוקט צום פאנאגראף, און מ׳האט מיך געבעטען, כ׳זאל נעהמען שפיעלען.

איך האב אנגעסטראיעט מיין מאשין און אנגעהויבען שפיע־לען. די צוויי האבען זיך מיט גאר נייער פרישקייט איינגעגעסען מיט אויגען און אויערען אין קוימען פון פאנאגראף.

און ווייעדער האב איך דערזעהן, ווי דער אלטער סוד׳עט זיך מיט זיין אלטער, און איך האב פערשטאנען, אז דאס איז ווייעדער וועגען מיר. און איך האב געזעהן, ווי דער אלטער נעהמט ארויס א ריינעם טעלער פון כלים־אלמער און שטעלט אוועק צווישען די טעלערם באב, פלעשער סעלצער און טהע. און ווי נור דער רע־קארד האט זיך געענדיגט, האט דער אלטער אריינגעווארפען א מטבע אין טעלער. מ׳האט זיך גענומען צו די קעשענעס און פארטמאנעים. די ערשטע זיינען געווען די צוויי, דערנאך זיי־נען געקומען די איבעריגע...

איך האָב ניט געקוקט אין טעלער, איך האָב בלויז געהערט דאָס פאַלען פון די מטבעות, און יעדער קלונג בעזונדער האָט גערי־סען אַ סטרונע אין מיין האַרץ, האָט אַ בריאַזג געטהאָן אויף מיין מח, האָט צוקאַליעטשעט מיינע נערוועו און אַדערען... בין איך שוין ווי אַ קאַליקער אַרעמאַן ערב יום־כפור ביים שוהל מיט אַ טעלער... בין איך שוין אַ בלינדער בעטלער אויף אַ קאַרנער מיט אַ בלעכענע קווערטעל אויף אַ שטריקעל אויפ'ן האַלז... בין איך שוין אַ ווילד־פערוואַקסענער קאַטערינשטשיק, וואָס הינקט אויף זיין הילצערנע „פוס" אויפקלייבענדיג די פענים...

איך האָב אַרויפגעשטעלט אַ נייעם „רעקאָרד", און דער גע־וועזענער משורר איז שטאַרק געריהרט געוואָרען. דאָס איז גע־ווען אַ אידישע זאַך. דער נאָמען פונ'ם געזאַנג האָט זיך ריכטיג געפּאַסט פאַר מיר. ס'איז געווען אַ חזנ'ישע שטיקעל פון די ימים־נוראים'דיגע תפלות — „מלך אביון". דער געוועזענער משורר האָט אַמאָל דיזע שטיקעל געזונגען ביי יאָסעל סלאָנימער, וועל־כער איז געווען דער פערפאַסער פון דער דאָזיגער קאָמפּאָזיציע, און איצט האָט ער עס נאָכגעזונגען אין טאַקט מיט'ן „רעקאָרד". און נאָך אַמאָל האָב איך געמוזט איבערשפּיעלען „מלך אביון" און נאָך אַמאָל, און דער משורר האָט נאָכגעזונגען מיט פייכטע אוי־גען. אין גאַנצען האָב מיר זיך געהאַט פיער רעקאָרדס: צוויי אי־דישע, „מלך אביון" און אַ ליעד, „דער אונגעטרייער זוהן", פער־פאַסט פון איינעם שמולעוויץ, און צוויי ענגלישע ליעדער. „עפּטער דהי באָל" און „טו ליטל גוירלס אין בליו" — פּאָפּולערע מעלאָ־דיען אין יענער צייט. און נאָך יעדען „רעקאָרד" האָבען געקלונ־גען מטבעות אין טעלער, און יעדע בעזונדער איז געפאַלען ווי אַ שטיין אויף מיין האַרץ און מח, און אויפגעטרייסעלט און אויפ־געציטערט און אויפגערייצט מיין נשמה און יעדען נערוו אין מיר.

איך האָב זיך געריסען געהן אַהיים, אוו די צוויי האָבען מיך אָליץ אָבגעהאַלטען. ענדליך איז דער נוטער אַלטער מיר ווידער געקומען צו הילף און געזאָגט, אַז מיין פאַמיליע וואַרט געוויס אויף מיר.. האָבען זיי זיך אָבער ניט געקענט שיידען פון פאָנאָגראַף

און האָבען דורכאויס פערלאַנגט, איך זאָל עס איבערלאָזען. איך האָב זיי ערקלעהרט די לאַגע: איך טאָר עס ניט איבערלאָזען, מיין בעל־הבית ערלויבט עס מיר ניט. דער אַלטער האָט מיר פערזיכערט און גאַראַנטירט, אַז איך מעג עס טהאָן, איך זאָל שי־קען צו איהם מיין באָס, ס׳וועט זיין אַלרייט. דעם האַלבען דאָ־לאַר האָב איך ביי איהם געמוזט נעהמען.

פאַר מיין ארויסגעהן פון הויז האָט דער אַלטער גענומען די קליינגעלד פון טעלער און שטילערהייד מיר עס איבערגעגעבען, ניט קוקענדיג מיר אין די אויגען אריין. זיין ווייב האָט מיר דערלאַנגט דאָס פעקעל, וואָס איך האָב געהאַט פערגעסען אויפ׳ן טיש.

ארויסקומענדיג אויף דער פרייער לופט און דערזעהענדיג וויע־דער די וועלט, האָב איך זיך דערפיהלט ווי אויפגעכאַפּט פון אַ מאָדנעם שווערען חלום... ווי בעפרייט זיך פון גיהנום... פון אַ גיהנום און גן־עדן צוזאַמען... דאָס געלד פונ׳ם טעלער האָט נאָך געברענט אין מיין הויפען, און מיר האָט זיך געוואָלט וויסען, ווי־פיעל ס׳איז דאָ... ניקעלס, ניקעלס, ניקעלס און אַ פּאָר צעהן סענ־טיגע — אין גאַנצען עפּעס אריבער אַ דאָלאַר — אַ דאָלאַר מיט אַ ניקעל. איך האָב עס אַראָבגעשאָטען אין קעשענע און געלאָ־פען אהיים. איך בין געקומען צו־זיך, איך בין געוואָרען אביסעל פרייער.

פאַר מיין פרוי האָב איך אויסגעטראַכט אַ געשיכטע: איך האָב פערקויפט אַ פּאָנאָגראַף אין אַ רעסטאָראַן, האָב איך שוין דאָרט געמוזט עסען און איך האָב אויך געקויפט צו ברענגען אהיים. היינט איז יום־טוב, פורים איז היינט. איך האָב פאַר איהר אויסגעפּאַקט דאָס פעקעל: שמעקעדיגע ווייסע חלה, פיש, געבראָטענס, אַ פּאָר המן־טאַשען, צוויי עפּעל. און איך האָב איהר אַנגעזאָגט די בשורה, אַז איך האָב היינט פערקויפט דריי פאָ־נאָגראַפס — ריינע זעקס דאָלאַר פערדיענסט. די זעקס דאָלאַר האָב איך נאָך ניט, ס׳איז אָבער ווי ביי זיך אין קעשענע, און איך האָב איהר דערלאַנגט דעם דאָלאַר מיט פינף סענט — דאָס האָב איך איינגענומען אין דעפּאָזיטס, האָב איך איהר גענאַרט. מיין

פרוי איז ניט צופריעדען געווען וואס איך האב אויסגעגעבען געלד אויף אזעלכע טייערע שפייז — צו וואס דארף זי דאס? דאס געלד וואלט דאך אזוי צוניץ געקומען אויף נויטיגערע זאכען. און איך האב איהר געטרייסט מיט גוטע האפנונגען אויף וויטער: די פאנאגראפס זעהט אוים צו זיין א גוטע ביזנעס, און איך וועל זיך דערצו טויגען, און אויב איך זאל אפילו פערקויפען ניט מעהר ווי איין פאנאגראף א טאג — און איך וועל געווים פערקויפען מעהר — איז דאס אויך ריינע צוועלף דאלאר א וואך פערדיענסט.

און מיין ארימע פרוי האט געהאט א פרעהליכען פורים אויף דער נאכט, נאך א לאנגען ווינטער פון דלות און נוים.

דעם אמת וועגען פעקעל מאכלים און דעם דאלאר מיט פינף סענט וויים זי נאך ביז היינט ניט.

אזוי האב איך געמאכט מיין אנהויב.

מיין באס אויף דער באוערי איז געווען העכסט צופריעדען מיט מיין ערשטען טאג ביזנעס. דעם זעלבען טאג האט ער נאך אוועקגעטראגען די פאנאגראפס און קאלעקטעט די ערשטע האל־בע דאלארס. און די האפנונג, וואס איך האב געגעבען מיין פרוי ביי־נאכט, אז איך וועל נאך פערדיענען צוועלף דאלאר א וואך און מעהר, איז אויך גיך מקוים געווארען. איך בין געווארען א גוי־טער אגענט. אין א קורצער צייט האב איך פערקויפט אין דורכ־שניט צעהן פאנאגראפס א וואך. איך האב זיך אריינגעקליבען אין א בעסערע דירה, אין דריי גרויסע און ליכטיגע צימערען, און זיים דאן האט שוין די זון שטענדיג געשיינט פאר מיר.

דעם שאפ מיט די ארבייט האב איך שוין מעהר ניט אנגע־זעהן.

איך בין געוואקסען צוזאמען מיט דער אינדוסטריע. דער פאנאגראף גופא איז געווארען פון קליין גרוים: פון א קליינע זאך, וואס מ'האט געמוזט טראגען אונטער'ן ארעם, האט ער זיך מיט דער צייט געשטעלט אויף די אייגענע פיס — אזוי בין איך אויך געווארען פון קליין גרוים און זיך געשטעלט אויף די פים.

מיין באָס האָט מיך געהאַלטן טהייער. אין עטליכע מאָנאַט ארום האָט ער מיר געגעבען „סאַלארי און קאָמישאָן" און איך האָב פערדיענט נאָהענט פון דרייסיג דאָלאַר א וואָך. אין עפּעס מעהר פון א יאָהר צייט האָט די פאָנאָגראַף קאָמפּאַניע געעפענט פאַר מיר א סטאָר אויף דער פערצעהנטער סטריט, וואו איך בין געוואָ־רען דער מענעדזשער איבער עטליכע אגענטען. איבער די הייזער בין איך שוין מעהר ניט געגאַנגען.

איך בין געוואַקסען און געוואַקסען. פון דער פערצעהנטער סטריט האָט מיך די קאָמפּאַניע אריבערגעשיקט אין א פיעל גרע־סערע סטאָר אויף דער פיער און דרייסיגטער סטריט, און דער־נאָך האָב איך שוין אַליין געעפענט מיין אייגענעם געשעפט אויף דער זעקסטער עוועניו, פון וואנען עס האָבען ארויסגעוואַקסען „ברענטשעס" אין הארלעם און בראָנקס.

* * *

עטליכע און צוואנציג יאָהר זיינען פאַראיבער זייט יענער פורים׳דיגער נאַכט. איך בין היינט א רייכער מאַן. מיין גרויסער געשעפט שיינט און גלאַנצט אויף דער זעקסטער עוועניו, מיט גרויסע „ברענטשעס" אין הארלעם און בראָנקס. איך פערקויף אַלערליי סאָרטען פאָנאָגראַפס, „טאָקינג־מאַשינס" און „רעקארדס", פּיאַנאָס, „פּלייערס" און פּיאַנאָלאַס; מ׳צאָהלט מיר אָב טויזענדע, פופצעהן הונדערט און צוויי טויזענד דאָלאַר אין קעש פאַר איין אינסטרומענט. איך וואוין אויף דער אריסטאָקראַטישער ריווער־סייד דרייוו. מיינע קינדער ווייסען ניט פון מיינע יענע צייטען אויף דער איסט סייד, און זיי ווייסען ניט, ווי אזוי איך האָב אָנגעהויבען. איך אַליין האָב שוין אויך כמעט פערגעסען און וויל זיך מעהר ניט דערמאָנען. אָבער אז ס׳קומט פּורים־צייט פער־קלויבט זיך אין מיין הארצען א נאָגעניש און א בענקעניש. איך בין ווייט פון זיין רעליגיעז און איך האַלט ניט פון די אידישע ימים טובים, אבער דער פּורים האַלט מיך געפאַנגען... איך וויל איהם פערגעסען, און ער לאָזט זיך ניט. איך ווייס אַלע יאָהר, וועלכער טאָג ס׳קומט אוים פּורים — — איך מוז דאָס וויסען —

עפּעס אין מיר טרייבט מיך נאָכצופרעגן און דערגעהן, ווען ס׳איז פּורים... פרעג איך זיך נאָך ביי א קרוב, אָדער אַזוי אידישע מענ־שען, וואָס קומען אריין צו מיר אין געשעפט — איך מוז וויסען... און אז ס׳קומט פּורים ביינאַכט, בין איך ניט מעהר אויף דער זעקסטער עווענין אָדער אין מיין היים אויף ריווערסייד דרייוו... איך לעב אין יענער אָרימער הויז אויף עלדרידזש סטריט אין יענעם פּורים ביי־נאַכט... איך זעה דעם גוטען אַלטען מיט דער ברייטער גרויער באָרד און די מעשענע ספּאָקולען אויף די אויגען... און איך זעה און הער יענע צוויי, דעם געוועזענעם משורר און דעם מאַ־שיניסט... און דעם געדעקטען טיש מיט די גוטע מאכלים זעה איך, און מיין יענעם ערשטען פאָנאָגראַף הער איך... יאָסעל סלאָני־מער׳ס „מלך אביון“ און שמולעוויץ׳ס „אונגעטרייער זוהן“, און „עפּטער דהי באָל“ און „טו ליטל גוירלס אין בליו“... און מיין הארץ ווערט הייס און איך דערפיהל א לייכטע ברענונג אין די אויגען... איך הער דעם קלונג פון די מטבעות אין טעלער...

וואו זיינען זיי היינט, יענע גוטע מענשען?...

דער גוטער אַלטער איז שוין געווים פערפוילט געוואָרען אין דער ערד... צי שפּיעלט נאָך אפשר איצט, פּורים ביי־נאַכט, ער־גענץ אין א הויז מיין יענער ערשטער פאָנאָגראַף...

און איך קען מיך אין ערגעץ ניט בעהאַלטען די פּורים׳דיגע נאַכט. מעג איך זיין אין מיין געשעפט צווישען די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, צי ביי מיר אין הויז צווישען מיינע אייגענע, צי גאָר אין טהעאַטער, אָדער ביי דער אָפּערא — — — בין איך אַלץ דאָרט, אויף עלדרידזש סטריט, צווישען יענע גוטע מענשען... איך הער די נגונים... איך הער דעם קלונג פון די מטבעות אין טעלער...

און זיץ איך ביי מיין טיש אין דיעזער נאַכט, בעוויזט זיך אין מיין געדאַנק יענער פערבונדענער פּעקעל, וואָס איך האָב געבראַכט צו מיין פרוי.

מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין דער דאָזיגער נאַכט, האָב איך זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען... ס׳האָט מיך געצויגען, געטריבען עפּעס טהאָן... געהן... און אַזוי ווי א מעכטיגע האַנד

האט מיך ארויסגעשטופט פון מיין סטאר און מיך אריינגעזעצט אין א „טעקסי", און איך האב געהייסען פאהרען אהין, צו עלדר־רידזש סטריט... ס'האט מיך געטריבען אנקוקען די הויז, דעם „סטופ", ארויפגעהן די ערשטע טרעפ און א קוק טהאן אויף יענער טיהר... איך בין געגאנגען דורך דער שמוציגער עלדרידזש סטריט — ס'איז געווען אזוי מיאוס דרויסען און בלאטיג, ווי אין יענער נאכט — און איך האב געזוכט יענע הויז, און איך האב איהר ניט געקענט געפינען; איך האב איהר ניט געקענט אויסקלויבען פון די אלע פער'חושכ'טע הייזער צווישען ריווינגטאן און סטענטאן.

וועל איך ווען פערגעסען יענע פורים'דיגע נאכט?

דער קעניג פון די פלאַמבערס

כמעט די גאַנצע משפּחה הערשזאַהן איז פול מיט פלאַמבערס. דער אַלטער שלמה הערשזאַהן, אַ איד אין די ווייטע פופציגער, איז דער ערשטער פלאַמבער אין דער פאַמיליע. פאַר פלאַמבערס האָט ער אויך געמאַכט זיינע צוויי זיהן; די עלטערע טאָכטער איז פערהייראַט צו אַ פלאַמבער און די צווייטע — פאַר אַ „טיז־רופער“, אַ בלעכענער דאַך־דעקער, וואָס דאָס איז ניט שטאַרק ווייט פון פלאַמבעריי.

די אַלע הערשזאַהנס, די איצטיגע און די געוועזענע — די פערהייראַטע טעכטער — זיינען קורץ און גראָב און מיט רויטע האָר. די משפּחה האַלט זיך צוזאַמען, זיי וואוינען אין זייערע אייגענע הייזלעך איינע לעבען די אַנדערע, ערגעץ אין ברוקלין, און אַז זיי געהען אַלע אין דער פריה צו דער אַרבייט מיט די געצייג, קען מען באַלד זעהן, אַז דאָס איז אַן אייגענע משפּחה — אַלע קורץ און גראָב און אַלע רויטע, מיט די גראָבע האַרפּאַסנע הענד, מיט די פערגרינגטע און אַזוי ווי פעררויכערטע פּנים'ער; און דער איידעם, דער פלאַמבער, וועלכער איז אַ שוואַרצער און אַ דאַרער, זעהט זיך אַן צווישען זיי ווי אַ שעטנז, מעהר ניט וואָס זיין פּנים איז אויך פערגרינגט און פעררויכערט, און ער טראָגט מיט זיך די זעלביגע געצייג און איז אַנגעטהאַן אין די זעלביגע בלויע אַרבייטס־קליידער.

שלמה הערשזאַהן האָט אַנגעהויבען קליין. אַ היימישער בלעכער, האָט ער זיך דאָ אין אַמעריקאַ געשטעלט אַרבייטען ביי פלאַמבעריי, און מיט דער צייט איז ער אַליין געוואָרען „באָס“. די צוויי זיהן האָבען געאַרבייט פאַר'ן טאַטען ביז זיי האָבען חתונה געהאַט און דערנאָך זיינען זיי אויך געוואָרען באָסעס. דער איי־

רעם, דער פלאָמבער, דער דאָרער און שוואַרצער שעטנז צווישען די פלאָמבערס, אַרביים פּאָר איינעם פון די זיהן, און ער האָט וועןעס־איז צו ווערען אַליין אַ באָס. נאָר די משפחה האָט שטאַרק מורא, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל ניט דערלאַנגען. עפּעס פעהלט אין איהם די קליעפּקע, וואָס עס מוז האָבען אין זיך אַ באָס, דאָס הייסט, אַ שטיקעל ביזנעס־מאַן: „ריידען מיט אַ מענשען", געבען אַ ריכטיגען „עסטימיימ", ווי אַכטונג צו געבען אויף אַן אַרבייטער. ער האָט זיך שוין איינמאָל געהאַט אָבגעריסען פון דער משפחה און געוואָרען אַ באָס, און געטרייט צונעהמען קאָסטאָמער פון די הערשזאָהנס; ער האָט אָבער גיך בענגראָבען די עטליכע טאָלער און צוריק געמוזט אַריין אין דער משפּחה.

די דריטע טאָכטער האָט שוין חתונה געהאַט ניט מיט קיין פלאָמבער. זי איז דאָ געקומען אַ קינד, און געגאַנגען צוויי יאָהר אין האַי־סקול, און עס האָט זיך געמאַכט אַ געשיכטע מיט אַ ליעבע. הערשזאָהן'ס אַ שטיקעל קרוב, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר צוואַנציג, איז צו איהם געקומען פון אַ קליין ליטוויש שטעדטעל. אין דער היים איז דער בחור'ל געווען אַ שטיקעל לעהרער פון רוסיש און העברעאיש. הערשזאָהן האָט איהם געהאַלטען ביי זיך און הויז און געוואָלט מאַכען פון איהם אַ פלאָמבער. האָבען אָבער זיינע הענד ניט געקלעפּט צו דער מלאכה און ביי־נאַכט האָט ער געלייענט ביכלעך און זיך געלערענט ענגליש פון האַרקאַווי'ס דיקשאַנערי. די משפחה האָט באַלד דערזעהן, אַז ער איז ניט איינער פון זייערע, און מ'האָט פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ. די גאַנצע משפחה האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ ביכעל. און דעם בחור'ל'ס פּנים און זיינע הענד זיינען ניט געווען קיין פלאָמבערשע און אין דער היים איז ער געווען אַ לעהרער.

און ענני, די מיידעל פון צוויי יאָהר האַי־סקוהל, וואָס האָט אין אָנפאַנג ניט געוואָלט אַ קוק טהאָן אויף'ן גרינהאָרן און נאָך זעהענדיג דערצו, אַז ער געהט ווערען איינער פון איהרע פלאָמבערס — האָט אביסעל שפּעטער זיך גענומען צוקוקען צו איהם,

ווי ער לייענט און שרייבט ביי־נאכט, און זי האט אין איהם דער־זעהן א גאנץ איידעלען באי. עס האט ניט גענומען לאנג, און עס איז ביי זיי געווארען א ליעבע.

די משפחה האט פערשטאנען, אז קיין לייטישער פלאמבער וועט שוין פון נייטהען׳ן ניט ווערען, און געזעהן האבען זיי אויך, אז ער וועט שוין צווישען זיי פערבלייבען — ענני וויל ניט הערען פון גאר די שידוכים, וואס מען רעדט איהר מיט באס־פלאמבערס און באס־טין־רופערס, איז זיך די משפחה צוזאמענגעקומען און מ׳האט די געשיכטע ריכטיג ארומגערעדט. עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז אלע זיינען צופריעדען מיט דער ליעבע. יעדער איינער האט געוואלט האבען דעם איידעלען בחור׳ל אין דער משפחה פלאמבערס; עס וועט זיין אזוי ווי אביסעל גוטע סמע־טענע אויפ׳ן פראסטען בארשטש. נאר וואס דען, וועגען מאכען א לעבען — איז די לעהרעריי זיינע פון רוסיש און העברעאיש געהט דא ניט אן — דאס האט נייטהען שוין אליין אויסגעפונען — וועט דער טאטע נעהמען די פאר טויזענד דאלאר, וואס ער האט געהאט בדעה צו געבען ענני׳ן נדן פאר א באס־פלאמבער אדער באס־טין־רופער, און זיי קויפען א ביזנעס צו מאכען א לעבען. נאר די געליעבטע האבען דאס ניט געוואלט — ער וויל לערנען, שטודירען; ביי זייביידע איז שוין געווען בעשלאסען, אז ער וועט שטודירען אויף דענטיסט. די משפחה האט אויסגערעכענט, אז דאס וועט איהם ניט קאסטען מעהר פון די פאר טויזענד דאלאר, און אויב אפילו א קלייניגקייט מעהר, איז דאס אויך ווערטה. א חוץ דעם, האט זיך ענני גענומען לערנען טייפרייטינג און סטענאגראפיע, אויסצוהעלפען איהר געליעבטען אין זיין שטודיום. די משפחה פלאמבערס האט זיך שוין בעצייטענס געפיהלט שטאלץ און געהויבען מיט דעם יחוס זייערען. אונצופריעדען איז בלויז געווען דער שווארצער און דארער שעטנז, ווייל ער איז פון דער נאטור ניט קיין גוטער און ניט קיין פערגינער. אבער מ׳האט זיך אויף איהם ניט ארומגעקוקט.

א גוט קעפעל האט נייטהען געהאט און געלערנט האט ער

מיט התמדה, און קיינער וואָלט גאָרניט געגלויבט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ גרינהאָרן. די געליעבטע האָט שוין אַכטונג געגעבן, ער זאָל גיין געקליידעט ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ. מיט די פּלאָמבערס האָט זיך דער סטודענט גאָר ווייניג אָבגעגעבן. ביי־טאָג אין קאָלעדזש, ביי־נאַכט אָדער איבער די ביכלעך אָדער אַוועק־געגאַנגען ערגעץ מיט עני'ן. דער רעספּעקט און דרך־ארץ פאַר'ן באַלדיגען דענטיסט איז געוואַקסען אין דער משפּחה אַלץ גרעסער און גרעסער.

דער אַלטער הערשזאָהן האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו דער־וואַרטען זיך ביז'ן סוף, האָט מען געפּראַוועט די חתונה עטליכע מאָנאַט פאַר'ן דיפּלאָם. דער אַלטער האָט אַליין מיט זיינע איי־גענע הענד איינגעפיקסט די נויטיגע פּלאָמבינג אין דעם דענטיסט'ס אַרבייטס־צימער. געוואָלט טהאָן אומזיסט האָט דאָס יעדער איי־נער פון דער משפּחה פּלאָמבערס, האָט אָבער דער אַלטער געוואָלט דעם גאַנצען כבוד און נחת פאַר זיך אַליין — האָבען זיי זיך מיט איהם ניט געאַמפּערט.

דער יונגער דענטיסט האָט אויסגעצייכענט בעגריפען זיין שטאַנד צווישען די פּלאָמבערס און ער האָט זיך געהאַלטען אין די פּעדערען. יעדער איינער פון דער פאַמיליע זוכט און קריגט פאַר איהם פּאַציענטען, און פּרעזענטען ברענגען זיי איהם אין הויז אריין אַלע ווייל. דער אַלטער הערשזאָהן קומט אריין צו זיין איידעם דעם דענטיסט אין אַרבייטס־צימער, און בעטאַפּט פאַר־זיכטיג, מיט דרך־ארץ דעם דאָקטאָר'ס איידעלע, בלאַנקע אינס־טרומענטען. דער דאָקטאָר קוקט אַזוי ווי מיט מורא און אונגע־דולד אויף זיין שווער'ס פערגרעבטע, צושפּאָלטענע פינגער, בעת ער בעטאַפּט די אינסטרומענטען — דער אַלטער זאָל דאָס ניט קאַליע מאַכען. ער ווייס, אַז ס'וועט די אינסטרומענטען גאָרניט שאַדען, מעהר ניט — אַזוי פּאַסט זיך דאָס פאַר איהם.

— טולס, ס'איז אויך טולס, — שמייכעלט דער אַלטער — אַלץ איז טולס.

ער קוקט מיט גרויסע אויגען אין די גלעזערנע שאפע, וואו ס'ליעגען אויף די גלעזערנע פאליצעס צולעגט נאך גרעסערע און נאך בלאנקערע „טולס". ער בעקוקט די „פיקטשעס" אין די זשורנאלען, וואס ליעגען אויפ'ן טישעל אין ווארטס־צימער פאר די פאציענטען און ער מיינט, אז דאס האט אויך צו טהאן און ס'איז נויטיג פאר זיין איידעמ'ס דאקטאריע, און ער איז צופריע־דען און פיהלט זיך געהויבען מיט דעם, וואס ער אליין ווייס גאר־נים פון די דאזיגע הויכע זאכען, און נאך א סך, א סך פערשטעהען ניט און ווייסען ניט — דאס מאכט זיין איידעם פיעל, פיעל גרע־סער — ס'איז ניט פאר אלעמען...

— לאמיר געהן א ווײלע צו נייטהען'ן — זאגט מען אין דער משפחה אין אן אבענד, צו א זונטאג. זיי קענען זאגען: „צום דאקטאר", אדער נאך בעסער: „צו אונזער דאקטאר" — נאר מען זאגט דוקא „צו נייטהען'ן", וואס מיט דעם איבערצייגט מען זיך נאך מעהר, אז דער דאקטאר איז זייערער גאר א נאהענטער — אז זיי ווילען, קענען זיי איהם אנרופען „נייטהען", ווי די גאנצע משפחה רופט זיך ביי די נעמען.

די משפחה איז, אהן עין הרע, ניט קיין קליינע און ס'קומט אפט פאר א ברית, א מזל־טוב, א בר־מצוה, א „בוירט־דעי־פאדע"— שיינט דער דענטיסט ארום צווישען די פעראייזענטע, פערבלעכ־טע, גרין־פערדרויכערטע פנימ'ער פון די פלאמבערס. וויפיעל די פלאמבערס זאלען זיך ניט וואשען און שייערען, העלפט זיי אלץ נים, און זיי בלייבען די זעלביגע פלאמבערס אפילו ביים שמחה־טיש. די שטייפע, ווייסע קראגענס פאסען זיך ניט צו זייערע העלזער, און די נעקטיים פאסען זיך ניט אריין אין די קראגענס — שטעקען און הענגען ארום און דער קנופ איז צודרעהט; טראגט איינער פון זיי א שפילקע אין נעקטאי, זיצט די שפילקע אדער צו הויך אדער צו נידעריג און קרום. אויפ'ן דענטיסט איז יעדער ברעקעלע ווי אויסגעגאסען אדער אבגעמאהלען. דער גלאטער פנים פריש פון שייוו, די הענד, די פינגער און די נעגעל ריין און ער זעהט אוים צווישען די חברה פלאמבערס, ווי אן

אַרומגעקראַצטע קאַרטאָפּעל צווישען אַ דוצענד ניט אַרומגעקראַצטע.

און אַז מען זיצט אַרום שמחה־טיש, איז די שמחה ביי די פלאַמבערס אַ דאָפּעלטע: זיי האָבען די שמחה פון מאָמענט, וואָס דאָס זאָל ניט זיין, און די שמחה, וואָס זיי האָבען ביי זיך נייטהען'ן. יעדער איינער פון זיי וואָלט זיך געוואונשען, דער דאָקטאָר זאָל קומען וואָס עפּטער פערברענגען, עסען און טרינקען גלאַט אַזוי. אָבער דער דאָקטאָר איז גאַנץ קאַרג אויף וויזיטען צו זיינע פלאַמ־בערס. ער האָט קיין צייט ניט: אָדער ער אַרבייט, אָדער ער וואַרט אויף פּאַציענטען. אין זיין פרייע צייט וויל ער ערגעץ געהן. אַ חוץ דעם פערשטעהט ער, אַז פאַר איהם וועט זיין געזינטער, ער וועט קענען בעסער אַנהאַלטען זיין הויכע פּאָזיציע צווישען די פלאַמבערס, אַז ער וועט זיך מיט זיי וואָס ווייניגער פריינטלען. ער איז גראַד מיט אַלעמען פון זיי די בעסטע גוטע פריינד, נאָר מיט אַ מאָס, מיט סיסטעם, ווי איינער זאָגט: משפחה זיינען מיר טאַקע, אָבער איינער פון אייערע בין איך ניט, און איהר זאָלט עס וויסען. און זאָל ער נעהמען געהן אַלע ווילע צו זיי צוגאַסט — וועט עס פאַר איהם ניט טויגען.

ריידען ביים טיש, רעדט דער דאָקטאָר ניט פיעל — וואָס האָט ער און וואָס זאָל ער מיט זיי ריידען? און אַלע ווילע ווישט ער די שפּיצען פינגער מיט'ן טישטיכעל — דאָס איז אַ גאַנץ בע־זונדער טישטיכעל, ניט דער, וואָס שטעקט ביי איהם אונטער'ן מאַרדע און פערשפּרייט איבער ס'אויבערשטע פון ברוסט. די פלאַמבערס וויסען ניט און דאַרפען ניט אַזעלכע טישטיכלעך, און זיי זיינען צופריעדען, וואָס דער דאָקטאָר בענוצט זיך מיט זיי, און די דאָקטאָרשע האָט שוין אַזוי איינגעאָרדענט, אַז פאַר איהר מאַן זאָלען זיך געפינען צוויי טישטיכלעך, ווען ער קומט צו משפחה.

אַז ס'ווערט שפּעטלעך, אָדער דעם דאָקטאָר ווילט זיך שוין געהן און ער שטעלט זיך אויף — דערלאַנגען זיך די פלאַמבערס אַ שטעל־אויף, עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט זיין אַ דין, אַ מצוה, ווי מ'שטעלט זיך אויף אויטאָמאַטיש. פון זיך אַליין, אין בית מדרש צו

שמונה עשרה. מ׳בעט איהם, ער זאָל ניט איילען אזוי — העלפט ניט, ער מוז גערן; האָבען די פּלאָמבערס ניט די חוצפה צו־צושטעהן, צו טשעפּען זיך, ער זאָל נאָך איבערבלייבען, עסען נאָך, ווי מען טהוט עס געוועהנליך מיט אַ פּראָסטען אייגענעם מענ־שען. מען בעגלייט איהם צום טיהר.

— ווען וועלען מיר דיך שוין ווידער זעהען ביי אונז?

— קומט אַמאָל ביידע צוגעהן.

— פאַרוואָס זאָלסטו אַמאָל ניט קומען ביי מיר?

— און ביי מיר?

— און ביי אונז?

— אויף שמחות, — שמייכעלט דער דאָקטאָר.

— אם ירצה השם.

די פּלאָמבערס קומען ניט צום דענטיסט אין הויז אזוי אַפט, ווי זיי וואָלט זיך דאָס וועלען און וויפיעל זיי וואָלטען געקענט פערדיינען. דער דאָקטאָר אַליין גיט זיך מיט זיי אָב וואָס ווענ־גער, אזוי גוט ווי גאָרניט — פון דערווייטענס אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, אז ער דערזעהט זיי — דאָס אַלעס. פונדעסטוועגען קומען זיי צוגעהן אַמאָל אין אַן אָבענד, פערברענגען מיט דער דאָק־טאָרשע אין דיינינג־רום אדער אין קיך, און מ׳רעדט וואָס שטי־לער און מ׳בויגט זיך אונטער, גנב׳ענען אַ קוק, ווער ס׳געהט אריין און ארויס פון דאָקטאָר׳ס צימער. די מאָנסבילען פון דער משפחה בעטאַפּען די פּלאָמבינג. קומענדיג און געהענדיג געהט מען מיט פאַרזיכטיגע טריט, אַ רעכט ביסעל מה־יפית׳דיג, כדי וואָס ווענ־גער לאָזען הערען פון זיך.

ס'איז שטיל געוואָרען

עס איז שוין די צווייטע נאַכט, אַז גיטעלמאַן קען ניט שלאָ־פען. דאָס וויינען פון אַ קינד פון יענער זייט וואַנד וועקט איהם אויף יעדע עטליכע מינוט — אַ געוויין דורכגעמישט מיט אַ הוסט און פערגעהט זיך אין אַ קייכען און כאַרכלען — און דערצו נאָך דאָס אַכצען און קרעכצען פון דער מאַמען.

גיטעלמאַן איז אַן אַלטער בחור אין די טיעפע פערציגער. יאָה־רען און יאָהרען שוין, אַז ער האָט ניט געהאַלטען אַ קינד אויף זיי־נע הענד, ניט צוגעריהרט זיך צו אַ קינד. ער האָט ניט ליעב קיין קינדער, איהם ציהט ניט צו זיי. ער מיידט אייגענטליך אוים קינדער. ער וועט קיינמאָל ניט דינגען אַ צימער ביי אַ „מי־סעס“ מיט קליינע קינדער, מיט בייבים געוויס ניט. ער וואוינט שטענדיג ביי אַ „פּאָר פאָלק“, דאָס רוב עלטערע מענשען, ער זאָל זיין זיכער, אַז עס וועלען ניט זיין קיין בייבים — ס'זאָל זיין שטיל אין הויז און ער זאָל ניט געשטערט ווערען אין זיין רוה. גיטעלמאַן היט שטאַרק זיין געזונד. קיין יאָד און קיין צרות האָט ער ניט. מיט אידעען און בעוועגונגען גיט ער זיך ניט אָב, דער אַלגעמיינער „וועלט־שמערץ“ אינטערעסירט איהם אויך גאַנץ ווייניג, און פער־דיענען פערדיענט ער ניט שלעכט, געהט ביי איהם אַוועק זיין געלד און זיין ענערגיע אויף אויפּפּאַסען זיין געזונד, אויף זיין גוף, אויף זיין עסען, אויף זיין רוהען. ער איז אַ גרויסער מפונק אויף זיין עסען און האָט ליעב אַ געשמאַקען ביסען. ער ווייסט אין וועלכען רעסטאָראַן מען קריגט צוויי מאָל אין וואָך „גריבענעס“ — היט ער אָב צו זיין דאָרט אין דיביידע טעג. ער איז אַן אָפטער אריינגעהער אין דעם מילכיגען רעסטאָראַן, אין וועלכען די בליני־צעס זיינען בעסער צוגעברוינט, און אַז איהם פערגלוסט זיך „באָס־

טאַן בינז" אַדער „באַקוועהיט קייק" געהט ער, אַדער נעהמט טאַקע רי קאַר, צו טשיילדס. איהם איז אויך ניט פרעמד דער טעם פון „טשאַפּ־סאַי" און ער ווייסט דעם פּלאַץ, וואו מען קריגט די ריכ־טיגע סחורה; אז עס קומט דער סיזאָן פון סטראַבערי־שאַרט־קייק איז ביי איהם אַז אמת'ער יום־טוב. ער וועט קיינמאָל גאַר־ניט אַראַבלאַזען פון דאַס, וואָס איהם פערגלוסט זיך. אַ דריי טעג נאָכאַנאַנד איז ער שוין געווען אַ וועגעטאַריאַנער. ער האָט אי־בערגעלייענט אַ ביכעל, אין וועלכע ס'איז געווען בעשריבען, אַז ס'איז זעהר „געזונד" צו זיין אַ וועגעטאַריאַנער, מ'לעבט לענגער — האָט ער פּרובירט. אָבער מעהר פון דריי טעג האָט עס ביי איהם ניט אַנגעהאַלטען. ערשטענס, האָט ער קיין שום טעם ניט גע־פיהלט אין די אַרבעסענע „סטייקס" און די רעטשקענע קאָטלעטען, און אַ חוץ דעם, האָט איהם געפעהלט אַריבער אַ פונט אין געוויכט ביים אָבוועגען זיך דאָס צווייטע מאָל אין וואָך. און אַ טבע האָט זיך ביי איהם אויסגעאַרבייט, אַז איידער ער נעהמט זיך טרינקען זיין גלאַז טהע אַדער קאַפע, הויבט ער עס אויף און קוקט דורך פאַר'ן שיין. זעהן זעהט ער דאָרט גאַרניט, נאַר קוקען מוז ער, צו זיין „זיכער" — דאָס טהוט זיך שוין ביי איהם פון זיך אַליין, ער זאָל אפילו פערגעסען אַן דעם. אַזוי האָט ער זיך אויפגעהאַדע־וועט אַ היבש ביסעל און דאָס פּנים גלאַנצט און שיינט. דאָס גלייכען מיט זיין רוהען, מיט זיין שלאָפען. יאָהרען און יאָהרען שוין, ווי ער לעגט זיך שלאָפען אין אַ בעשטימטער שטונדע — ער מעג זיין אַ „געוואוּנענער" אַדער אַ „פערשפּיעלטער", הויבט ער זיך אויף און געהט — און שטעהט אויף צו דער בעשטימטער צייט יעדען פריהמאָרגען, ניט פריהער און ניט שפּעטער. ער היט עס אָב, ווי אַ דין, ווי אַ געזעץ, וואָס ער טאָר ניט עובר זיין; און ער מיינט, טאָמער, חס ושלום זאָל ער געשטערט ווערען אין דעם, איז זיין געזונד, זיין לעבען, אין גרויס סכנה. עטליכע יאָהר האָט ער זיך נוהג געווען צו לעזען עפּעס אויף זיין געלעגער פאַר איינ־שלאָפען, האָט ער אָבער ערגעץ געזעהן, אַדער געהערט, אַז ס'איז „ניט געזונד" צו לעזען פאַר אַ ליכט ליעגענדיג, און אַז מען לעגט

זיך אריין אין בעט, דארף זיין פינסטער — האט ער עס באלד אויפגעהערט פראקטיצירען און ער לעזט זיצענדיג, אז אנגעטהא־נענער, און צו דער געוויסער מינוט טהוט ער זיך אויס, דרעהט אראב די גאז און לעגט זיך שלאפען. דער טערמאמעטער, וואס ער האט אויפגעהאנגען אויף דער וואנד, ברענגט איהם אייגענט־ליך וועניג נוצען, ווארים ס'איז ניט אין זיין האנד צו קאנטרא־לירען די „לופט" אין זיין צימער, דאך שטודירט ער דורך דעם טהערמאמעטער פאר'ן לעגען זיך און ביים אויפשטעהן.

עס איז שוין די צווייטע נאכט, אז גיטעלמאן קען ניט שלא־פען, ווי עס בעדארף צו זיין. אלע ווייל‍ע ווערט ער אויפגעוועקט פון דער בייבי'ס געוויין און קייכען, פון יענער זייט וואנד. דעם גאנצען טאג האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז קראנק, אז זיין אפעטיט איז ניט „אין ארדער", אז ער פיהלט ניט דעם ריכטיגען געשמאק אין זיין עסען, אז די הענד זיינע טהוען ניט ריכטיג די ארבייט. איצט לאזט מען איהם ווידער ניט שלאפען — טו וואס וועט שוין זיין מארגען ?!

אויף מארגען האט ער געפיהלט, אז ער איז אין גאנצען צו־בראכען, ער פיהלט ניט קיין גאנצען גליעד אין זיך; און ביים עסען האט ער זיך „ארייגעטראכט" אין יעדען ביסען בעזונדער, צו ער פיהלט דעם ריכטיגען געשמאק און טעם, וואס אלע מאל — ער איז געווען זיכער, אז היינט איז איהם „הונדערט מאל" ערגער פון נעכטען.

די דריטע נאכט איז אוועק ניט בעסער, ווי די פערגאנגענע צוויי. די בייבי האט געוויינט, געהוסט, געכארכעלט און זיך פער־קייכט. די מאמע האט געזיפצט און געקרעכצט. גיטעלמאן האט אויך געזיפצט און געקרעכצט, זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער אנדערער, און געזארגט וועגען מארגענדיגען טאג, וועגען זיין געזונד, זיין אפעטיט.

די פיערטע נאכט האט זיך גיטעלמאן געלעגט אין בעט אריין — ווי ער האט געמיינט — א טויט־קראנקער מענש; ער איז געווען

פערצווייפעלט; ער האט זיך גערינכט אויך דיזע נאכט ניט צו שלאפען, צו הערען דעם געוויין, מיט'ן הוסטען און קייכען און כארכלען, מיט דער מאמעס אכצען און קרעכצען; ער האט זיך גערינכט, אז מארגען וועט ער שוין קיין כח ניט האבען אויפצושטעהן...

ער איז געלעגען מיט אפענע אויגען און געווארט — ער וועט בעסער גארניט מאכען קיין פערזוך איינצושלאפען. שטיל... ער קען זיך ניט דערווארטען. עס הערט זיך גארניט פון יענער זייט וואנד, — גיטעלמאן האט זיך פערפעסטיגט אויף זיין געלעגער און פערמאכט די אויגען: ענדליך וועט ער קענען רוהיג דורכשלאפען א נאכט, גוט אויסרוהען זיך פאר די פערגאנגענע דריי נעכט... נאר דער שלאף איז ניט געקומען און גיטעלמאן איז ניט רוהיג: פארוואס איז עפעס היינט שטיל?... פארוואס שווייגט די בייבי היינט?... וואס איז דער מעהר? קען זיין, אז די בייבי איז שוין מעהר נימא — געשטארבען!... ס'ליעגט שוין אין דער ערד... בעגראבען... מען האט עס היינט אריינגעלעגט אין א גרוב און בעשאטען מיט ערד... ס'וועט שוין מעהר ניט הוסטען און קייבען... ניט מאטערען זיך... ער וועט קענען רוהיג שלאפען...

א ווארימקייט האט זיך צוגאסען איבער גיטעלמאן'ס הארץ, אויסגעמישט מיט א געפיהל פון רחמנות און חרטה; רחמנות אויפ'ן עופה'לע, וואס ליעגט בעגראבען אין דער ערד און וואס האט זיך אזוי אנגעמאטערט, אזוי פיעל געקייכט און געכארכעלט, ביז ס'איז ענדליך אנשוויגען געווארען אויף אייביג, ניט געקענט אויסהאלטען מעהר די יסורים, און איז דערשטיקט געווארען, אויסגעגאנגען... און ער איז אזוי הארטהערציג און שלעכט... ניט געקענט פערטראגען דאס מאטערניש פונ'ם עופה'לע. ער איז געשטערט געווארען אין זיין שלאף. ניט איבערגעקלעהרט גאר, וואס אויף יענער זייט וואנד מאטערט זיך א נפש'ל מיט'ן טויט... קען אפילו ניט ארויסזאגען, ניט דערצעהלען פון די שווערע יסורים... ער איז געווען בייז, אין כעס, וואס מ'שטערט זיין שלאף... עס איז דארט געלעגען און זיך געשטיקט און געכארכעלט... געוואר־

פען מיט די הענטלעך און פיסלעך, ביז עס איז אנטשוויגען גע־וואָרען... דערשטיקט געוואָרען... ער האָט ניט געקענט שלאָפען...

און גיטעלמאַן איז געלעגען און געוואַרט... געהאַפט... באַלד וועט זיך דערהערען דער הוסטען און דער כאָרכלען... ווי האָט זיך איהם דאָס געוואָלט הערען!...

די נאַכט־שטונדען ציהען זיך שווער... שטיל... גיטעלמאַן שלאָפט ניט... ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן ווי א מענש שטאַרבט. נאָר איהם האָט זיך איצט קלאָהר פאָרגעשטעלט, ווי דאָס עופה׳לע איז אויסגעגאַנגען... עס צאַפּעלט זיך, וואַרפט זיך מיט די הענט־לעך און פיסלעך... שטיקט זיך און כאָרכעלט... ריידען קען עס ניט... בעטען קען עס ניט... און עס בלייבט ליעגען שטום... דער־וואָרגען... דערשטיקט... די הענטלעך און פיסלעך ליעגען רוהיג. קען זיין דאָס האָט פּאַסירט טאַקע אין דער ווייל, וועו ער איז דאָ געלעגען אַ בייזער, אַן אויפגערעגטער, וואָס מען שטערט איהם זיין שלאָף... ער זעהט קלאָהר ווי דאָס עופה׳לע איז געבליבען ליעגען שטיל... דערשטיקט... און צו גיטעלמאַן׳ן האָט זיך איצט צוגעטשעפּעט אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל: אַ קעל־בעל איז גע׳פגר׳ט ביי זיין מאַמען אין קיך, אַ קעלבעל פון צוויי טעג; מען האָט עס אריינגענומען פון שטאַהל אין קיך אריין, ווייל עס האָט געקרענקט; ער איז געווען דערביי, ווען עס איז גע׳פגר׳ט. אַלע מענשען אין הויז זיינען געשטאַנען ארום דאָס קעלבעל, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד — עס האָט שווער געאַרבייט מיט די נאָז־לעכער, אַ שוים האָט געשלאָגען פון מויל, אַלע ווייל׳ע האָט עס אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און ס׳איז צוריק אוועקגעפאַלען; ס׳האָט ארויסגערוקט די פיס פאָראויס — געבלי־בען ליגען שטיל. ער געדענקט, ווי ער און די שוועסטערלעך האָבען דעמאָלט געוויינט. ער געדענקט עס קלאָהר. און די מעשה מיט׳ן קעלבעל האָט זיך איהם אויסגעמישט און צוזאַמענגעפלאָנ־טערט מיט׳ן עופה׳לע אויף יענער זייט וואַנד — ער האָט זיי ביידען געזעהן פאַר זיך... ער האָט געזעהן ווי דאָס עופה׳לע ליעגט אין

קיך אויף דער ערד און אלע שטעהען ארום און קוקען, ווי עס שטארבט אוועק... ער שטעהט אויך דערביי... ער האט זיך דער־מאנט אן א סך זאכען פון „דערהיים“ אין יענע יאהרען, אן דער מאמען, אן טאטען, וועלכע זיינען שוין לאנג טויט, אן די שוועס־טער און ברידער, וועלכע ער האט שוין צעהנדליגע יאהרען ניט געזעהן... די חדרים, די מלמדים, אינגלער, חברים... די שוהל... דער בית־מדרש... און צווישען די אלע, אן אלטע שבת־גויה מיט א שייגעצעל — נאר דיעזע געדאנקען און עראינערונגען פלעגען באלד פעררוקט ווערען מיט דעם קעלבעל און עופה׳לע...

אין דרויסען האט שוין געבלאזט אויף טאג, ווען גיטעלמאן׳ס אויגען האבען זיך ענדליך געשלאסען אין א דרעמעל. דאס איז אבער ניט געווען קיין שלאף, נאר עפעס א מין היהנער־פלעט; ער האט אין זיין דרעמלען געהערט א הוסט און א געוויין... ער פלעגט עפענען די אויגען און אנשטרענגען זיך צו הערען... שטיל... איהם האט זיך אויסגעדוכט...

גיטעלמאן איז דיעזע נאכט געשלאפען ווייניגער און ערגער, ווי אין די פערגאנגענע פאר צעהנדליג יאהר.

פארנאכט, גלייך נאך דער ארבייט, פאר סאפער נאך, איז גיטעלמאן געקומען צו זיך אין צימער — טאמער וועט ער עפעס דערהערען. ער איז דעם גאנצען טאג געווען אין א שווערער, גע־דריקטער שטימונג. ער איז געווען איינגאנצען איבערפילט מיט׳ן בארכלען און גוסס׳ן פונ׳ם עופה׳לע און פאר זיינע אויגען האט זיך געמאלען דאס בילד, ווי מען לעגט עס אריין אין דער ערד, א שטילינקען, א פערגליווערטען... און די סצענע מיט׳ן קעלבעל האט ער ניט געקענט פערטרייבען פון זיך... דער פריהשטיק און מיטאג איז איהם אמת ניט איינגעגאנגען.

פון יענער זייט וואנד האט זיך גארניט געהערט בשעת ער איז אריינגעקומען אין צימער. ער האט זיך אוועקגעזעצט און געווארט מיט אנגעשטרענגטע אויגען און אויערען. שטיל. ער האט ענדליך בעשלאסען. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז

ארוים פון צימער, און זאָכט אַנגעקלאַפּט אַן טיהר פון דער דירה, וואו דאָס קראַנקע קינד האָט זיך געמאַטערט דורך די פערגאַנגענע נעכט.

מען האָט געעפענט די טיהר. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי, אַבגעלאַזען, היימיש אַנגעטהאַן, מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים.

— ענטשולדיגט, — האָט גיטעלמאַן גערעדט — איך האָב געוואָלט וויסען, וואָס איז געוואָרען — וואָס מאַכט — דאָס קינד, וואָס האָט געהוסט — און דערזעהענדיג אויף דער פרוי, אַז זי איז פערוואונדערט — זי קען איהם ניט — האָט ער צוגעלעגט: איך האָב געהערט... איך וואוין אין אַ צימער וואָס איז לעבען אייערען, אויף דער אַנדערער זייט.

— גאָט צו דאַנקען, אַביסעל בעסער — האָט די פרוי געזאָגט — דער דאָקטאָר האָט געהייסען אַריינגעהמען אין פראָנטרום, ס'זאָל זיין מעהר לופט.

— אַזוי, בעסער! — האָט גיטעלמאַן אַרויסגעזאָגט מיט שמחה, און איהם האָט זיך געוואָלט בעדאַנקען דער פרוי פאַר דער גוטער בשורה, אָבטהאַן איהר אַ טובה, און ער האָט געפרעגט:

— אַ באָי, צי אַ מיידעל?

— אַ באָי. — האָט די פרוי געענטפערט.

— ווי אַלט? — האָט גיטעלמאַן געטהאַן נאָך אַ טובה.

— דער אַכטער מאָנאַט.

— איך האָף, אַז ער וועט באַלד זיין געזונד, — האָט גיטעלמאַן געוואונשען מיט'ן גאַנצען האַרצען.

— אַ דאַנק.

— גוד־באַי.

— גוד־באַי.

גיטעלמאַן איז אַראָב אין סטריט. געהענדיג פון די טרעפּ איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו קויפען אַ באָקס קענדי, און אַרויפטראָגען פאַר'ן קינד. אָבער אַראָבקומענדיג אין סטריט און אָבגעהענדיג אַ שטיקעל וועג, איז זיין שמחה געווען אַביסעל אויס־

געוועפּט, און ער האָט זיך אַנגעהויבּען וואונדערן אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט'ן קינד און זיך אַזוי נאָכגעפרעגט.

ער האָט אָבּער ניט געקענט פערלייקענען פון זיך אַליין די שמחה, וואָס האָט איהם בּעהערשט, די יום־טוב'דיגע שטימונג, וואָס האָט אַנגעפילט זיין האַרץ.

דער קאַלעקטאָר

זיי זיינען דאָ פינף: דריי ברידער און צוויי שוועסטער, צו־זעעט און צושפּרייט איבער גאַנץ גרייטער ניו יאָרק.

צוויי פון די ברידער זיינען גוט־אָפּ. איינער האָט אַ גוי׳שקע דעליקאַטעסען־סטאָר אין וואַשינגטאָן־הייטס; דער אַנדערער — אַ גרויסע סיגאַר־סטאָר אין טענדערלאָין, לעבען אַ טהעאַטער. די צוויי שוועסטער זיינען אויך ניט אָרעם. איינע האָט אַ גאַנץ פיינע גראָסערי ערגעץ אין ברוקלין; די אַנדערע — אַ לאַנטש־רום דאָון־טאַון.

נאָר איין ברודער פון דער משפחה איז אַ גרויסער שלים־מזל־ניק און קען זיך צו גאָרניט צושלאָגען. די משפחה האָט פאַר איהם געגעבן געטהאָן: מען האָט איהם געקויפט אַ קענדי־סטאָרקע, און ער האָט עס גיך בעגראָבען; דאָסזעלבע איז געווען מיט אַ פּייפּער־סטענדעל, מיט אַ גראָסערי־סטאָרקע — צו וואָס ער ריהרט זיך צו, לעגט ער אין דער ערד אַריין — ער טויג ניט און אַ סוף; אפילו אַ ריכטיגען טרייד קען ער זיך ניט אויסלערנען. דערפאַר האָט ער גרוים מזל מיט קינדער — אַ פולע הויז מיט קינדערלעך, שטענדיג אָבגעריסען און שטענדיג הונגעריג.

די ברידער און שוועסטער האָבען עלטערן אין אַ קליין שטעד־טעל אין דער ליטא, וועלכע מען מוז שטיצען. ווי געוועהנליך, די רייכע ברידער זיינען שטענדיג ביזי, פערדרעהט, פערהאָוועט. דערצו זיינען זיי שוין גאַנץ לאַנג פון דערהיים און עס דערמאָנט זיך זיי גאַנץ זעלטען, און עס איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטען וועגען טאַטע־מאַמע דאָרט אין שטעדטעלע. די שוועסטער זיינען טאָג און נאַכט פערטהאָן, איינע אין גראָסערי, די אַנדערע אין לאַנטש־רום — בלייבט זיי אויך גאַנץ ווייניג צייט אָבצוגעבען זיך מיט די

אלטע לייט דארטען. אז מען דערמאָנט זיך אמאל, זיפצט מען זיך גוט אויס און שוין. נאר דער ברודער, דער ארימאן, האבענ־דיג שטענדיג צו טהאָן מיט זיינע אייגענע צרות, פון דערהיים איז ער ניט זעהר לאנג, און אז ארימאן איז דאך א בעל צדקה, — ער קלעהרט און טראכט שטענדיג פון די אלטע טאטע־מאמע אין דערהיים. נאר וואס קען ער זיי, נעבעך, העלפען? טהוט ער, וואס עס ליעגט אין זיינע כחות: ער איז דער בריעף־שרייבער, דער גרוסען־אבגעבער. און ווען ער קריגט א בריעף, נעהמט ער ארומפאהרען איבער'ן שטאדט אבגעבען גרוסען. ער רעדט צו די רייכע אהן חוצפה, שטיל, ניט פיעל, ווי א דערשלאגענער ארימאן.

— יוסף, געקראגען נעכטען א לעטער פון דערהיים.

— אזוי, וואס שרייבען זיי?

— וואס זאלען זיי שרייבען? מ'דארף זעהן עפעס שיקען.

— מ'האט דאך ניט לאנג צוריק געשיקט!

— דאס איז געווען נאך פאר חנוכה.

— פיליפ האט שוין געגעבען?

— ער'ט מסתמא געבען.

— אז פיליפ וועט געבען, וועל איך אויך געבען.

— אז פיליפ וועט אויך אזוי זאגען, טו ווער'ט מאכען דעם אנפאנג?

— מאך דו דעם אנפאנג — וויצעלט זיך יוסף. ער נעהמט אבער ארויס א „פייפערל" און דערלאנגט — זאל ער דא וואס וועניגער שטעהן אין סטאר...

— נא, פערגעס ניט אוועקצושיקען.

מיט די געלד טיעף אין קעשענע פאהרט ער אוועק צו פיליפ'ן, גיט איהם אב א גרוס פון טאטע־מאמע און זאגט, אז מ'האט גע־דארפט זעהן עפעס שיקען.

— יוסף האט שוין געגעבען?

— שור געגעבען.

— וויפיעל?

ער ווייזט, וואס יוסף האט געגעבען.

פיליפּ דערלאַנגט איהם אויך אַזוי פּיעל.

איצט פאָהרט ער צו די עלטערע שוועסטער.

— מנוחה, כ'קום איצט פון „זיי". כ'האָב געקראָגען אַ לעטער פון דערהיים.

— אי, טאַקע גוט וואָס דו דערמאָנסט זיך כאָטש אַמאָל — דערפרעהט זיך מנוחה.

— וועסט עפּעס געבען?

— וואָס האָבען זיי געזאָגט?

— זיי האָבען געגעבען.

— וויפיעל?

ער ווייזט איהר, וויפיעל ער האָט פון ביידען געקראָגען.

— וועסט אפשר עסען? — פרייינדעלט זיך מנוחה. — וואָס מאַכט מען דאָרט ביי דיר?

— וואָס זאָל מען מאַכען? גאָרנישט. עסען וויל איך ניט. כ'וואָלט וועלען, ס'זאָל זיין אַקוראַט פופצעהן רובעל און כ'וויל נאָך היינט זיין ביי פריידע נחמה'ן.

— טו נאָ און געה געזונטערהייט — דערלאַנגט זי איהם איהר נדבה. — פערגעס ניט אַמאָל קומען מיט די קינדער, הערסט!

ביי פריידע נחמה'ן קומט ער שוין אַריין דרייסטער, פרייער, דעם קאָפּ אַביסעל מעהר אויפגעהויבען; זי איז די אינגסטע, אויף זיינע הענד זיך אויפגעהאָדעוועט.

— וואָס מאַכסטו, פריידע נחמה? וואָס מאַכען די קינדער? כ'האָב געקראָגען נעכטען אַ לעטער פון דערהיים.

— גיב אַהער מיר איבערלייענען.

ער גיט איהר דעם בריעף און זי לייענט. און פאַר פריידע נחמה'ן רעדט ער שוין אַביסעל פון זיינע אייגענע צרות אויך.

— כ'האָב געדאַרפט געבען רענט נאָך אייערנעכטען; מיט די קליינע מוז מען געהן אַלע איבער־טאָג אין דיספּענסערי.

פריידע־נחמה בעקוקט איהם און בעזיפצט איהם, מיט אַ מינע, וואָס מיינט: אוי, שטיק צרה; אוי, שטיק קלאָג, וועסט שוין קיין לייט ניט זיין.

— א גרויסער רחמנות דארטען אויף זיי, — רעדט ער — אויף דער עלטער אליין, ווי די שטיינער.

פריידע נחמה פרעגט איהם ניט, אויב ער וויל עסען. זי שטעלט אוועק אויף'ן טיש און ער עסט.

ביי איהר דארף ער ניט פרעגען און ניט בעטען. ער וויים, אז זי וועט געבען. נאר ער מוז שטענדיג אונטערוואַרטען. דער מאַן פריידע נחמה'ס איז א קאַרגער, ער דאַרף דערפון ניט וויסען, מוז ער וואַרטען, ביז זי וועט איהם מיט עפּעס א תירוץ „ארויספּראַווען", „משלח זיין" ערגעץ אויף א ווייליגקע; און אז דאס גיט זיך איהר ניט איין, געהט זי איהם „בעגלייטען". זי דערלאנגט איהם, וויפיעל עס פעהלט אויס צו פופצעהן רובעל און אויך די עטליכע סענט, וואס ס'דאַרף קאסטען דער אוועקשיקען.

ביים „גוד־ביי" כאַפּט זי זיך:

— וואַרט א מינוט, האסט דאָך פערפאַהרען א סך קאר־פעיר. און זי דערלאנגט איהם אין האנד אריין קליין־געלד.

ער צעהלט ניט און לעגט אריין אין קעשענע.

און ער פאַהרט אוועק דאון־טאון, שוין אוועקשיקען. ער וויל ניט און טאר ניט האלטען ביי זיך דאס געלד. ער האט שוין אמאל געהאט א מפלה: ער האט פערהאלטען ביי זיך דאס געלד א פּאָר טעג, איז דערווייל ביי איהם אוועק א דאלאר און א האלב; פון יעמאָלט אן האט ער זיך אזוי ווי א נדר געטהאן, ניט צו לאזען ביי זיך איבערנעכטיגען „זייערע" געלד.

אמאל אין א יובל קומט זיך די משפחה צוזאמען: צו א שמחה, אדער חס־ושלום אין א צרה, פרעגט מען זיך איינע ביי די אנדערע:

— געוועזן ביי דיר דער קאלעקטאָר?

— געוועזן. און ביי דיר?

— ווי דען?

— אויף דעם אבער טויג ער זיך אוים.

— וואלט ער זיך אזוי אויסגעטויגט.צו אנדערע זאכען.

נור איין פריידע נחמה לעגט צו, אומעדיג, מיט רחמנות:

— נעבעך, שווארץ ווי די ערד.

דעם סטענדקיפער׳ס טעכטער

יאהרען לאנג שוין זעה איך דעם סטענדקיפער אלע טאג לע־
בען זיין סאדא־וואסער שטייז, מיט די אידישע צייטונגען. איך קען
איהם, איך קען זיין ווייב און האב געקענט זיינע קינדער, ווען זיי
זיינען געווען קליין, ווען זיי זיינען אויסגעוואקסען, און איצט האלט
איך זיך אין בעקענען מיט די אייניקלעך. איך געדענק ניט און
קען ניט זאגען, ווער עס האט זיך פריהער בעוויזען אויף דער איסט־
סייד: איך, צי דער סטענדקיפער מיט זיין פאמיליע; ס׳קען
זיין, מיר זיינען געקומען פונקט אין דערזעלבער צייט — איך קען
זיך אבער ניט דערמאנען אן דעם טאג, ווען דער סטענדקיפער איז
ניט געשטאנען אויף זיין קארנער, ערפילענדיג זיין פליכט. און זע־
הענדיג איהם אלע טאג, זעהט ער מיר היינט ניט אוים פיעל
אנדערש ווי מיט קנאפע צוויי צעהנדליג יאהר צוריק, אבוואהל
זיין אמאליגע רויטע בערדעל איז היינט גוט דורכגעמישט מיט
גרויע האר און די קנייטשען אין זיין פנים זיינען אריינגעשניטען
טיעפער. דערפאר אבער קען מיר שוין מיין אויג ניט נארען,
ווען איך זעה דעם סטענדקיפער׳ס טעכטער, דריי אין צאהל, אהן
עין־הרע. איך געדענק די צייט, ווען זיי פלעגען קומען צום סטענד,
זיך האלטענדיג אן דער מאמעס קלייד, און איך זעה זיי היינט
מיט זייערע אייגענע קינדערלעך. און אלע דריי האבען זיי ער־
רייכט צו זייער היינטיגע שטופע טאקע דורכ׳ן טאטע׳ס סאדא־
וואסער־סטענד.

צוערשט האט זיך בעוויזען ביים טאטענס זייט די עלטסטע
טאכטער, א מיידעלע פון א יאהר דרייצעהן־פערצעהן, אדער פער־
צעהן־פופצעהן; א שעהן קינד, א מחיה געווען צו קוקען אויף
איהר. זי האט פערשיינט דעם שטיין צוזאמען מיט די אידישע
צייטונגען, און די שטיקעל קענדי פאר א פעני איז זיכער געווארען

פיעל זיסער, דורכגעהענדיג דורך איהרע הענד. דער טאטע האט פון איהר געהאט גרויס נוץ: ער פלעגט קענען אוועקגעהן ביי־טאג אביסעלע „צושפּארען“ זיך, ווארים דער סטענד עפענט זיך פינף פאר־טאג, און שליסט זיך איינס אין דער נאכט. און דער טאטע עפענט און פערמאכט דעם סטענד, שליסען זיך איהם ביי־טאג די אויגען. ווענען פערלאזען זיך אויף איהר, האט ער ניט געהאט וואס איבערצוקלעהרען. זי טויג צום געשעפט נאך בעסער ווי ער: מיט איינמאל אויסדרעהען זיך, אטענדעט זי צו דריי קאסטאמער: א גלאז וואסער, פאר א פעני קענדי און צוויי „מעקאס“ פאר א פעני.

די גאס קאכט. מענשען געהען פארביי אין די הונדערטע, אפשר אין די טויזענדע; און די מיידעלע ביים סטענד וואקסט מיט יעדען טאג און זי ווערט א „יאנג ליידי“. איהר צאפ איז שוין פערפלאכטען אויפ'ן קאפ, און אויף איהר פנים זעהט זיך פוידער, וואס זי דארף דאס גארניט: איהר שעהנער פנים קען שעהנער ניט ווערען פון די געקינסטעלטע מיטלען. און מענשען זיינען ניט בלינד. צום סטענד קלעפּען זיך א סך יונגע לייטלעך, וואס חנ'דלען זיך און זוכען פערקניפּען א פריינדשאפט. נאר איינער פון זיי איז געווען גאנץ ערנסט — א בחור'ל אין א גרינעם קאפּעלושעל מיט א בעהארטע אויבערשטע ליפ, וואס ער האט געמיינט, אז דאס איז א „מאסטעש“, דיזעלבע גרויס און גרעב, ווי דער ברעם אויף זיין אויג. דער דאזיגער בחור'ל פלעגט קוים דערלעבען דעם אבענד און קומען צום סטענד און ניט אבטרעטען, און זיך חכמה'ן און זיך וויצלען מיט דער שעהנער סטענדקיפּערקע און ניט אויפהערען טאפּען און ציהען די עקלער פון זיין פער־עקשנ'טער „מאסטעש“, וואס האט זיך ווייטער ניט געלאזט פער־שפּרייטען. פלעגען קומען צום סטענד א פּאר קאסטאמער, פלעגט ער זיך אבציהען אז א זייט, און קוקען אויף איהר און אנקוועלען פון איהר שעהנקייט און לעבעדיגקייט. אלץ איז זיך געגאנגען כדרך הטבע — דער יונגערמאן האט זיך ענדליך „ערקלעהרט“ און זיי זיינען געווארען חתן־כלה.

טאַטע־מאַמע האָבען זיך צוגעגרייט: אַ קורצע צייט פאַר דער חתונה האָבען זיי אַרויסגענומען פון סקוהל די נעקסטע טאָכ־טער, און איהר אַוועקגעשטעלט ביים זייט פון דער כלה, לערנען די ביזנעס. און אַלע צרדים האָבען דערפון פראָפיטירט: טאַטע־מאַמע — זיי וועלען האָבען אַ שטעל־פערטרעטעריןֹ; חתן־כלה — זיי האָבען מעהר צייט אין די אָבענדען צו ריידען און פערברענ־גען; און די אינגערע טאָכטער האָט געקראָגען איהר בענעפיט אַביסעל שפּעטער. אויך זי האָט פערשיינט דעם געשעפט, און איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג, און אויך איהר צאָפּ האָט זיך פערפלאָכטען אויף איהר קאָפּ, און אויך איהר פּנים איז בעשאָטען געוואָרען מיט פּוידער, וואָס זי האָט גאָרניט געדאַרפט, און זי האָט נאָך אַביסעלע אַריבערגעכאַפּט די מאָס: איהר נעזעל האָט שטענדיג אויסגעזעהן ווי אַקאַרשט אַרויסגענומען פון אַ זעקעל מעהל, און יעדע שטונדע, און אפשר נאָך עפטער, האָט זי אַראָב־געבויגען דעם קאָפּ אונטער'ן „קאַונטער", וואו עס געפינט זיך דער סאָדאַ־וואַסער אַפּאַראַט, און אָבגעפּאַטשט די באַקען מיט'ן „פּוידער־פּאָף".

און דער בעלן אויף דעם סטענדקיפּער'ס צווייטע טאָכטער האָט אויף זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. ער איז געקומען גאַר גיך. און קורץ פאַר דער חתונה האָט זיך ביי דער כלה'ס זייט בעוויזען דעם סטענדקיפּער'ס דריטע טאָכטער, וואָס האָט דערנאָך פערנומען דעם פּלאַץ. אויך איהר צאָפּ איז ניט לאַנג אַראָבגעגע־האַנגען איבער איהר רוקען. און די וועלט פּראָגרעסירט: איהר פּוידער איז שוין ניט געווען אַ פּראָסטער פּוידער, ער איז געווען מעהר „פּינק" איידער ווייס, צוויי ברייטע פּאות, אין דער פאָרמע פון „האַמבורגער סטייקס", האָבען פערדעקט איהרע אויערען און שטיקער באַקען, און אַ פּיטשינקער, שוואַרצינקער, קיילעכדיגער חן־צעטעלע איז געווען ביי איהר צוגעקלעפּט ניט ווייט פון'ם לינ־קען אויג.

דער דריטער טאָכטער איז בעשערט געווען דערזעלביגער שיזאַל פון די עלטערע צוויי: אויך זי איז אַוועק פאַר ניינצעהן

יאהר אהין, פון וואנען עס איז שווער צוריקצוקומען. און מעהר קיין טעכטער האט מסתמא ניט אונזער סטענדקיפער — איצט שטעהט ביים סטענד א באיטשיק, וואס אז מען וואלט איהם צוגע־קלעפט א רויטע באָרד, וואלט ער אויסגעזעהן אקוראט ווי דער טאטע.

די טעכטער זיינען חס־ושלום ניט אין גאנצען פערפרעמדט גע־ווארען. אין א שעהנעם וועטער קומען זיי געוואהר ווערען דעם סטענד. די עלטערע פיהרט איינס ביים הענטעל און איינס אין קערידזש; די צווייטע — איינס אין קערידזש; די דריטע וועט אודאי גאר אין גיכען אנזאגען גוטע נייעם... קאסטאמער און שכנים קענען זיי און קלייבען נחת צוזאמען מיט טאטע־מאמע. און איך אויך.

די „גרענדמאַס“

דער שיקזאַל האָט שוין אַזוי אויסגעאַרבייט, אַז אויף די גאַר עלטערע יאָהרען זייערע זאָלען די צוויי פּרויען, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט ליעב געהאַט און אַלע מאָל געווען פון וויטען, לעבען אין איין הויז און עסען ביי איין טיש.

די שנאה זייערע האָט זיך אָנגעהויבען מיט צעהנדליגע יאָהרען צוריק, ווען זיי זיינען געוואָרען „מחותּנעסטעס“ אין'ם קליין שטעדטעל אין דער אַלטער היים. קיין דם־שונאים זיינען זיי זיך ניט געווען, נאָר מ'האָט זיך סתם ניט ליעב געהאַט; געווען פון דערוויטענס; ביידע „מחותּנעסטעס“ זיינען ניט געווען צופריעדען מיט'ן שידוך, צוליעב קליינשטעדטעלדיגע אורזאַכען — פון ביידע זייטען האָט מען ניט פערגונען איינע די אַנדערע דעם גליק. מיט'ן גאַנג פון דער צייט איז די שנאה אָבגעשוואַכט געוואָרען, אָבער קיין איבריגס גוטע פריינד איז מען זיך ניט געוואָרען.

אַ סך יאָהרען זיינען פאַראיבער. די פאַמיליעס האָבען דורך דער צייט אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקאַ. די יונגע מענשען זיינען פיעל עלטער געוואָרען. די זיידעס זיינען אויסגעשטאָרבען און די „מחותּנעסטעס“, די צוויי באָבעס, וואָס זיינען דעם גאַנצען לעבען זייערען געווען אַזוי פון דערוויטען, איז בעשערט געווען אויסצולעבען די לעצטע טעג זייערע ביי זייערע קינדער, און זיי זיינען געווען שטענדיג איינע אויף דער אַנדערער'ס אויגען; און די דאָזיגע לאַגע האָט זיי ניט דערנעהנטערט איינע צו די אַנדערע. די פאַרצייטיגע קליינשטעדטעלדיגע שנאה איז שוין טאַקע געווען טוידט — איז אָבער געבאָרען געוואָרען אַ גאַנץ נייע פיינדשאַפט. אַ מין אייפערזוכט צווישען זיי, אַ ניט־

פערגינען, און זיי האבען זיך נעבאך ניט געקענט אנקוקען איינע די אנדערע.

ביידע זיינען זיי שוין געווען אין די זיבעציגער.

אין הויז האט מען געלעבט באלעבאטיש, די אלטינקע האט גארניט געפעהלט און זיי האבען אויך געקראגען דעם פולען כבוד, וואס זיי האט געקומט. ביידע זיינען גלייך אבגעהיט געווארען, אבער די אלטינקע האבען עס ניט געזעהן און ניט געוואלט זעהן, און ביידע האבען געמיינט, און זיי זיינען זיכער געווען, אז „יענע" האט זיך אין הויז בעסער ווי זי. זיי האבען ניט גערעדט איינע מיט די אנדערע, האט מען זיך געשיקט שטענדיג דורך די אייניקלעך.

די אייניקלעך, באיעס און מיידלעך, די אינגערע היגע געבארענע און די עלטערע דא ערצויגענע, האבען ליעב געהאט די אלטינקע, איבערהויפט די מיידלעך, און זיי האבען די צוויי באבעס געגעבען אמעריקאנער נעמען — איינע האט געהייסען „גרענדמא פעני", און די אנדערע „גרענדמא סאפיע", און עס איז געווען א גרויסער אונטערשיעד צווישען די ביידע „גרענדמאס. „גרענדמא פעני" האט גאר אהן א קרים אנגענומען דעם אמעריקאנער נאמען, ס'האט איהר אייגענטליך הנאה געטהאן די זאך. ווארים דער חשק צו לעבען איז נאך ביי איהר געווען גאנץ שטארק, און ווען עס האט זיך איהר נור איינגעגעבען, האט זי אראבגעקוועטשט וויפיעל ניט איז פון די עטליכע און זיבעציג יאהר. און זי האט זיך בעמיהט אויסצוזעהן אינגער. אנטהאן זיך וואס שעהנער — האט זיך איהר אויסגעדוכט, אז דער נייער אמעריקאנער נאמען מאכט איהר אינגער און שעהנער. „גרענדמא סאפיע" איז שלום געווען מיט איהר היובען עלטער, און זי האט ניט געזוכט צו ווערען אינגער און שעהנער, האט זי געוואלט בלייבען ביי איהר נאמען — שפרה; ניט געוואלט אנגעהמען דעם נייעם נאמען.

— שפרה הייס איך; רופט מיך באבע שפרה; צו וואס דארף איך אזעלכע נעמען? — האט זי געבעטען די קינדער.

אבער איינזעהענדיג, אז „יענער" רופט מען „גרענדמא פעני",

האָט באַבע שפּרה, וועלכע איז אָנגעקומען אין הויז אַביסעל שפּעטער, איינגעשטימט צו הייסען „גרענדמאַ סאַפּיע", כדי „יענע" זאָל זיך מיט גאָרניט קענען איבערנעהמען אַנטקעגען איהר.

די מיידלעך האָבען געהאַט אמת'ן „פאַן" מיט די גרענדמאַס, אָבער אַלץ אויפ'ן בכבוד'ן אופן; איבערהויפּט האָבען די מיידלעך אָנגעקוואָלען פון „גרענדמאַ פעני", ווען איהר וועלען זיין יונג און געהן „געדרעסט". די מיידלעך האָבען איהם אַמאָל אַריינגענומען אין זייער רום, און אָנגעטהאָן איהר אַ היינטמאָדיש קליידעל, אַ קורצינקע און טיעף אויסגעשניטענע איבער'ן ברוסט, און געוואָלט אַריינפיהרען איהר ווייזען פאַר אַלעמען, ווי יונג און שעהן זי איז; נאָר די אַלטינקע האָט זיך געשעהמט, איז ניט אַרויס פון רום און אויסגעטהאָן ס'קליידעל; אָבער אין די ווייליגקע האָט זי הנאה געהאַט.

אין הויז האָט מען זיך געהיט ניט אויפצורייצען די „דזשעלאַסי" פון די ביידע אַלטינקע; האָט מען געקויפט שיך און זאָקען און ווייסטלעך פאַר ביידען דיזעלביגע און אין איין צייט; מען האָט זיך אויסגעהיט צו זיין מעהר פריינדליך צו איינער, ווי צו דער צווייטער. און דאָך האָבען זיי ביידע געמיינט, אַז „יענע" האָט זיך דאָ בעסער; ביים טיש צו די מאָהלצייטען איז אויסגעמאַרקירט געוואָרען, אַז די טעלערס זופּ זייערע זאָל אוועקגעשטעלט ווערען לעבען ביידע גלייך, אַזוי מיט'ן פלייש, מיט'ן גלאָז טהע; אָבער ביידען האָט זיך שטענדיג אויסגעדוכט, אַז זי איז די לעצטע.

און עס איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז „גרענדמאַ סאַפּיע" איז געווען די אָנגרייפערין; זי אַליין האָט דאָך ניט געהאַט די חסרונות פון „גרענדמאַ פעני" — פון וועלען ווערען איינגער און שעהנער.

— געה זאָג איהר — פלעגט „גרענדמאַ סאַפּיע" זאָגען צו אַן אייניקעל — אַז זי זעהט נאָך אויס, ווי אַ יונגע מיידלע.

די מיידלעך פלעגען אָפט נעהמען „גרענדמאַ פעני" צו מואַווינג פּיקטשורס. „גרענדמאַ סאַפּיע" האָט ניט געהאַלטען פון די

נאַרישקייטען, נאָר פונדעסטוועגען האָט זי געפּרובירט נעהן — כדי „יענע" זאָל גאָרניט האָבען מעהר פון איהר — האָט זי אָבער ניט געקענט קוקען אויפ'ן ליילעך; ס'האָט איהר געשווינדעלט פאַר די אויגען און דער קאָפּ האָט זיך ביי איהר פערדרעהט. „גרענדמאַ פעני" האָט אָבער שטאַרק ליעב געהאַט מואווינג פּיק־טשורס, און איינמאָל אין וואָך, ווענינסטענס, פלעגען איהר די מיידלעך מוזען אהין נעהמען — פלעגט „גרענדמאַ סאָפיע" וואַר־טען אונגעדולדיג „יענע" זאָל שוין קומען צוריק, און זי פלעגט זיך מיט איהר אויסגלייכען דורך אַ פּאָר גרוסען:

— זאָג איהר, אַז זי קען אַליין ווערען אַן עקטערקע, זי איז דאָך נאָך אַ יונגע ווייבעלע. אָדער: זאָג איהר, אַז זי זאָל זיך בעקענען דאָרטען מיט יונגע לייט, זי קען נאָך גוט אויסנעהמען.

די קינדער פלעגען די גרוסען ניט איבערגעבען. זיי האָבען ניט געוואָלט וועה טהאָן „גרענדמאַ פעני", נאָר עס האָבען זיך שוין דערטראָגען צו איהר שטיקלעך פון יענער'ס רייד, און זי פלעגט ניט שולדיג בלייבען:

— קענסט איהר זאָגען, מיין קינד, אַז איכ'ל זיין אין איהרע יאָהרען, וועל איך שוין אויך אין ערגעץ ניט געהן.

„גרענדמאַ פעני" פלעגט מיינען, אַז זי האָט איהר געוואָלדיג אריינגעזאָגט, וואָרים יענע האָט אַ מאָל ארויסגערעדט זיך, אַז זי איז מיט אַנדערהאַלבען יאָהר עלטער פון איהר.

— גאַנצע טעג שטעהט זי אָב ביים שפּיגעל — פלעגט „גרענדמאַ סאָפיע" פער'מסר'ן „גרענדמאַ פעני".

און „גרענדמאַ פעני" פלעגט ווערען שטאַרק אויפגערייצט פון דעם, וואָרים דאָס איז טאַקע געווען אַביסעל אמת; „גאַנצע טעג" ביים שפּיגעל פלעגט זי ניט אָבשטעהן, אָבער כאַפּען אַפּאָ אַ קוק פלעגט זי יאָ.

„גרענדמאַ סאָפיע" האָט אַמאָל ארויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז „יענע" פּאַסט זיך אַז די מיידלעך'ס העמט, וועז קיינער זעהט ניט; אָבער קיינער האָט איהר ניט געכאַפּט ביים האַנד, און מען האָט זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט, אויב ס'איז אמת, צי ניט.

געשטאָרבען פריהער איז דוקא „גרענדמאַ פעני“, וועלכע איז געווען מיט אנדערהאַלבען יאָהר אינגער און געוואָלט ווערען נאָך אינגער און זעהן מוֹאווינג פּיקטשורס.

דאָס האָט פּאַסירט פּלוצלונג. אין מיטען נאַכט איז געוואָרען אַ געוואַלד, אַ געשריי — „גרענדמאַ פעני“ איז אַ „פּאַרבייאַי־גע“; מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר — זי האָט ניט דערצויגען ביז אין דער פריה.

די אייניקלעך האָבען געוויינט און געטרויערט מעהר פון די גרויסע, און זיי האָבען זיך געטוליעט צו „גרענדמאַ סאָפיע“, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, אַז אויך זי געהט באַלד אַוועק. און די אַלטע האָט זיך אנגעהאַלטען אַן די יונגע אייניקלעך, צוליעב דעם זעלבען טעם...

און עס איז מיט אַמאָל אבגעווישט געוואָרען ביי „גרענדמאַ סאָפיע“ די אייביגע שנאה צו איהר „מחותּנסטע“; און בעטענדיג מחילה ביי דער געשטאָרבענער האָט זי אין הארצען מורא געהאַט, אַז דער בעטען וועט איהר ניט העלפען... שוין צו שפּעט... וואָלט זי כאָטש קראַנק געווען, וואָלט זי צייט געהאַט זיך מיט איהר איי־בערצובעטען... זי וואָלט פון איהר ניט אבגעטראָטען — יענע וואָלט געמוזט מיט איהר מויל איהר צוזאָגען, אַז זי איז איהר אַלץ מוחל... אַבער איצט...

און ווידער האָט זי דורך די אייניקלעך געשיקט יענער אַ גרוס, דעם לעצטען גרוס:

— בעט איבער די באָבען, קינדערלעך, בעט איבער פאַר מיר אויך...

די ליעבע און רעספּעקט פון די אייניקלעך איז אינגאַנצען איבערגעגאַנגען אויף דער „גרענדמאַ סאָפיע“. אַבער די אַלטע האָט דערפון ניט געהאַט קיין איבעריגען נחת... אַמאָל וואָלט זי זיך גע־פיהלט פון דעם שטאָרק געהויבען, אַבער ניט איצט... און דער לעבען איהרער איז מעהר ניט אינטערעסאַנט ווי אין יענע צייטען...

די פערשטאָרבענע האָט ניט איבערגעלאָזען קיין זוהן, און עס הייסט, אַז „גרענדמאַ סאָפיע'ס“ זוהן, דער בעל־הבית פון הויז,

זאָגט קדיש נאָך דער שוויגער. ווייסען אַלע אַז ער זאָגט ניט, נאָר די אַלטע מיינט, אַז ער זאָגט. זי ווייס, אַז ער איז ניט קיין פרומער, זי קען איהם אָבער ניט נאָכגעהן און זעהן אויב ער זאָגט טאַקע. זי טהוט אָבער איהר חוב. ווען דער זוהן קומט ביי־נאַכט אַהיים, פרעגט זי איהם:

— געזאָגט קדיש נאָך דער שוויגער?

— געזאָגט, — ענטפערט ער מיט אַ האַלבען מויל.

די אַלטע מיינט דערמיט צו פערשטאַרקען דעם שלום צווישען איהר און יענער — יענע זאָל דאָרט, אויף יענער וועלט, ניט טראָגען קיין פעראיבעל אויף איהר; און זי מיינט מיט דעם אַביסעל אויך איהר אייגענע טובה: זי געוואוינט איין איהר זוהן אין קדיש זאָגען, וועט ער שוין זאָגען נאָך איהר אויך, ווען די צייט וועט קומען.

„גרענדמאַ סאַפיע" האָ טניט געצויגען פיעל לענגער. און דאָרט, אויף דער אמת'ער וועלט, איז זי געווים דערגאַנגען, אַז יענע האָט נאָך אַלץ ניט בעסער פון איהר: דער זוהן איהרער האָט ניט געזאָגט קיין קדיש נאָך „יענער", נאָך דער שוויגער, און ער זאָגט ניט אויך נאָך איהר, נאָך דער מאַמען.

„האָנאָראַר"

איך בין געווען גאַנץ יונג, אַ שטילער, שעהמעדיגער אינגעל, און נים לאַנג אין לאַנד, ווען מיין ערשטער אַרטיקעל האט זיך אָב־געדרוקט אין די „אידישע ציימונג", אַ וועכענטליכע ציימונג, וואָס איז אַמאָל ערשיענען אין ניו יאָרק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געקראָגען אַ בריעף פון דעם רעדאַקטאָר, אין וועלכען ער האט מיר געבעטען, איך זאָל איהם צושיקען נאָך אַרטיקלען און ער וועט מיר צושיקען „האָנאָראַר". איך האָב מיך נאָכגעפרעגט ביי בעקאַנטע, וואָס דאָס איז אַזוינס „האָנאָראַר", און איך בין דערגאַנגען, אַז דאָס מיינט, ער וועט מיר צאָהלען געלד פאַר מיינע אַרטיקלען.

איך פערשפּאָר צו דערצעהלען, אַז איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פון נחת און גליק — נים אַזוי צוליעב די געלד, ווי צוליעב דעם כבוד. אַ קליינינקייט, אַ רעדאַקטאָר שרייבט מיר אַ בריעף, בעט מיך איך זאָל איהם שיקען אַרטיקלען און ער וועט מיר צאָהלען!... אפשר הונדערט מאָל האָב איך דורכגעלייענט דעם בריעף; איך האָב איהם געוואוסט אויף אויסענווענינ; אַלע מיינע פריינד און בעקאַנטע זיינען געווען בעהאַוועגט אינ'ם בריעף, כמעט אַזוי ווי איך... איך האָב פאַנטאַזירט... איך ווער אַ גרויסער, בעריהמטער שרייבער... איך אַרבייט נים מעהר אין שאָפּ... מען צאָהלט מיר אַ סך געלד פאַר מיינע אַרטיקלען...

מיט התמדה און בעגייסטערונג האָב איך זיך גענומען שרייבען אַן אַרטיקעל. די גאַנצע נאַכט בין איך דורכגעזעסען, און באַלד בעגינען בין איך שוין געווען ביים טיהר פון דער רעדאַקציע, אַן אַלטע הייזעל, אַ חורבה, אויף סאָפאָלק סטריט, וואָס איז נאָך גע־ווען צוגעשלאָסען. איך האָב מיך אַרומגעדרעהט אויפ'ן סטריט

א שעהנע ווײלע, ביז די רעדאַקציע האָט זיך געעפֿענט, און ביז נאָכגעגאַנגען דעם מאַן, וועלכער האָט אויפֿגעשלאָסן די טיהר. דעם בריעף האָב איך געהאַלטען אין האַנד... איך האָב אַרויס־געשטאַמעלט, אַז איך בין דאָס דער, וואָס האָט געשריעבען דעם אַרטיקעל, און דאָס איז דער בריעף... דער מאַן האָט מיך ניט געלאָזט ענדיגען, זאָגענדיג, אַז ער איז ניט דער רעדאַקטאָר; דער רעדאַקטאָר קומט אַרום צעהן אַזייגער. האָב איך ביי זיך אָבגע־מאַכט, אַז איך וועל שוין היינט דעם ערשטען האַלבען טאָג ניט אַרבייטען, צולעגען צו דעם וועל איך דאָך ניט — איך קריג דאָך בעצאָהלט, און אַ חוץ דעם האָב איך געפֿיהלט, אַז איך וועל סיי־ווי־סיי ניט קענען איינזיצען ביי דער אַרבייט, איידער איך גיב איבער דעם רעדאַקטאָר דעם אַרטיקעל, הער פֿון איהם ווי ער לויבט מיך און גיט מיר דעם „האָנאָראַר“...

איך האָב געוואַרט אויפֿ'ן רעדאַקטאָר מיט אַ שטילען שרעק. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געהאַט געזעהן, ווי אַ רעדאַקטאָר זעהט אויס... איך האָב ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך מכין צו זיין, צו בעגעגענען זיך מיט'ן רעדאַקטאָר, ווי צו שטעהן פֿאַר איהם און ווי צו ריידען צו איהם... מסתמא אַ בייזער אויך... ווי דען אַנדערש קען זיין אַ רעדאַקטאָר?...

איך האָב מיך דערוואַרט. עס איז אַריינגעקומען אַ קליינער, דאַרער יונגערמאַן בעוואַקסען מיט אַ געדיכט שוואַרץ בערדעל, מיט גראָבע גלעזער אויף די אויגען און מיט אַ גראָבען שטעקען אין האַנד. איך האָב דערפֿיהלט, אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר, ווארים מיר האָט אַ „טיאָכקע“ געטהאָן אין האַרצען און מיין האַנד האָט פֿון זיך אַליין זיך אַריינגעלאָזען אין קעשענע און אַנגענומען דעם בריעף...

ער האָט זיך געזעצט ביים שרייב־טיש, אַראָבגענומען די ברי־לען, אָנגעהויכט, אויסגעווישט, צוריק אָנגעטהאָן אויפֿ'ן נאָז, גענו־מען אַ פּען אין האַנד, אַ ווײלינקע געטראַכט און אָנגעהויבען שרייבען.

דער מאַן, וואָס האָט געעפֿענט די רעדאַקציע, איז געזעסען

ביי זיין טישעל, פערטיעפט אין עפּעס א חשבון. ער האָט זיך געוויס געהאַט פערגעסען, אַז איך זיץ נאָך; און איך האָב ניט געהאַט די העזה צוצוקומען צום רעדאַקטאָר און איבערשלאָגען איהם אין זיין שרייבען... איך האָב געוואַרט — איינער פון זיי ביידען וועט דאָך געוויס ווען־עס־איז מיך דערזעהן... און איך האָב זיך ווייטער דערוואַרט. דער מאַן האָט אויפגעהויבען די אויגען פון זיינע חשבונות און אַ קוק געטהאָן אויף מיין זייט.

— איהר זיצט נאָך? — האָט ער געזאָגט פערוואונדערט — דאָס איז דאָך דער רעדאַקטאָר.

דער רעדאַקטאָר האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר.

אַ דערשראָקענער און אַ שעהמעדיגער בין איך צוגעקומען צום רעדאַקטאָר מיט'ן בריעף אין איין האַנד און מיט די היטעל אין דער אַנדערער.

— איך האָב דאָס געשריעבען דעם אַרטיקעל... דאָס איז דער בריעף... — האָב איך געשטאַמעלט.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן וואַנד, — ער וויל זיך דער־מאָנען.

— אַ, יאַ, יאַ — איך דערמאָן מיך, דאָס זיינט איהר? איהר האָט געבראַכט נאָך?

— איך האָב אָנגעשריעבען נאָך אַן אַרטיקעל... — איך האָב אַרויסגענומען דעם אַרטיקעל פון בוזעם־קעשענע און איהם דער־לאַנגט.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער ערשטער בלעטעל, דערנאָך אין דער לעצטער, אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש און געזאָגט צו מיר:

— גוט. כ'וועל איבערלייענען. אייער האָנאָראַר וועט זיין צוויי דאָלאַר אַן אַרטיקעל. מיר צאָהלען נאָכ'ן דרוקען.

דאָס אָבגעזאָגט, טונקט ער איין די פען און נעהמט זיך ווייטער שרייבען, אַזוי ווי קיינער וואָלט לעבען איהם ניט געשטאַנען.

איך האָב געזאָגט גוד־באַי און בין אַרויסגעגאַנגען.

מיין אַרטיקעל האָט זיך אָבגעדרוקט. צייט האָב איך געהאַט געַנוג — ס'איז געווען סלעק. בין איך דעמזעלבען טאָג אוועק־געגאַנגען אין דער רעדאַקציע נאָך מיין האָנאָראַר, צוויי דאָלאַר.

דער רעדאַקטאָר האָט קוים אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף מיין בעגריסונג און זיך ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זיין אַר־בייט — איבערגעשריעבען עפּעס פון אַ געדרוקטען בלעטעל. איך בין געשטאַנען מיט'ן היטעל אין האַנד און געוואַרט... אין אַ ווייל‏ע אַרום טהוט ער אַ קוק אויף מיר און זאָגט:

— געבראַכט אַ פּאָר אַרטיקלען? — און ער שטרעקט אויס די האַנד, און ער טהוט זיך אַ כאַפּ — איהר זייט מסתמא געקומען וועגען אייער האָנאָראַר, איהר וועט זיך ווענדען דעם מונען ווענדען צום מענעדזשער. איך האָב ניט צו טהאָן מיט דער פינאַנציעלער זייט. און ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבייט — איבער־שרייבען פון געדרוקטען בלעטעל.

דערווייל איז אַנגעקומען דער מענעדזשער. דאָס איז געווען יענער מאַן, וואָס האָט אויפגעשלאָסען די רעדאַקציע, ווען איך בין דאָרט געקומען צום ערשטען מאָל, און אַזוי גיך ווי ער איז אריינ־געקומען, האָט דער רעדאַקטאָר אַנגעטהאָן די היטעל, גענומען דעם שטעקען אין האַנד און איז אוועקגעגאַנגען אָהן אַ „גוד־באַי". דער מענעדזשער האָט מיך ניט דערקענט און איך האָב איהם געמוזט דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע פון אָנפאַנג אָן. אויסגעהערט מיר, ערקלעהרט ער מיר קורץ, אַז ער קען ניט אויסצאָהלען קיין האָ־נאָראַר, איידער ער בעקומט אַן אָרדער פונ'ם רעדאַקטאָר און פאַר־לויפיג האָט ער נאָך ניט בעקומען קיין אָרדער.

איך האָב אַנגעטהאָן די היטעל און בין אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אומעטיגען געמיט. מיר איז ניט געפעלען געוואָרען די בעהאַנדלונג.

אויף מאָרגען, אַזייגער עלף, בין איך שוין געווען אין רע־דאַקציע און געטראָפען דאָרט ביידען, אי דעם רעדאַקטאָר, אי דעם מענעדזשער. יעדער פון זיי איז געווען פערטיעפט אין זיין אַרבייט. אויף מיין „גוט־מאָרגען" האָט מען ניט געענטפערט. ביידע האָבען אָבער געוואוסט נאָך וואָס איך בין געקומען, און

זיי האָבען זיך גענומען דערענדיגען אַ געשפּרעך וועגען ענגלאַנד און די בורען — ווער וועמען ס'וועט איינגעהמען — גערעדט און גע־רעדט, איבערגערעדט דאָסזעלביגע נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל... און איך שטעה מיט'ן הימעל אין האַנד און וואַרט...

דער מענעדזשער איז געוועזען אַ נידריג אידעל, מיט אַ געלען פּאַרמעטענעם פּליעך ביז'ן פּאַטילניצע. נאָך זיין פּנים נאָך איז געוועזען צו דערקענען, אַז די אַמאָליגע האָר זיינע זיינען געוועזען רויטע. און גערעדט האָט ער שנעל, האַסטיג. די רעכטע האַנד זיינע האָט אַ מינוט ניט גערוהט בשעת ער האָט גערעדט, אָדער ער האָט מיט איהר געגלעט דעם מיטען פון פּליעך, אָדער ער האָט איהר געשטעקט אין די אויבערשטע "קעשינקע" פון זיין „ווייַ־סער“ וועסט. די גאַנצע האַנד האָט ער נאַטירליך דאָרט ניט גע־קענט אריינשטעקען, בלויז צוויי פינגער, מיט וועלכע מען נעהמט אַ שמעק טאַבאַק, און עס האָט טאַקע אויסגעזעהן, אַז ער געהט דאָרטען נעהמען אַ שמעק טאַבאַק. ער האָט אָבער פון דאָרט גאָרניט ארויסגענומען און גאָרניט אריינגעלעגט. נאָר די האַנד זיינע האָט ניט געקענט רוהען און האָט ארומגעוואַנדערט פון פּליעך צום קעשינקע און צוריק, בשעת ער האָט גערעדט.

און איך שטעה און וואַרט... עס פּאַסט דאָך ניט אריינצו־שפּרינגען אין מיטען זייער געשפּרעך. נאָר ווען זייער געשפּרעך איז געקומען צו דער מדרגה, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבען ניט מעהר קיין וויכטיגעס צו זאָגען און זיי האָבען גערעדט מיט ווענינער חשק, אין אַ שטילערען טאָן, און דער רעדאַקטאָר האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַ קוק געטהאָן אויף זיין ארבייט, האָב איך געמיינט, אַז איך מעג שוין עפּעס זאָגען און איך האָב מיך געווענ־דעט צום רעדאַקטאָר:

— כ'וואָלט געוואָלט איהר זאָלט זיין אַזוי גוט און געבען אַן אָרדער, מ'זאָל אויסצאָהלען מיין האָנאָראַר.

— וואָס? — זאָגט דער רעדאַקטאָר שטאַרק פערוואונדערט — איהר האָט נאָך ניט געקראָגען אייער האָנאָראַר?

— ניין — זאָג איך.

— ווי קומט עס? — פאָדערט ער שטרענג פונ׳ם מענעדזשער.

— וואָס ווייס איך? — פערענטפערט זיך דער מענעדזשער — איך האָב ניט געהאַט פון אייך קיין אָרדער, ווי אַזוי האָב איך „זיי" געקענט אויסצאָהלען?

איז דאָך שוין גוט. מיין איך, אַז ער נעהמט אַרויס צוויי דאָלאַר און צאָהלט מיר אָב מיין האָנאָראַר — איז אָבער ניט געווען אַזוי. זיי האָבען זיך פון דאָס ניי גענומען צום געשפּרעך, ווייעדער ענגלענדער און בורען, בורען און ענגלענדער, ווער וועמען ס׳וועט „איינגעהמען" — איבערגעקייט און איבערגע־חזר׳ט אָבער און ווייעדער, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דיזעלביגע. און איך וואַרט און וואַרט, מיט׳ן היטעל אין האַנד. מיר איז ניט גוט, פּשוט צום חלש׳ען, מיינע נערוועז זיינען אָנגעשטרענגטע צום פּלאַצען און ביי מיר אין קאָפּ איז אַ כאַאָס, אַ טומעל... ענגלענ־דער... בורען... ענגלענדער... איינגעהמען...

— איהר וואַרט נאָך? — האָט דער מענעדזשער זיך אַ כאַפּ געטהאָן — ס׳איז מיר גאָר פון זינען אַרויס. איהר׳ט מוזען בע־מיהען זיך, אַריינקומען איבערמאָרגען; מאָרגען ביי־נאַכט וועט „מיטען" דער פּערוואַלטונגס־ראַטה.

וואָס דאָס איז אַזוינס „פּערוואַלטונגס־ראַטה" האָב איך ניט געוואוסט און איך האָב אויך ניט געקענט בענעהמען, וואָס דאָס האָט צו טהאָן מיט מיינע צוויי דאָלאַר האָנאָראַר. דער „אי־בערמאָרגען" איז אָבער געווען בולט גענוג צו איבערצייגען מיר, אַז איך וועל היינט מיין האָנאָראַר ניט קריגען. איך האָב אָנגעטהאָן די היטעל און בין אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שטילען „גוד־באַי", מיט אַ פעסטען אָבמאַך ביי זיך, צו שענקען זיי די צוויי דאָלאַר און מעהר ניט נאָכלויפען זיי ווי אַ הונד.

ביז איבערמאָרגען האָט מיך דער כעס אָבגעלאָזען, און אַזוי ווי איך האָב זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד און צייט האָב איך אויך געהאַט גענוג, בין איך ווייעדער אַוועק אין רעדאַקציע. דער רעדאַקטאָר איז ניט געווען, און דער מענעדזשער איז געווען

שטאַרק פערטהאַן אין א געשפּרעך מיט אַן אויסגעדאַרט בחור'ל מיט אַ שטעקעל אין האַנד, און מיט אַ שאַרפען נאָז. פאַרערשטע צייהן האָט דער בחור'ל געהאַט אינגאַנצען פיער — צוויי אויבען, צוויי אונטען. און זיין בלוי שניפּסעל מיט ווייסע פּינטעלעך איז געווען אויסגעבונדען אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי די פליעגלען פון א ווינט־מיהל. אויף מיין בעגריסונג האָט דער מענעדזשער געענטפערט מיט אַ שוואַכען שאָקעל מיט'ן קאָפּ און אָנגעגאַנגען מיט זיין שמועס מיט'ן בחור'ל. און פּלוצלונג, מיט אַמאָל, איז דער מענעדזשער געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער און גענומען שרייען און זידלען — ניט מיר און ניט דעם בחור'ל — גלאַט אין דער וועלט אַריין. איך האָב ניט געקענט דערכאַפּען, וועמען און וואָס ער מיינט. ער האָט געליאַרעמט און געשריען, אַז אַזאַ נידערטרעכטיגקייט איז נאָך ניט געהערט געוואָרען זייט די וועלט איז א וועלט, און דאָס טאָר ניט פערשוויגען ווערען. און ער וועט טאַקע ניט שווייגען. ער וועט געהן, ער וועט לויפען, ער וועט ניט לאָזען אַ שטיין אויף אַ שטיין; ער וועט די לומפּען ווייזען וואָס ער קען! די וועלט איז נאָך ניט הפקר. אַזוי האָט ער געשריען און געאַרבייט מיט די רעכטע האַנד גיך און געשווינד: געטאַפּט דעם מיטען פון פּליעך און געשטעקט דעם גראָבען פינגער און דעם צייג־פינגער אין די אויבערשטע קעשינקע פון דער ווייסער וועסט.

דערזעהענדיג און דערהערענדיג אַזאַ מין כעס, אַזאַ מין קאָכען זיך, בין איך געוואָרען זעהר נייגעריג צו וויסען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט, נאָר איך האָב פון זיינע רייד גאָרנישט געקענט כאַפּען. ער האָט גערעדט „אַהן באַקציינער", „געפּאַנפּעט": דאָס טאָר ניט פערשוויגען ווערען און ער וועט ניט שווייגען. עס קומט דאָך אויס, אַז מען איז שוין באַלד ניט זיכער מיט'ן לעבען און מען טאָר אפילו דעם אייגענעם טאַטען ניט טרויען. עס וועט אָבער אַזוי גרינג ניט אָבלויפען, סיידען זיין קאָפּ וועט ניט זיין אויף זיינע פּלייצעס, סיידען אויף איהם וועט ליעגען אַ באַרג ערד!...

אבגעשריען און גוט בעארבייט דעם פליעד מיט די אויבער־שטע קעשינקע פון דער ווייסער וועסט, האט ער זיך אוועקגעזעצט א פערמאטערטער, געאטהעמט שווער, אונטערגעשפארט דעם קאפ מיט ביידע הענד און געקוקט אויפ׳ן באלקען ארויף, מיט א פנים פול יסורים און יאוש.

ווי אזוי האב איך געקענט האבען די חוצפה צו „באדערען" איהם איצט מיט צוויי דאלאר, זעהענדיג, אז דער מענש ליידעט אזוי שטארק, איז אזוי צורודערט, אויפגערעגט און צוטרייסעלט... ער וועט אפשר גארניט פערשטעהן, וואס איך רייד צו איהם, און ער וועט געוויס זיין גערעכט, אז ער וועט מיך נאך גוט אנזידלען אויך. האב איך אנגעטהאן די היטעל און בין ארויס־געגאנגען אהן א „גוד־באי".

אבגעגאנגען א שטיקעל וועג, דערפיהל איך א ריהר הינטער׳ן פלייצע. איך קוק מיך אום און דערזעה דעם בחור׳ל מיט די לאנגע האר און מיט׳ן שטעקעל.

— ס׳קומט אייך עפעס געלד דארטען? — פרעגט ער מיר.

— אנטקעגען וואס פרעגט איהר דאס? — פרעג איך איהם.

— איך האב געטראפען, הא?

— וואס איז דען? — פרעג איך איהם. — פון וואנען ווייסט איהר דאס?

— איהר דארפט מיר ניט דערצעהלען — זאגט ער — איך האב באלד פערשטאנען. איהר האט זיך ניט גענארפט אבשרע־קען, וואס ער איז געווארען אין כעס און געשריען. ס׳איז גארניט. וויפיעל קומט אייך?

— ניט פיעל, צוויי דאלאר.

— איהר׳ט ניט גענארפט אוועקגעהן. איהר זעהט — איך האב געקראגען. — ער האט געעפענט דעם פערקוועטשטען פויסט און מיר געוויזען פיער קוואדערס, וואס ער האט גאנץ פארזיכטיג און מיט גרוים ליעבשאפט בעהאלטען אין קעשענע. — איך האב דאס פון איהם ארויסגעקראגען פאר א ליעד — האט ער ווייטער גע־זאגט.—ביי מיר געהט שוין מעהר ניט די בלאפס מיט ווערען אין כעס.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בענעהם ניט גרינגליך דעם עני‌ין, האָט ער מיר ערקלעהרט דייטליכער:

— מען דאַרף איהם קענען מיט אַלע זיינע טריקס און בלאָפס, איידער מען קריגט אַרויס פון איהם געלד. ער איז גאָרניט געווען אין כעס, ער האָט זיך דאָס „פאַרשטעלט" און גענומען קאָכען זיך און שרייען, אַז ער האָט אייך דערזעהן, כדי איהר זאָלט מיינען, אַז ער איז אין גרימצאָרן, וועט איהר דאָך ניט אָריינפאַלען אין מיטען דערינען, בעטען ביי איהם געלד. און אַזוי ניך ווי איהר זיינט אַרויסגעגאַנגען, איז ער שוין מעהר ניט געווען אין כעס. זאָלט איהר פון איצט אַז וויסען, ניט אָבשרעקען זיך פאַר זיין כעס און בעטען ביי איהם, וואָס אייך קומט.

— צו וואָס דאַרף ער דאָס טהאָן? — פרעג איך אונשולדיג. — ער וועט דאָך מוזען בעצאָהלען.

— אַז איהר'ט ניט וויסען, ווי צו מאָהנען, וועט מען אייך קיינמאָל ניט בעצאָהלען.

— דער רעדאַקטאָר האָט דאָך מיר אַליין געשריעבען — און איך נעהם דעם בריעף פון קעשענע. דער בחור'ל האָט מיר אָבער איבערגעשלאָגען:

— דאָס איז אַלץ גאָרניט! דער רעדאַקטאָר מיט'ן מענעדזשער האָבען אָבגעמאַכט צווישען זיך און זיי שפּיעלען רעגעלע טהעאַטער מיט די גרינע שרייבער. איהר זאָלט אָקאָרשט האָבען שכל און ניט לאָזען אַרויסנאַרען פון אייך נאָך אַרטיקלען.

דער בחור'ל האָט מיר געראַטהען איך זאָל זיך מאַכען ניט וויסענדיג וואָס עס איז געווען, און איך זאָל טאַקע שוין געהן צוריק און מאָהנען מיין געלד.

— איהר ווילט אפשר מיטגעהן...— האָב איך ביי איהם געבעטען.

— כ'האָב קיין צייט ניט. געהט אַליין, האָט קיין מורא ניט — האָט ער מיר אונטערגעגעבען קוראַזש און איז אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער רעדאַקציע, נאָר צוקומענדיג אַהין האָב איך געטראָפען ווי דער מענעדזשער פאַרשליסט די טיהר פון דער דרויסענדיגער זייט.

— איך האָב אויף אייך געוואַרט ביז איצט — האָט ער געזאָגט דערזשהענדיג מיר — פאַר וואָס האָט איהר מיר פריהער ניט דער־מאָנט, בעת איהר זיינט דאָ געווען. קומט אריין מאָרגען, אַזייגער עלף אין דער פריה. איצט איז שוין אַלעס צוגעשלאָסען...

אויף מאָרגען האָב איך גראַד געהאַט אַ טאָג אַרבייט אין מיין שאָפּ. איך האָב אָבגעסטאָפּט אַ פערטעל פאַר עלף און בין אַוועק אין רעדאַקציע נאָך מיין געלד, און זאָל זיין אַ סוף. איך בין אָנגעקומען אין רעדאַקציע צום מינוט.

— העללאָו! — האָט מיר דער מענעדזשער פריינדליך בעגע־גענט, — איך האָב פאַר אייך אַ טשעק. דאָס זאָגענדיג האָט ער ארויסגעשלעפּט פון אַ ווינקעל טיש אַ לאַנגען פּאַפּיערעל, גוט בע־טראַכט עס און געזאָגט:

— איך ווייס אָסור ניט, וואָס צו טהאָן. דער טשעק איז אַן „אויסגעמאַכטער״, אָבער ניט קיין „געסיינטער״. דער פּרעזידענט איז אַוועקגעפאָהרען איבער זונטאָג אין די קעטסקילס, וועט ער פאַר מאָנטאָג ניט סיינען קיין טשעקס. קומט אריין דיענסטאָג באַלד אין דער פריה.

אין דעם איז אָנגעקומען דער רעדאַקטאָר. ער האָט מיר פריינדליך בעגריסט און אויסגעשטרעקט די האַנד.

— געבראַכט אַ פּאָר גוטע אַרטיקלען? אייער האָנאָראַר האָט איהר שוין געוויס ערהאַלטען!

— ניין — ענטפער איך.

— איך וועל פּראָטעסטירען ביים מיטינג! — האָט ער אַ גע־שריי געטהאָן אויפ׳ן מענעדזשער. — פאַר וואָס צאָהלט איהר זיי ניט אויס זייער האָנאָראַר? אַלע שרייבער פערטרייבט איהר מיר פון צייטונג.

— וואָס קען איך זיך העלפען? — פערענטפערט זיך דער מע־נעדזשער, טהוט אַ כאַפּ דעם מיטען פון פּליעד און לאָזט באַלד אריין די צוויי טאַבאַק־פינגער אין אויבערשטער קעשינקע פון זיין ווייסער וועסט — ס׳ליעגט ביי מיר אַ גאַנצער פּאַק ניט קיין

געסיינגטע טשעקס. איך האָב אַ סענט ניט אין אַפּיס, און ביז מאָנטאַג פריה וועט דער פּרעזידענט ניט קומען פון די קעסט־קילס.

— אַ שיף אַהן אַ רודער — האָט געמורמעלט דער רעדאַק־טאָר. — איך וויל וויסען, פאַר וואָס מען צאָהלט זיי ניט אויס זייער האָנאָראַר! — האָט ער פון דאָס ניי אַ געשריי געטהאָן צום מענעדזשער.

— איהר מעגט מיר גלויבען, אַז איך שעהם מיר שוין פאַר זיך אַליין — האָט דער מענעדזשער זיך פערענטפערט מיט אָראַבגע־לאָזענע אויגען — זיי וועלען אָבער מוזען דעם מאָל ענטשולדי־גען; ס'טרעפט אַמאָל.

איך האָב געפאָלגט דעם בחור'ל און ביידען ניט געגלויבט, ניט דעם רעדאַקטאָר און ניט דעם מענעדזשער, אָבער העלפען זיך האָב איך ניט געקענט: זיי ריידען צו מיר אַזוי ערעל... דער רעדאַקטאָר נעהמט זיך אַזוי אָן פאַר מיר, דער מענעדזשער איז אַזוי ניעדערגעשלאָגען... און אַ חוץ דעם, וואָס וועל איך שוין אויספיהרען, אַז איך וועל ריידען „אַנטקעגען“? און איך שעהם זיך גאָר און האָב גאָר מורא דאָס צו טהאָן. געווען איז דאָס פרייטאָג — אַזוי לאַנג געוואַרט, וועל איך שוין אָבוואַרטען ביז דיענסטאָג אין דער פריה.

— ברענגט צוטראָגען אַ פּאָר גוטע אַרטיקלען! — האָט דער רעדאַקטאָר מיר נאָכגעשריען ביים „גוד־באַי“.

אַז איך בין דיענסטאָג באַלד אין דער פריה געקומען אין רע־דאַקציע, האָב איך געטראָפען ווי דער רעדאַקטאָר מיט'ן מענעד־זשער מיט דעם בחור'ל מיט די לאַנגע האָר און מיט'ן שטעקעל שטעהען אין אַ קופּקע און שרייען אין אויסגעמישטע קולות. איך האָב דערקענט, אַז דאָס זיינען קולות אַהן בלאָפס, מען קריעגט זיך אויף אַן אמת. אַלע דריי האָבען געשריען בשותפות. איך האָב „אַרויסגעפּישט“ פון די געשרייען, אַז דער בחור'ל איז דאָס געקומען מאַכען אַ פּאַגראָם פאַר וואָס זיין ליעד האָט זיך אָבגע־

דרוקט מיט צוויי מיסטייקס. וואס האבען אוועקגע'הרג'עט דעם גאנצען געדאנק און ער שעהמט זיך א גאס דורכצוגעהן. ער האט געהאלטען דעם שטעקעל פאר'ן „אונטען" און אוועקגע־שטרעקט פון זיך, און אנגעצונדען איז ער געווען ווי א גזלן. דער מענעדזשער האט געשריען, אז ער וועט רופען א פאליסמאן; דער בחור'ל האט געשריען, אז ער האט איהם, דעם מענעדזשער, מיט אלע פאליסלייט אין דר'ערד. דער רעדאקטאר האט אויך געשריען און געבעטען בייביידען, זיי זאלען אויפהערען, ס'איז איהם א שאנדע פאר מיר און פאר די מענשען וואס וועלען אריינ־קומען, און דער בחור'ל האט אלעמען געהאט אין דר'ערד. צום סוף האט דער רעדאקטאר זיך דאך איינגעבעטען ביים בחור'ל, ער זאל אנטשוויגען ווערען אויף א ווילע, ביז מ'וועט מיט מיר פארטיג ווערען. און צוליעב מיין טובה ווענען האט דער בחור'ל גענומען דעם שטעקעל פאר'ן קאפ און איהם אראבגעשטעלט אויפ'ן פלאר. די רציחה האט זיך ביסלעכווייז אבגעטהאן פון זיין פנים, ביז ס'האט אנגענומען א שמייכעלע. ער האט דאך געוואוסט, צו וואס איך בין דא געקומען, האט זיך איהם מסתמא געוואלט זעהן, וואס מ'וועט מיט מיר טהאן...

— איהר זיינט געווים געקומען נאך אייער טשעק — מאכט דער מענעדזשער צו מיר און טהוט א גלעט דעם מיטען פון פליעך.— אזוי ווי פון פעך! נעכטען האט געדארפט קומען דער פרעזי־דענט סיינען די טשעקס, קומט פארנאכט אן א טעלעגראמע פון איהם פון די קעטסקילס, אז זיין פרוי האט דארט פלוצלונג גע־קראגען אפענדיסיטיס און ער קען נים אוועקפאהרען. איך וויים נים, וואס איך הויב אן צו טהאן. ס'האבען זיך ביי מיר אנגע־קליבען טשעקס אויף טשעקס, נים קיין געסיינטע; זיי פערנעה־מען מיר דעם גאנצען טיש, אז איך קען זיך נים א קעהר טהאן פון דאנען אהין.

דער בחור'ל האט זיך אוועקגעקעהרט מיט'ן פנים אין א ווינקעל.

— וואס? — האט דער רעדאקטאר אויסגעשטעלט די אויגען

אויפ׳ן מענעדזשער — איהר האט זיי נאך ניט אויסגעצאהלט זייער האנאראר? ! אויף מייןווארט, אזא נידערטרעכטיגקייט וועט ניט פערשווייגען ווערען ! שאנדע און שפאט ! כ׳האב געמיינט, אז ס׳איז שוין לאנג פערגעסען געווארען.

— אט וועל איך אייך ווייזען די טעלעגראמע — זאגט דער מענעדזשער און נעהמט זוכען אין א פעקעל פאפיערען. זוכט, זוכט און טהוט פלוצלונג א זאג צו מיר:

— ווייסט איהר גאר וואס, לאזט איבער אייער אדרעס. איהר האט געווים קיין צייט ניט צו געהן אומזיסט, און ס׳איז מיר שוין א שאנדע פאר זיך אליין. שרייבט מיר אויף אייער אדרעס, און אז דער טשעק וועט זיין א געסיינטער, וועל איך איהם אייך צושיקען דורך „פאסט ביי מעיל". וועט איהר פערשפארען די אלע טראבעלס מיט אלץ מיט אנאנדער.

— ניין, ניין ! דאס וועט ניט געהן ! — שטעלט זיך דער רעדאקטאר פעסט איין פאר מיר. — איך וויל, איהר זאלט זיי שוין אויסצאהלען זייער האנאראר אין קעש.

— אז כ׳וואלט געהאט די קעש, וואלט דאך פערשפארט געווען אלע רייד. — מאכט דער מענעדזשער. — וואו האב איך יעצט געלד? כ׳האב אפילו ניט געהאט היינט אין דער פריה אויף א פאסטעל־קארד אוועקצושיקען אין געז־אפיס.

— ארום ווען, דענקט איהר, וועל איך דאס ערהאלטען? — פרעג איך.

— ווענען דעם דארפט איהר זיך ניט שרעקען — האט געענטפערט דער מענעדזשער — איך וועל אייך צושיקען אין הויז אריין, וואס איז היינט? דיענסטאג אין דער פריה, קריעגט איהר דאס שבת אין דער פריה; כ׳שיק אייך ארוים פרייטאג פארנאכט.

— איהר זאלט אבער ניט פערגעסען ! — זאגט איהם אן דער רעדאקטאר.

— פאר וואס עפעס פערגעסען? וואס בין איך עפעס, א אינגעלע? פרייטאג פארנאכט שיק איך זיי ארוים א טשעק, ערהאלטען זיי דאס שבת באלד אין דער פריה.

— שיקט אריין א פאר גוטע ארטיקלען! — האט מיר דער רעדאקטאר אנגעזאגט ביים „גוד־באי".

אבגעגאנגען א שטיקעל וועג, דערפיהל איך א ריהר הינטער'ן פלייצע. איך קוק מיך ארום — דער בחור'ל.

— און איהר האט דאס געגלויבט, וואס ער האט אייך אנדער־צעהלט מיט דעם פרעזידענט'ס ווייב מיט די אפענדיסיטיס? — זאגט דער בחור'ל און לאכט. — ער האט אייך ווידער אנגע־בלאפט און איהר האט זיך געלאזט.

איך בין געוועזן פערצווייפעלט. איך האב ניט געוואוסט, וואס איהם צו זאגען.

— אז איהר וועט שבת אין דער פריה קריגען א טשעק — פערזיכערט מיר דער בחור'ל — וועל איך אייך צום טשעק נאך מאכען עפעס א פרעזענט.

— וואס קען איך זיך העלפען? איך וועל דאך מוזען ווארטען ביז שבת, וואס דען קען איך טהאן?

— איהר וועט מוזען פרואווען דעם לעצטען מיטעל — ער־קלעהרט ער מיר. — איך קען ניט צוזעהן ווי זיי מאטערען אייך אויס און מאכען פון אייך חוזק.

—טו וואס זאל איך טהאן? — פרעג איך איהם מיט גע־בעט.

— שבת אין דער פריה וועט איהר קיין טשעק ניט קריגען, וועגען דעם איז קיין רייד ניט — פערזיכערט ער מיך פעסט — איהר דארפט גאר אויף דעם ניט ווארטען. זיי האבען דען טשעקס? פון וואנען האבען זיי טשעקס? זאג איך אייך, איהר זאלט אריינ־געהן אין רעדאקציע און זאגען דעם מענעדזשער, ער מוז אייך געבען געלד, אייער ווייב ליעגט אין קינפעט.

מיך האט אויפגעטרייסעלט דערהערענדיג די מאדנע עצה.

— אז איך האב גאר קיין ווייב ניט — זאג איך, א פערשעהמ־טער.

— איך ווייס אז איהר האט ניט קיין ווייב; עס מאכט אבער ניט אויס. אז ער וועט דערהערען פון אייך, אז אייער ווייב ליעגט

אין קינפּעט, וועט ער זיך דערשרעקען און וועט אייך בעצאָהלען.

— פאַרוואָס וועט ער זיך דערשרעקען? — פערשטעה איך ניט.

— עס איז אַ גאַנצע געשיכטע אין דעם. אַ שרייבער האָט גע־קומט געלד און ער האָט ניט געקענט אַרויסקריגען און זיין ווייב האָט זיך גראָדע געלעגט אין קינפּעט, איז ער געקומען צום מע־נעדזשער און איהם גוט אָנגעבראָכען די ביינער און ניט אָבגע־טראָטען פון רעדאַקציע ביז ער האָט געקראָגען זיין געלד. איז פון דאַמאָלס אָן, אַז מ'זאָגט איהם, אַז די ווייב ליעגט אין קינפּעט, פערשטעהט ער וואָס מען מיינט און ער בעצאָהלט.

— איך וועל דאָס ניט קענען — זאָג איך.

— איהר זיינט אַ מאָדנער מענש, וואָס פאַר אַ קונץ איז צו זאָגען, אַז די ווייב ליעגט אין קינפּעט?

— איך קען ניט...

— אָל־רייט, איהר וועט דאָס ניט דאַרפען זאָגען. טהוט אַזוי: געהט אַריין אין רעדאַקציע און בעט אייער געלד, און אַז ער וועט אייך נעהמען זאָגען תירוצים מיט בלאָפס, זאָלט איהר איהם בעטען, ער זאָל אייך לאָזען אַ קוק טהאָן אין וועבסטער'ס דיק־שיאָנערי.

— צו וואָס וועט זיין? — פערשטעה איך ניט.

— ס'וועט זיין אָלרייט. אַז ער וועט דערהערען „וועבסטער'ס דיקשיאָנערי“, וועט ער פערשטעהן, אַז ער מוז בעצאָהלען. ס'איז געווען אַ געשיכטע מיט אַ שרייבער, וואָס מ'האָט איהם געבלאָפט און ניט געוואָלט בעצאָהלען, ביז ער איז איין מאָל געוואָרען אין בעס און געוואָרפען דעם מענעדזשער מיט וועבסטער'ס דיקשיאָ־נערי און ער וואָלט איהם גע'ממית'ט אויפ'ן פלעק, אַז ער טרעפט איהם אין קאָפּ. האָט ער איהם גראָדע געטראָפען אויפ'ן גראָבען פינגער פון פוס און ער האָט געהונקען צוויי וואָכען. פון דאַמאָלס אָן ליעגט דער דיקשיאָנערי ערגעץ בעהאַלטען. ער פערשטעהט אָבער, וואָס מען מיינט, אַז ער דערהערט די ווערטער „וועבס־טער'ס דיקשיאָנערי“. איהר וועט מוזען זאָגען איינס פון די ביידע.

אַז ניט וועט איהר בלייבען אָהן פּיס לויפענדיג און איהר וועט קיינמאָל קיין סענט ניט קריגען. געהט שוין צוריק און פערלאַנגט אייער געלד.

איך האָב פערשפּראָכען דאָס צו טהאָן. איך האָב איהם אָבער געניאַרט. איך בין אין רעדאַקציע ניט געגאַנגען און האָב בעשלאָסען צו וואַרטען אויפ'ן טשעק שבת אין דער פריה.

שבת אַזייגער דריי בייטאָג בין איך אַוועק אין רעדאַקציע אויסגעפינען פאַרוואָס איך האָב ניט ערהאַלטען דעם טשעק, און האָב געפונען די רעדאַקציע צוגעשלאָסען. אַ פרומע ציימונג גע־ווען „די אידישע ציימונג". זונטאָג בין איך אַהין אַוועק באַלד אין דער פריה און געטראָפען דאָרט בלויז דעם רעדאַקטאָר. ער איז געקומען אַנטקעגען. פול מיט מוטה און פריינדשאַפט דערלאַנגט מיר די האַנד און זיך ענטשולדיגט, אַז דאָס וועט מעהר ניט פּאַסירען, אַבי איך האָב שוין מיין האָנאָראַר, און פון איצט אָן און ווייטער קריג איך דעם טשעק דעם זעלבינגען טאָג וואָס דער אַרטיקעל דרוקט זיך אָב.

איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב ניט ערהאַלטען קיין טשעק.

— וואָס רעדט איהר? איהר האָט אַ טעות! איהר מאַכט שפּאַס! — איז ער זיכער.

זאָג איך איהם נאָך אַמאָל, אַז איך האָב נאָך דעם טשעק נים געקראָגען.

— ווי אַזוי קען דאָס זיין — זאָגט ער מיט אַ פּשט'ל ניגון — דער מענעדזשער האָט מיר אַליין געוויזען, אַז מען שיקט אַרויס דעם טשעק.

— איך האָב איהם אָבער ניט געקראָגען — זאָג איך.

— איצט פערשטעה איך שוין — טהוט זיך דער רעדאַקטאָר אַ כאַפּ. — איהר וואוינט מסתמא אין אַ טענעמענט־הויז. האָט מסתמא דער הויז־קיפּער צוגענומען דעם לעטער און פערגעסען אייך אָבצוגעבען. פרעגט נאָך ביים הויז־קיפּער.

איך האָב איהם ערקלעהרט און פערזיכערט, אַז ווען דער

טשעק וואלט אנגעקומען, וואלט איך איהם זיכער געקראגען. איך ערהאלט אלע מיינע בריעף פינקטליך.

— כ'וויים ניט ווי אזוי דאס קען זיין — זאגט ער און הויבט מיט די פלייצעס — אבער אז איהר זאגט, גלויב איך אייך. ווייסט איהר וואס, איך וועל מאכען מיט אייך גאר אנדערש: אין די פינאנציעלע זייט מיש איך זיך אפילו ניט, אבער דאס מאל וועל איך מאכען אן אויסנאהם, איך וועל אייך אויסצאהלען דעם האנאראר פון מיין אייגענער קעשענע, און דער טשעק וועט געהן פאר אייער נעקסטען ארטיקעל, — און דאס זאגענדיג נעהמט ער טרייסלען אלע קעשענעס, שלעפט ארים א פאטשיילקע, א מעסעריל, א פענסיל, מעטשעס, א כינעזישען לאונדרי־טיקעט; זוכט ווייטער און דערטאפט צוויי פענים און א ניקעל, א פאסט־קארד, א שלי־סעל — און ער בלייבט אומעדיג.

— אבי כ'האב געמיינט, אז כ'האב ביי זיך געלד — זאגט ער ענטוישט —ווארט, וואו האב איך געלעגט מיין געלד, וואס כ'האב געהאט אין דער פריה? — א, יא, כ'דערמאהן זיך, גאר פון זינען ארויס טהוט ער א מאך מיט'ן האנד. — וועט איהר שוין מוזען צופריעדען זיין מיט'ן טשעק. מעהר וועט דאס ניט פא־סירען, דאס קען איך אייך פערזיכערען און איהר מעגט מיר גלוי־בען. געהט און שרייבט אן א פאר גוטע ארטיקעלעך.

ארויסקומענדיג פון דער רעדאקציע און געהענדיג אהיים, האב איך שוין קלאהר פערשטאנען, אז מיין טרחה איז ארויסגע־ווארפען: איך וועל קיין האנאראר ניט קריגען. איך וועל בלויז האבען הארץ־עסעניש, און עס וועט זיין א סך געזינטער פאר מיר, זיך ארויסצושלאגען פון קאפ און ניט מעהר געהן אהין. קומענ־דיג אהיים האב איך פונדעסטוועגען נאכגעפרעגט ביים הויז־קי־פער, און קיין טשעק ניט געקראגען.

די גאנצע וואך בין איך געווען פערטהאן זוכענדיג ארבייט און ניט געקענט געפינען. מיין קאפיטאל האט שוין געהאלטען ביים סוף. איך בין געווען דערשלאגען און פערביטערט, און איין טאג, אין א פאר וואכען ארום, ארומגעהענדיג זוכען ארבייט, איז

מיר איינגעפאַלען, אַז איך זאָל צום לעצטען מאָל אוועקגעהן אין רעדאַקציע, און איך מוז קריגען מיין געלד, וואָס איך דאַרף אַזוי נויטיג האָבען. אַזוי פיעל מאָל געגאַנגען—וועל איך געהן נאָך אַ מאָל. און פאַר וואָס זאָל איך זיי דאָס שענקען? לאָזען מאַכען פון זיך חוזק! און איך וועל טאַקע זאָגען, וואָס יענער בחור'ל האָט מיר געהייסען: איך וועל זאָגען, אַז מיין ווייב ליעגט אין קינ־פעט, און אויב דאָס וועט ניט העלפען, וועל איך זעהן, וואָס איך האָב צו טהאָן... איך האָב דאָס טאַקע געמיינט אויף אַן אמת. און קומענדיג אַלץ נעהנטער צו דער רעדאַקציע, האָב איך מיר אונ־טערגעגעבען מוטה און זיך אַליין פערזיכערט, אַז איך האָב פאַר זיי קיין מורא ניט, נאָר אָננעהמענדיג די קליאַמקע, האָבען זיך מיינע קניע אַביסעלע אַ בויג געטהאָן...

אין רעדאַקציע איז געווען אַ שטיקעל ענדערונג. דעם מע־נעדזשער'ס טיש איז געשטאַנען אַביסעל פעררוקט אין אַ ווינ־קעל. דער מענעדזשער איז געזעסען ביים טיש, מיט'ן רוקען צו דער רעדאַקציע, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען אויפ'ן האַרצען און האָט מסתמא געדרעמעלט, וואָרים ער האָט ניט געהערט, ווי איך בין אַריינגעקומען. דאָס איז געווען גוט פאַר מיר. איך האָב דער־וויילע געהאַט אַביסעל צייט צו קומען צו־זיך און אָנזאַמלען גע־נוג אָטהעם אַרויסצוזאָגען, וואָס איך האָב בעדאַרפט. איך האָב אַ שטאַרקען הוסט געטהאָן, איהם אויפצו־וועקען און זעהענדיג, אַז ער נעהמט זיך ריהרען, האָב איך אַרויסגעשאָסען:

— איהר מוזט מיר אַבצאָהלען מיין געלד! מיין ווייב ליעגט אין קינפעט!

אויפהויבענדיג די אויגען, האָב איך דערזעהן, אַז דער מאַן איז נאַרניט דער מענעדזשער. דאָס איז געווען אַ איד מיט אַ גרוי בערדעל, אַבער אויך מיט אַ „געלען" פּליער און אַזוי קורץ און גראָב, ווי יענער.

— אייער ווייב ליעגט אין קינפעט — זאָגט ער צו מיר און וויל לאַכען — א י ך בין אין דעם ניט שולדיג.

איך בין געשטאַנען אַ פערשעהמטער און אַ צושראָקענער.

— איהר האָט עפּעס געזאָגט וועגען געלד, וואָס פאַר געלד? —
פרעגט ער מיר.

איך האָב מיר געוואונשען צו זיין אויף יענער זייט טיהר, איך האָב מיר אָבער געשעהמט אַזוי, דיר־נישט, מיר־נישט, אַרויס־געהן. און איך האָב ווי ניט איז אַרויסגעשטאַמעלט, אַז איך דאַרף דאָ קריגען געלד און געפרעגט, ווען כ'קען טרעפען דעם מענעד־זשער. ערשט דער מאַן דערצעהלט מיר, אַז דער מענעדזשער איז שוין דאָרט מעהר ניטאָ, ער איז געצוואונגען געוואָרען צו רעזיג־נירען און עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ קאָמיטע צו אונטערזוכען די ביכער און דערווייל איז ער, דער איד מיט'ן בערדעל, „טעמפּאָ־רערי" מענעדזשער, און ער איז „אינסטרואירט" געוואָרען ניט צו געבען קיינעם קיין געלד, ביז די ביכער וועלען זיין אונטערזוכט. נאָכ'ן „ערשטען" וועט מען וויסען וועמען צו צאָהלען און מען וועט זוכען מיטלען צו שאַפען געלד, עפּענען אַ פאָנד.

איך בין אַרויס פון דער רעדאַקציע אַ צושוויצטער און אַן אויסגעמאַטערטער ווי נאָך אַ טאָג שווערע אַרבייט. איך האָב זיך אָבער געפיהלט בעפרייט. איצט האָט שוין צו דער געשיכטע זיכער גענומען אַ סוף. איך וועל מעהר אין רעדאַקציע ניט קו־מען, איך וועל „די אידישע צייטונג" מעהר ניט לייענען, אָנ־קוקען אפילו וועל איך איהר ניט. פּטור און אַ סוף! אַזוי ווי ס'וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזן.

מיר איז געגאַנגען שלעכט. איך האָב ניט געהאַט קיין אַר־בייט און קיין געלד. איך האָב אָבער גאָרניט צוגעלאָזען צו זיך דעם געדאַנק וועגען „די אידישע צייטונג" עס איז אָבער געקומען „דער ערשטער", דער צווייטער און דער דריטער — מיין רענט איז ניט געוועזן בעצאָהלט און הונגעריג בין איך געוועזן — האָב איך מיך מישב געווען, ס'הייסט, די נויט האָט מיך געטריבען, צו געהן אין רעדאַקציע, ס'איז דאָך שוין נאָכ'ן ערשטען, און ווער קען וויסען, אפשר וועל איך דאָרטען עפּעס קריגען. און וואָס קען איך פערלירען, אַז איך וועל דאָרט צוגעהן!

איך בין אוועק אין רעדאקציע און האב דארט געטראָפען אַן איטאַליענישען שוסטער — אוים רעדאקציע!

איך בין צוגעגאנגען צו א סטענד און געוואָלט קויפען „די איד־דישע צייטונג״, אויסצוגעפינען וואוהין די רעדאקציע האָט געמופט. זאָגט מיר דער סטענד־קיפער, אַז דער פּייפער האָט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק „געסטאָפּט״.

עפּילאָג

דעם רעדאקטאָר האָב איך מעהר ניט אָנגעזעהן, נאָר דעם מענעדזשער האָב איך אַביסעל שפּעטער געטראָפען אויף דעלענסי סטרים ביי אַ וועגעלע מיט „אַנטיקען״, אין וועלכע ס'האָט זיך איינגעפונען א שטעקען אָהן אַ האַנד, אַן אַמברעלאַ אָהן אַ פּוס, אַ קוימען פון אַ פאָנאָגראַף, אַפּערא־גלעזער אָהן גלעזלעך, אַ צוטרענ־טער הארמאָניק, אַ זייגער מיט צופּוילטע געדערים, די בויך פון אַ פּידעלע, אַ „סעט״ פיגורען וואָס יעדער פיגור איז אַן אַנדער מין בעשעפעניש. איך האָב בעטראַכט דעם מענעדזשער אַ רעכ־טע ווייַלע. דעם פּליעך האָט ער איצט ניט געגלעט, ווייל ער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ ברייטע, פּלאַציגע „קעפּ״ פון קאָלירטע קאַסטענס; ער האָט נאָך אָבער אַלץ געשטעקט די צוויי טאַבאַק־פינגערס אין דער אויבערשטער קעשענע פון דער ווייסער וועסט, וואָס איז שוין איצט געווען חושך. איך האָב איהר אָבער דערקענט אַן די קנעפּלעך, וואָס האָבען אַרויסגעגלאַצט פון וועסט, ווי קעצי־שע אויגען ביי נאַכט אויף די טרעפּ.

דעם בחור'ל, דעם דיכטער, האָב איך געטראָפען מיט עטליכע חדשים שפּעטער. ער איז געשטאַנען אויף דיוויזשאַן און קאַנעל ביי אַ צעבער אוגערקעס און עמערס טאָמייטאָס און פּעפּערלעך. ער האָט זיך מיט מיר דערפרעהט און מיך מכבד געווען מיט דעם שעהנסטען פּעפּערעל, וואָס ער האָט געקענט אויסקלייבען. צייה־נער האָט ער נאָך אַלץ געהאַט פּונקט אַזוי פּיעל וויפּיעל דאַמאַלס: צוויי אויבען, צוויי אונטען, און אַנשטאַט דעם שטעקעלע האָט ער איצט געהאַלטען אין האַנד אַ גרויסע הילצערנע לעפעל. ער האָט

שוין אויך ניט געטראָגען דעם שניפּסעל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די פליגלען פון א ווינט־מיהל; — ער האָט געהאַט אויפ׳ן האַלז א רויטע פּאַטשיילקע, מיט׳ן קנופּ און ביידע עקען פון הינטען. נאָך א נייעם האָב איך געזעהן אויף איהם: פון אונטער׳ן שפּיץ פון זיין דיז נעזעל, וואָס האָט אָנגעגרייכט די אויבערשטע ליפּ, האָבען זיך צושפּרייט צוויי ליכטיגע וואָנסעלעך. ער האָט אין אַל־געמיין אויסגעזעהן „מעהר מענש".

איהם פּערדריסט, האָט ער מיר ערקלעהרט, וואָס ער האָט נאָר אַמאָל זיך אָבגעגעבען מיט די נאַרישקייט — די ליעדער, האָט ער געמיינט. ווען ניט יענע נאַרישקייטען, וואָלט דאָס־אַ, דער צעבער מיט די עמערס סחורה, געווען אינגאַנצען זיינע; איצט איז ער נאָך שולדיג אויף דעם עלף דאָלאַר. און ער האָט מיר געראַטהען ווי א גוטער פריינד, אז איך זאָל מיר אויך אַרויסשלאָגען די נאַרישקייט פון קאָפּ און זיך בעסער נעהמען צו ביזנעס. זיין עצה איז אָבער געווען איבעריג — איך האָב זיך שוין לאַנג א נדר געטהאָן, ניט צו נעהמען א פּעדער אין האַנד.

און איך האָב מיין נדר אָבגעהיט.

יאָהרען זיינען אוועק זייט דאַן. מ׳זאָגט מיר, אז עס איז שוין ניט, וואָס אַמאָל געווען. עס איז איצט א גאַנץ אַנדער צייט. דער האָנאָראַר איז איצט מעהר פון צוויי דאָלאַר, און מען קריגט עס טאַקע אויסגעצאָהלט. עס פרעהט מיך צו הערען. מ ו ח ל! מ י ר זאָל דער אויבערשטער צושיקען בעסערע פּרנסות!

די ביינער

אין במעט אלע „פריפּעראטארי סקולס" האט מען געקענט „די ווײנערקע", און אין קײנער איז זי ניט געװען קײן אנגעלעגטער גאסט. מיט גורעוויטש, „די ווײנערקע", האט געקליבען „קאוטנס" אויף צו שטודירען דענטיסט. נאך א שווערען טאג ארבייט ביי לײדים ווײסטס איז זי געזעסען אין פּריפּעראטארי סקול און קומענ־דיג פון סקול געמאכט די לעסאנס. און זי איז שטענדיג געווען אין שרעק, אין מורא, אז מען לערענט איהר ניט גענוג גוט און גיך פאר איהר געלד, און זי האט אלע ווײלע געביטען די סקולס. האט אימיצער אין סקול געקענט בעסער פון איהר די לעסאנס, האט זי זיך דערפון געגריזשעט, געװארען אויפגערעגט און געװײנט, און שולדיג אין דעם, האט זי געמיינט, זײנען די טיטשערס, דער פּרינ־סיפּאל — אלע זײנען שולדיג. און מאכענדיג די לעסאנס האט זי ניט געזשאלעוועט קיין טרערען. זי האט זיך גענוג אנגעקלאגט איבער דעם דײטשען ביכעלע פון עפּעס א מעשה מיט א שניידער און זיין „שוויגערזאהן", און ניט דערפאר, ווייל די געשיכטע איז דארט געװען אזוי טראגיש, נאר ווייל זי האט פונ׳ם דאזיגען בי־כעלע געדארפט ארויסקריגען „צוויי יאהר דײטש", און זי האט מורא געהאט, אז זי וועט עס ניט קענען. און זי האט אויסגעוויינט אין טרערען „דזשוליוס סיזער", וועלכער האט איהר געזאלט אויסהעלפען אין די צוויי יאהר ענגליש; דאס זעלבע איז געווען מיט „אלדזשעברא" און מיט די איבעריגע „סאבדזשעקטס".

אבער די רעכטע „יאמקיפּערס" פלעגען ביי איהר זיין, ווען עס פלעגט זיך דערנעהנטערען צו די „רידזשענטס". צו דיזען יום־הדין פלעגט מיט גורעוויטש זיך מכין זיין א רעכטע צייט פריהער. זיצענדיג אין שאפּ ביי דער ארבייט, זײנען די „רידזשענטס" ניט

אַרוים אַ מינוט פון איהר זינען. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז זיצענ־דיג ביי די „רידזשענטס" האָט זי געהאַלטען ניט ווייט פון היס־טעריקע, ס'איז געוואָרען אַ געלאַף, מען האָט איהר געבראַכט צו זיך. מען האָט טאַקע אויף איהר געזאָגט, אַז זי האָט איהרע „קאָונטס" ניט אויסגעלערענט, נאָר אויסגעווייִנט.

בעקאַנטע מענשען האָבען איהר געגעבען „קרעדיט", ווען זי איז ענדליך אָנגעקומען אין קאָלעדזש, און מען האָט שוין אויך געגלויבט, אַז זי וועט אויסשטודירען און ווערען אַ דענטיסט, דאָס הייסט, אויב זי וועט קענען אויסהאַלטען די דריי יאָהר און ניט צוזאַמענברעכען. דער אַרבייטס־טאָג און לערנען ביינאַכט און דער־צו נאָך דער שטענדיגער ווייִנען און דאָס „סייפען" געלד אויף קאָ־לעדזש — דיעזע אַלע זאַכען האָבען איהר געמאַכט שוואַך און נער־ווען, אויסגעדאַרט און „קריינקי", און עס איז אויף איהר ניט שטאַרק קענטיג געווען, אַז זי וועט בשלום דערציהען ביז'ן דיפּלאָם.

* * *

אין קאָלעדזש האָט מען געלאָזט וויסען די נייע סטודענטען, די „פרעשמען", אַז זיי מוזען האָבען ביינער פון מענשליכע גליע־דער, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער לעהרע וועגען מענשליכען קער־פּער. וואו נעהמט מען ביינער? פאַר געלד, נאַטירליך, קען מען קריגען אפילו ביינער פון מענשען. האָט שוין מיס גורעוויטש גע־האַלטען ביים צוואַווייִנען זיך און אַרויסנעהמען אַ פּאַר דאָלאַר צו קויפען ביינער; האָט זי זיך אָבער דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל געזעהן ביי איהרען אַ בעקאַנטען דאָקטאָר אַרומוואַלגערען זיך עטליכע ביינער. דער דאָקטאָר האָט ניט לאַנג צוריק אוועק־געמופט פון איסט בראָדוויי אין האַרלעם. האָט זי ניט לאַנג גע־וואַרט און איז אוועקגעפאָהרען צום דאָקטאָר אין האַרלעם. דער דאָקטאָר האָט אויסגעהערט איהר בעגעהר און ער האָט זיך גע־נומען זוכען די ביינער. נאָך אַ רעכטע ווײַלע זוכען, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט די ביינער אַוועקגעליהען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק זיינעם אַ פּלימעניק, וועלכער איז שוין איצט אַ דאָקטאָר און האַלט אַן אָפיס ערגעץ אין סאַוט ברוקלין. און אויב זי וויל,

וועט ער איהר געבען א צעטעלע צום פלימעניק זיינעם, וועט זי דארט קריגען די ביינער. און ער האט זיך גלייך גענומען שרייבען דעם צעטעלע צו זיין פלימעניק — דאס האט ער זיך אזוי אונטער־געאיילט, כדי ארויסצו׳פטר׳ען איהר פון זיין הויז, איידער זי וועט זיך צואווייגען. און ער האט זיך ניט גענארט אין זיין רעכנונג: דער געוויין האט זיך שוין גענומען פערשפרייטען איבער איהר פנים, ווען זי האט צוגענומען פון איהם דעם צעטעלע.

עס איז שוין געוועזן שפעט אין אבענד, ווען מיס גורעוויטש האט זיך דערשלאגען אין סאוט ברוקלין און דארט אויפגעזוכט דעם דאקטאר׳ס פלימעניק און אנגעקלונגען. מען האט פאר איהר גע־עפענט די טיהר און איהר אריינגעלאזט. דעם דאקטאר האט זי אבער ניט געטראפען אין הויז. ער איז אוועק צו א „קאנפיינ־מענט“, האט מען איהר געזאגט. ער האט אבער געלאזט וויסען, אז ער וועט זיין צוריק ארום צעהן אזייגער.

מיס גורעוויטש האט דערפיהלט א נייעם געוויין, וואס זי וועט זיך מוזען אוועקזעצען דא און ווארטען ביז צעהן אזייגער. זי האט נאך געהאט צו מאכען לעסאנס היינט, און זי איז געוועזן מיעד און שלעפעריג. אהן ביינער וועט זי שוין אבער פון דאנען ניט אוועקגעהן; האט זי זיך אוועקגעזעצט אין וויטינג־רום און געווארט. די סעקונדען און מינוטען האבען זיך פאר איהר געצויגען. זי האט זיך אבער דערווארט — דער דאקטאר איז געקומען.

זי האט איהם דערלאנגט דעם צעטעלע, ער האט דורכגע־קוקט — יא, ער דערמאנט זיך — ער געדענקט אבער ניט וואו ער האט די ביינער אוועקגעלעגט, און איהם דאכט זיך גאר, אז ער האט די ביינער צוריק אבגעגעבען זיין אנקעל.

מיס גורעוויטש לאזט זיך אבער ניט אב׳פטר׳ן מיט תרוצים און אהן ביינער וועט זי שוין פון דאנען ניט אוועקגעהן. זאגט זי איהם, אז עס „קען ניט זיין“, איהר פריינד דער דאקטאר איז זי־כער, אז די ביינער געפינען זיך דא, זאל ער זיך דערמאנען, זאל ער א זוך טהאן וועט ער שוין געפינען, — און באלד קען זי שוין ניט ריידען און כאפט וויינען.

דער יונגער דאָקטאָר ווערט ניט שטאַרק גערירט פון איהרע טרעהרען; די געשיכטע איז איהם אָבער ניט אַנגענעהם, און ער וויל מאַכען א סוף און אריינגעהן אין הויז עפּעס עסען און אביסעל זיך אָברוהען; ער איז שטאַרק פערמאַטערט. ער טהוט א זויך אונטען אין בוק־קיים — ס'איז דאָ — ער שלעפּט אַרויס א ביין, א „שאָלדער־בלייד“, נאָך א פּאָר ביינדלעך, קנעכלעך פון האַנד. ער וויקעלט עס אויף גיך איין, מיט די שטויב, מיט אַלעמען, אין א צייטונג און דערלאַנגט עס מיט גורעוויטש. זי נעהמט צו דעם פּעקעל, אָבער צופריעדען איז זי ניט — זי וויל נ אָ ך. דער דאָקטאָר ווערט אונגעדולדיג און ער נעהמט ריידען אביסעל אין דער קרום, מיט איין פּוס אויסגעשטעלט אויף „דאָרטען“, ס'הייסט, אוועקצוגעהן פון מיס גורעוויטש — מעהר ביינער האָט ער ניט און א סוף.

מיס גורעוויטש האָט פערגעסען צו בעדאַנקען און איז אַרויס פון דאָקטאָר'ס הויז.

* * *

אַנגעקומען צו זיך אין רום אין קלינטאָן סטריט, איז מיס גורעוויטש אַרום אַזייגער צוועלף, אויסגעמאַטערט און צובריזשעט; די אויגען האָבען זיך ביי איהר געקלעפּט און זי איז געווען הונגעריג און זי דאַרף נאָך דערצו מאַכען לעסאָנס. זי האָט א וואָרף געטהאָן דעם פּעקעל ביינער אויפ'ן טישעל, אַרויסגעצויגען די העטפּינס, אַראָבגענומען די העט פון קאָפּ און זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעטעל. איהרע הענד האָבען זיך מיעד אַראָבגעלאָזען, די אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט און זי איז האַלב זיצענדיג, האַלב ליגענדיג איינגע־שלאָפען. —

און זי זעהט אין חלום ביינער... ביינער... אַן אויסגעביי־נערטער סקעלעט, מיט א צולעבערטען פּנים, קומט אריין דורכ'ן טיהר... דורך די ברעטער פון טיהר קומט ער אריין און בלייבט שטעהן... די טיהר שטעהט צוגעמאַכט און דער סקעלעט אריינגע־וועבט אין טיהר, ווי זיי וואָלטען זיך אויסגעמישט און געוואָרען איין זאַך... א האַנד טשעפּעט זיך אָב פון איהם און רוקט זיך צו איהר... זי וויל אויסמיידען די האַנד... זי קאָרטשעט זיך צוזאַ־

מען... זי רוקט זיך צום וואנד... די האנד נאך איהר... זי בעשיצט זיך מיט די הענד און שרייט... שרייט... און זי כאפט זיך אויף מיט א צושראקענעם געשריי... דער פעקעל ביינער אויפ'ן טיש ריהרט זיך... ס'קריכט... ס'געהט ארום...

די ליט אין הויז האבען שוין געשלאפען. מיס גורעוויטש איז אריין אין קיטשען, דארט אנגעצונדען די גאז און זיך אוועקגעזעצט צושראקען און פערוויינט. באלד איז זי איינגעשלאפען מיט'ן קאפ אויפ'ן טיש.

אזייגער זעקס אין דער פריה האט איהר די „מיסעס" נאך געפונען אין קיטשען און איהר געגומען וועקען. מיס גורעוויטש האט געעפענט די אויגען און דערזעהענדיג, אז עס איז שוין גוט ליכטיג, איז זי אריינגעגאנגען צו זיך אין רום און געפונען דעם פעקעל ביינער אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, וואו זי האט עס אוועקגעלעגט...

זי איז געווען מיעד און שלעפעריג, ס'האט איהר געצויגען צום בעטעל. זי דארף שוין אבער באלד אוועקגעהן אין קאלעדזש און די לעסאנס האט זי נים געמאכט, האט זי זיך געזעצט ביים טישעל און זיך צואווינט איבער די לעסאנס מיט'ן פעקעל ביינער.

דוד זאַק

אין די נײַנציגער יאָהרען איז ניו יאָרק נאָך ניט געווען אזוי רײַך אין אזוי פיעל אידישע צײַטונגען און זשורנאַלען; און עס זײַנען אויך ניט געווען אזוי פיעל אידישע זשורנאַליסטען, בעלעטריסטען און פּאָעטען. די ביסעל וואָס איז געווען, זײַנען געווען צופיעל פאר'ן געברויך און האָבען ניט געקענט מאַכען קיין לעבען פון זייער פעדער; קיין האַלבען לעבען אויך ניט. די ארויסגעבער פון די געצעהלטע עטליכע שריפטען האָבען ניט געוואָלט צאָהלען פאר שרייבערײַ און האָבען ניט געהאַט פון וואַנען צו צאָהלען. אַ רעכט ביסעל טאַלענטע זײַנען געווען געצוואונגען אוועקצוואַרפען זייער פּען און האָבען זיך גענומען צו אַרבייט אָדער פּעדלען; נאָר די, ביי וועלכע דאָס „געטליכע פייערל" איז געווען אַרײַנגעצוואונגען גאַנץ טיעף אין דער נשמה, אָדער זיי האָבען אזוי געמיינט, האָבען ניט געקענט אונטערגעבען זיך דעם שאַפּ אָדער דעם פּעקעל סחורה, און זיי האָבען געשריעבען און געדיכטעט און זיך געדרוקט, און געהונגערט און געגאַנגען אָבגעריסען.

אַ לענגערע צײַט האָב איך בעלאַנגט צום צווייטען קלאַס. מיר זײַנען געווען ניט פיעל אין צאָהל. די טעג אונזערע פלעגען מיר פערברענגען אין אַרומגעהן איבער די אומעדיגע רעדאַקציעס, אין די לײַיבערעים, אין רעסטאָראַנט, אָדער זיך אַרומבלאָנקען איבער די גאַסען, און כמעט יעדען אָבענד פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען ביי דוד זאַק.

דוד זאַק און זײַן פרוי — קיין קינדער האָבען זיי ניט געהאַט — האָבען בעוואוינט אַ שעהנע פּריוואַט־הויז אויף הענרי סטריט. ער איז געווען אַ מאַן פון אַריבער פופציג, מיט אַ שוואַרץ,

עטוואס גרויליך בארד, גאנץ פארזיכטיג ארומגעשארען, און א גוט־מוטהיג־שמייכלענדען פנים; שטענדיג מיט'ן ציגאר אין בורשטינענעם ציגארען־שפּיץ אין האנד אדער אין מויל. ער איז געווען א למדן און א משכיל, א „האלבער" פריידענקער, געגאנגען אין הויז אהן א היטעל. ביי איהם אין הויז האט זיך געפונען די גאנצע העברעאישע ליטעראטור, פון תנ"ך ביז ארונטער צו יהודה ליב גארדאן, געבונדען אין די שעהנסטע און בעסטע בענדער; אויך די רוסישע קלאסיקער; דאס בעסטע וואס איז צו יענער צייט געווען אין אידיש; א שעהנע זאמלונג פון די ענגלישע קלאסיקער. אין א בעזונדערע שאפע איז געשטאנען א גרויסע ווילנער ש"ס מיט גאלדענע רוקענס. צוזאמען מיט'ן ש"ס איז אין דיעזער שאפע געשטאנען זיין סאמעטענער מיט בלומען אויסגענעהטער טלית־און־תפילין־זאק, וועלכען ער האט שוין יאהרען־לאנג ניט געעפענט. און תמיד איז פאר איהם געלעגען אדער ער האט געהאלטען אין האנד א בוך אדער א ספר.

דעם גאנצען טאג איז זאק געווען פערנומען אין זיין מעהל־געשעפט. די מיסעס זאק האט זיך אבגעגעבען מיט צדקה־זאכען, און זייער הויז איז דורכ'ן טאג דאס רוב געווען אבגעשלאסען, אויסער אין דער מיטאג־שטונדע, וועןביידע פלעגען קומען אהיים עסען. אין אבענד האט די הויז אויפגעלעבט. די אידישע שרייבער־וועלטעל, און איבערהויפט די, וואס האבען זיך געגויטינט אין א גלעזעל טהע און עפּעס צובייסען, האבען ניט אויסגעפעהלט במעט איין אבענד צו בעזוכען זאק'ס הויז. דער גרויסער היימישער מעשענער סאמאוואר איז ניט אראב פון טיש. ברויט, פוטער, קעז, פערשיעדענע דעליקאטעסען איז שטענדיג געווען לרוב, אנגעלעגט אין קיך אויפ'ן טיש פריי פאר אלעמען, ווער ס'האט נור געהאט חשק דערצו, און מען האט זיך טאקע ניט געלאזט בעטען. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס פלעגען זיך מקדים זיין און קומען פונקט צו דער צייט, ווען די זאקס פלעגען זיך זעצען צו זייער אבענד־ברויט און זיי פלעגען זיין „געצוואונגען" צו זעצען זיך ביים טיש און מיט־עסען. דער קעסטעל ציגארען אי געווען

אפעו פאר אלעמען, און פאר די וואס האבען ניט געקענט פער־טראגען קיין ציגאר, איז געווען סיגארעטס, אויך אין א קעסטעל פון הונדערט; און כמעט אלע פון אונז האבען עובר געווען אויף דעם „ואל כליך לא תתן“...

דוד זאק האט ליעב געהאט די ליטעראטור און איהרע שעפפער. און עס איז פאר איהם געווען אן אמת'ער נחת צו האבען זיי אלע־מען ארום זיך און וויסען, אז יעדער פון זיי פיהלט זיך ביי איהם, ווי ביי זיך אין דערהיים. און ניט נור דאס, — זאק'ס אויג האט אלע מאל דערזעהן, ביי וועמען די שיך זיינען אין גאנצען אויסגע־דיענט, ווער עס געהט אין די פרעסט אין א דינעם בגד; און דער גוטבעבערפטינער האט שוין געקראגען די ביסעל געלד זיך צו העלפען. און ניט קיין נדבה פלעגט דוד זאק געבען און מביש זיין דעם נעהמער; ער האט אלע מאל אויסגעפונען א וועג, ווי אזוי צו געבען, אז דער נעהמער זאל ניט וויסען, פון וואנען עס קומט: געבען אימיצען ער זאל יענעם אויסלייהען, איבערגעבען דאס געלד צו א רעדאקטאר, ער זאל דערמיט קויפען א ליעד, צי א מעשה, פון דעם בארוויסען אדער נאקעטען. און ניט איינמאל האט געטראפען, דאס איינער פון אונזערע האט אין אבענד, ביי זאק'ס טיש, ארויסגענומען מיט גאוה פון קעשענע די פאר דאלאר, וואס איז אין דער אמת'ען געווען זאק'ס, און זיך בעריהמט פאר זאק'ן און די איבעריגע, אז דאס האט ער היינט געקראגען פון א רעדאקטאר פאר א ליעד פון עטליכע שורות. וואס קיינעם האט מען נאך אזא פרייז ניט געצאהלט.

און דיעזער עלטערער מענש, דער קלוגער, ערפאלגרייכער גע־שעפטסמאן האט געהאט א שוואכקייט, א אינגעלשע שוואכקייט — צו שרייבען ליעדער, אין אידיש און העברעאיש. די ליעדער זיינע זיינען געווען גאנץ שלעכט, אמת נאריש, און ער איז געווען אזוי פערבלענדעט און געמיינט, אז ער שאפט אמת'ע פאעזיע; און ער האט פערלאנגט, אז אלע זאלען אזוי מיינען, און ער האט גע־האט גרויס נחת־רוח, זיין פנים פלעגט ווערען יונג און זיינע אויגען פלעגען אויפלייכטען און אויפשיינען, הערענדיג אונזער גוטע מיי־

נונג וועגען זיינע ליעדער. מיר האבען נים געקארגם אין חניפה, און יעדער איינער פון אונז האט זיך געסטארעט אריבערשטייגען דעם אנדערען אין שבחים און בעגייסטערונג פאר זיין פאעזיע. און מיר האבען נים אויפגעהערט בעטען איהם און איהם צורייחדען, ער זאל ארויסגעבען א זאמלונג פון זיינע ליעדער אין א בוך: — ער האט קיין רעכט נים צו האלטען עס ביי זיך, און די אלע אידישע און העברעאישע לעזער זאלען נים האבען צו לעזען און זיך קווי־קען מיט זיין פאעזיע. דוד זאק האט אויף דער דאזיגער טענה אונזערע געהאט אן ענטפער, אז פאר איהם איז דערוויילע גענוג, וואס זיינע חברים, די שרייבער און פאעטען, לעזען איהם און שעצען איהם ריכטיג אב. מאכען ביזנעס דערפון דארף ער נים און וויל נים. אפשר, אמאל, שפעטער, וועט ער קלעהרען פון דרוי־קען זיינע שריפטען אין א בוך. מען האט אפילו ביי איהם נים געקענט פועל'ן, ער זאל לאזען אבדרוקען זיינם א ליעד אין א צייט־שריפט — אלץ מיט דער זעלביגער טענה: ער בענוגענט זיך מיט דער אבשעצונג פון זיינע חברים. ער וועט זיך אפשר אמאל לאזען דרוקען, אבער דערוויילע נאך נים.

א פאר פון אונז, וואס האבען זיך גוט אויסגעטוינט, האבען גע־קענט עטליכע ליעדער זיינע אויף אויסווענינ, און זיי האבען שוין אבגעווארט זייער געלעגענהייט, זיי פארצוטראגען, דעקלאמירען ביים סאמאוואר. איינער פון אונזערע, א העברעאישער ליטעראט, האט אנגעוויזען, ווי פון זאק'ס העברעאישע שירים הערען זיך די נביאים, און זיי קענען אויך אין פיעלע הינזיכטען פערגליכען ווע־רען צו די שירים פון ר' יהודה הלוי. קיין איינציגער אבענד איז נים פאראיבער אהן א שטיקעל דעבאטע וועגען זאק'ס פאעזיע. די כתבים זיינע זיינען געלעגען אין א ביכער־שאפע, וואו יעדער איינער האט געהאט פרייען צוטריט, און יעדער פון אונז האט אלע מאל געוואלט זיין דער ערשטער צו נעהמען עפעס פון די כתבים און ברענגען עס צום טיש, לעזען און קריטיקירען — אין דער אנ־וועזענהיים פון מר. זאק.

א גאנצען ווינטער אזוי האב איך מיטגעמאכט.

צווישען פורים און פסח האָט אַריינגעטראָטען אַן אומרוהיג־קייט אין אונזער גרופּע ליטעראַטען. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז איינינע פון אונז ברעכען דעם ניט־געשריבענעם, ניט־אָבגערעדטען אָבמאַך, וואָס איז אַ לאַנגע צייט ביי אונז געווען אַ געזעץ, וואָס מוז אָבגעהיט ווערען. מען האָט אָנגעפאַנגען קומען צו זאַק'ן אין הויז אין דער מיטאָג־שטונדע און „מיטשפּייזען". עס איז געווען שווער צו דערגעהן, ווער דאָס האָט אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען דער ערשטער, אָדער די ערשטע, און ווי לאַנג דאָס איז שוין אַזוי אָנגעגאַנגען. דער סוד איז אָבער אַרויסגעקומען, און מען האָט זיך גענומען אויסזאָגען איינע אויף די אַנדערע. איינער האָט דערצעהלט, ווי ער איז „פערבייגעגאַנגען" אַרום נאָך צוועלף אַזוי־נער זאַק'ס הויז, האָט ער געזעהן דעם און דעם אַריינגעהן דאָרט; האָט דער און דער זיך פערענטפערט, אַז ער האָט געדאַרפט אַריינ־קוקען אין אַ געוויסען ספר, און אַריינקומענדיג האָט ער געפונען יענעם און יענעם עסענדיג מיטאָג מיט די זאַקס... מען האָט פער־לאַרען דעם צוטרוי איינער צום אַנדערען... עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע אומרוהיגקייט און אומצופריעדענהייט... מען האָט זיך איינע די אַנדערע געהיט... דער קאָנטראַקט איז געווען געבראָכען; קיינער איז ניט געווען זיכער. עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס אַ רעכטע ווײַלע פאַר דער מיטאָג־שטונדע און דורך דער שטונדע, פלעגען זיך די חברים אַרומדרעהען אַרום זאַק'ס הויז — אויף די קאָרנערס...

געענדיגט וואָלט זיך דאָס אפשר גאַנץ מיאוס און מיט אַ נידערלאַגע פאַר אַלעמען, איז אָבער באַלד פאָרגעקומען אַ גאַנץ וויכ־טיגע פּאַסירונג. אין אַ געוויסען אָבענד האָט אונז זאַק געלאָזט וויסען, אַז צוליעב אַ געוויסע וויכטיגע ענדערונג אין די מעהל־ביזנעס, מוז ער מופען פון ניו יאָרק און זיך בעזעצען אין ווערמאָנט סטייט, און ער מוז עס טהאָן נאָך פאַר'ן „ערשטען", פאַר פּסח.

מיר האָבען אויסגעהערט די נייעס מיט איבעראַשונג און גרויס בעדויערען. עס האָט זיך ניט געוואָלט פערלירען אַ וואוילען, טהייע־רען פריינד; עס האָט זיך ניט געוואָלט פערלירען אַ האַלבע פּרנסה...

און דאַן איז דער קאָנטראַקט אינגאַנצען אויפגעלייזט געוואָרען. מען איז געלאָפען איבער די קעפּ; ווער עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט פריהער, דער האָט מיטגעשפייזט ביים מיטאָג.

דער אָבענד פאַר זאַק׳ס פערלאָזען ניו יאָרק איז געווען אַ גאַנץ פייערליכער. די הויז־זאַכען זיינען געשטאַנען אין די צימערען פערפּאַקט אין קאַסטענס און פּעק און באַלד אין דער פריה האָט מען געזאָלט זיי אוועקפיהרען פון דאַנען. עס זיינען געווען לויז בלויז די נויטיגע באַליבאַטישקייט פאַר׳ן אָבענד. זאַק און זיין פרוי און די פערזאַמעלטע זיינען געווען אומעדיג־פרעהליך געשטימט. עס האָט פערדראָסען, וועה געטהאָן דער צושיידען זיך; דיעזער וועהטאָג און פערדרוס איז אָבער געשאַפען געוואָרען פון דער גענעגזייטיגער אמת־איבערגעבענער פריינדשאַפט, וואָס ווערט פונאַנדערגעטהיילט, אָבער ניט איבערגעריסען. דאָס האָבען אַלע פערזאַמעלטע געפיהלט און דאָס האָט זיך אויף אַלעמען אָנגעזעהן. דער טיש איז געווען געגרייט ווי פאַר אַ וויכטיגער סעודה. מען האָט געהאַלטען ריהרענדע רעדעס און מען האָט אוועקגעווישט אַ טרעהר. די פּאָעטען פון דעם אָבענד האָבען געגומען פון די בוזעם־קעשענעס און פאָרגעלעזען ספּעציעלע פערפאַסונגען פאַר דער בעגעגענהיים. דער העברעאישער דיכטער האָט פערפאַסט אַ שיר אין העברעאיש, אין כתיב׳עט, וואָס יעדע שורה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַן אות פון זאַק׳ס נאָמען און אַרונטער אין דער לענג האָט זיך עס געלייענט: „המשורר דוד בן יוסף נתן זאק הלוי״.

די לעצטע טעג האָבען אונזערע גערעדט און זיך געטומעלט וועגען קויפען פאַר זאַק׳ן אַ שעהנע זאַך צום אָנדענקען; דערפון האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט...

דעם בעל־הבית׳ס געזעגענונגס־וואָרט איז געבליבען אויף גאָר צום סוף. עס איז שוין געווען וועיט נאָך האַלבע נאַכט; דער טיש איז שוין געווען כמעט אָבגעראַמט פון שפּייז און געטראַנק. אויגען האָבען זיך געקלעפּט, אַנדערע האָבען זיך שוין אונגעדולדיג געהויבען פון זייערע שטוהלען. מיר האָבען זיך איבערגעוואונ־

קען, אַז עס איז צייט צו געהן, געבען זאַק'ן און זיין פרוי די גע־לעגענהייט זיך אויסצורוהען, איבערהויפּט פרוי זאַק, וועלכע האָט דעם גאַנצן טאָג שווער געאַרבייט ביים איינפּאַקען די הויז־זאַכען און איז עטליכע מאָל דורכ'ן אָבענד אנטדרעמעלט געוואָרען. ענד־ליך איז אונז געלונגען איינצובעטען זיך ביי מיסעס זאַק, זי זאָל געהן לעגען זיך שלאָפען, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך הארציג צו־זעגענט מיט איהר. זאַק האָט זיך מיט אונז ניט געוואָלט שיידען, כאָטש ביז אין דער פריה זאָלען מיר מיט איהם זיצען. מיר זיי־נען אָבער צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך לעגען אויסרוהען — שיידען מוזען מיר זיך דאָך סיי־ווי־סיי — צו וואָס זאָל ער נאָך מאָרגען דעם גאַנצען טאָג זיין אויסגעמאַטערט און ניט אויסגעשלאָפען! דאַן האָט זאַק אָנגעהויבען זיך געזעגענען מיט אונז. אַלע האָבען זיך צוריק געזעצט אויף זייערע פּלעצער און שטיל און ערנסט זיך איינגעהערט צו זיינע רייד.

ער האָט אונז פערזיכערט, אַז ער וועט קיינמאָל אָן אונז ניט פערגעסען, יעדער איינער פון אונז איז איהם אַ ברודער, און איהם איז שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אַזוי זיין הויז וועט אויסזעהן אָהן אונז. ער האָט אויסגעבראַכט, אַז אייגענטליך האָט זיך אין זיין לעבען אַריינגעכאַפּט אַ גרויסער טעות, און ער ווייס ניט, וועמען אין דעם צו בעשולדיגען, אפשר טאַקע זיך אַליין. ער פיהלט ביי זיך, ער איז זיכער, אַז ער האָט ניט געדאַרפט פערברענגען זיין לע־בען אין ביזנעס; ער פּאַסט זיך ניט צו דעם, ס'ציהט איהם ניט דערצו. ער איז געבאָרען געוואָרען פאַר'ן בוך, פאַר'ן ספר, און ניט פאַר זעק מעהל; זיינע טעג האָט ער געדאַרפט פערברענגען אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז דאָ איצט פערזאַמעלט, ניט אין קויפען און פערקויפען. און דאָרום זיינען די טעג פאַר איהם צו לאַנג און די אָבענדען צו קורץ, וואָרים זיין ריכטיגער לעבען פאַנגט זיך אָן ערשט אין אָבענד. זיין זאָרג איז דאָרום גרויס — וואָס וועט ער טהאָן דאָרט, אין ווערמאָנט סטייט? ווי וועט זיך איהם דאָרט לעבען? און ער האָט בעדויערט, וואָס ער איז ניט שטאַרק גענוג אַוועקצורייסען זיך פון ביזנעס. יעדער מענש איז געשטראָפט מיט

א חשק צו געלד, און אויך איהם האט די דאזיגע שטראף ניט דורכ־געלאזט. ער ליידט פון א קראנקהייט, ער ווייס וואו זיין רפואה געפינט זיך און ער איז צו שוואך עס צו נעהמען און געגעזען צו ווערען...

נאך דיעזען פונקט אין זיין רעדע האט זיך זאק אראבגעלאזט אויף א נידריגען טאן און גערעדט אזוי ווי מיט וועהטאג, און גע־זאגט האט ער אונז, אז ער פיהלט זיך געצוואונגען היינט אבענד עפעס קלאהר צו מאכען פאר די חברים — ער וויל ניט, ביי אונז זאל בלייבען א שלעכטע מיינונג וועגען איהם.

עס איז געווארען א געמורמעל:

— מר. זאק, וואס רעדט איהר?

— וואס מיינט איהר, מר. זאק?

— מר. זאק...

— מר. זאק...

— זאק האט דערשראקען געשמאמעלט:

— כ׳האב מסתמא ניט גוט געזאגט... כ׳האב געוואלט זא־גען: א פאלשע מיינונג וועגען מיר... איך וויל ניט בלייבען ביי אייך דער נאר...

— דער נאר? מר. זאק...

— מר. זאק...

— ביי אונז דער נאר...

— לאזט מיר דערענדיגען — האט זאק געבעטען, שוין האר־בענדיג ווידער די פולע קאנטראלע איבער זיין לשון — איך בעט אייך אלעמען מיך אויסצוהערען ווי א פאטער, וואס רעדט צו זיינע קינדער. איך בין דאך אזוי פיעל עלטער פון יעדען איינעם פון אייך, אז איך קען זיין אייער פאטער. און טאמער וועט איהר געפינען אין מיינע רייד א מוסר אדער א שטראף, זאלט איהר עס צונעהמען ווי זיהן פון זייער פאטער. איך מיין געווים ניט אי־מיצען צו מוסר׳ן אדער צו שטראפען, אבער זאגען מוז איך עס. מיר קענען זיך אזוי לאנג און מיר זיינען זיך אזעלכע נאהענטע פריינד, און דאס פערבלייבען מיר זיך אויף אייביג, אבער מיט א

געוויסע ענדערונג. פון היינט אָן און ווייטער בין איך ניט מעהר קיין פּאָעט פאר אייך, ווייל איך בין דאָס קיינמאָל ניט געווען, און דאָס האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט. מיינע לידער און שירים זיינען ניט ווערטה די טינט און פּאַפּיער, וואָס איך האָב אויף זיי אויס־געבראכט. איך וויים עס. איך האָב געשריעבען און אייך געגע־בען לייענען, ווייל איך האָב געוואָלט זיין איינער פון אייערע, איהר זאָלט זיך פיהלען אין מיין הויז ווי ביי אייערען א חבר, איהר זאָלט זיך ניט צערעמאָניען, ניט שעהמען... איהר האָט מיר אין דעם אונטערגעהאָלפען... דערפאַר דאַנק איך אייך... היינט האָב איך אַלע נאַרישקייטען מיינע פערברענט, ניט געלאָזט קיין זכר פון זיי... ווער וויים וואָס מיט אַ מענשען קען זיך מאַכען — ניט געוואָלט, אַז פרעמדע, זייטיגע מענשען זאָלען דאָס קריגען צו לייענען... איך בלייב אייער אַלעמענס אייביגער פריינד, חבר, ברודער, אָבער ניט קיין דיכטער און ניט קיין משורר... דאָס האָט זיך היינט געענ־דיגט, איהר זאָלט דאָס געדענקען... בלייבט אַלע געזונד און שרייבט און איך וועל לייענען.

און דער גוטער, קלוגער דוד זאַק האָט אונז פערהיט פון צו פערזינקען אויף לאַנג אין אונזער טיעפער פערלעגענהייט, אין דער ברענענדיגער בושה. ער האָט אָנגעפאַנגען געזעגענען זיך, גע־דריקט אַלעמענס העגד און אונז געשיקט שלאָפען; אָנגעזאָגט אונז, פערשוואַרען, מיר זאָלען איהם שרייבען, ער וועט אַלעמען ענטפערען... ער וועט מסתמא זיין אָפט אין ניו יאָרק, אונז אָב־זוכען...

מיר האָבען שטיל פערלאָזען זאַק'ס הויז, ווי שאָטענס אין דער שוואַרצער נאַכט אריין, און זיך צונאַנגען איינציגווייז אויף בעזונדערע וועגען.

אַ פרעהליכער מעת־לעת

דריטער פלאָר, „בעק", לינקס.

אין דיעזער דירה רעדט קיינער ניט שטיל. אַלע שרייען.

עס הויבט זיך אַן באַלד בעגינען, ווי מען עפענט נור די אויגען.

די ערשטע שטעהען אויף די צוויי מיידלעך און נעהמען זיך אַנטהאָן און אויספוצען, צו געהן צו דער אַרבייט, און עס דערהערען זיך שוין קולות:

— טהו אוים מיין קאָרסעט־קאָווער!

— אַז דו וועסט פריהער אויסטהאָן מיינע „גאָטעס".

— ס'איז ניט דיינע, כ'האָב זיי אַליין געקויפט.

— טהו אוים מיט גוטען, אַז ניט, רייס איך אַראָב פון דיר!

— מאַמע! זי פיינט זיך שוין ווידער די באַקען!

— דו רעדסט נאָך אויף מיר! מיינסט, כ'האָב דיר נעכטען ניט געזעהן דינער־טיים?!...

עס דערהערט זיך דעם טאַטענס קול פון אַנדערען בעד־רום:

— איהר'ט דאַרפען פערשטומט ווערען, צי ניט? איכ'ל צרויסגעהן, וועל איך פון אייךביידע מאַכען אַ באַרג אַש.

די שוועסטער קוקען זיך אַן צוקאַכט, ווי צוויי אַנגעסטראָיעטע העהנער און רייסען זיך אַ ווייליגקע מיט עטליכע טענער נידע־ריגער:

— איכ'ל מיר דיר „איוועז" ווערען.

— אַ סך האָב איך מורא פאַר דיר.

זיי האַלטען די געשרייען אין זיך און מען הויבט אַן מיט די הענד, מען נעהמט זיך ראַנגלען און מען וועקט אויף דעם ברודער, וועלכער שלאָפט אויף אַן אויפגעשטעלטע בעטעל.

איצט נעהמט ער שרייען:

— געהט, שטעלט ארויף טהע!

— געה שטעל, אז דו ווילסט!

— מאמע! — שרייט דער זוהן — זיי ווילען נים ארויפשטעלען קיין טהע!

— איך געה! איך געה! — שרייט די מאמע פון יענעם בעד־רום.

און די מאמע קומט ארויס, א האלב־נאקעטע, שרייענדיג און שילטענדיג, וואס באלד בעגינען הויבט זיך שוין אן דער גיהנום און ס'איז אפילו נימא ווער עס זאל ארויפשטעלען א גלאז טהע. די מאמע שרייט און די טעכטער שרייען און מסר'ען איינע אויף די אנדערע. דער זוהן שרייט, אז ער האט קיין צייט נים, זאל מען איהם גיכער געבען עסען, ער דארף אוועקגעהן.

— סערעה, געה אראב אין גראסערי! — שרייט די מאמע.

— זאל זי געהן! — שרייט סערעה.

— און דו ביזט קראנק? — ענטפער שרייענדיג די „זי".

— זאלט איהר שוין ביידע געהן! — שרייט אוים די מאמע און געהט אליין אראב אין דער גראסערי.

די שוועסטער מיט'ן ברודער „ריידען זיך דורך" נאך אביסעל, ביז די מאמע קומט ארויף פון גראסערי.

מען נעהמט בייסען און זופען, זיך איילענדיג, דער טאטע קומט אריין אין קיך זיך וואשען, און ער שרייט און שילט און סטראשעט, אז ער וועט פון אלעמען מאכען א בארג אש, אויב מען וועט נים אויפהערען שרייען.

די קינדער געהען אוועק צו דער ארבייט.

מאן און ווייב האבען צווישען זיך זייערע בעזונדערע געשרייען. דאס איז א געשיכטע שוין פון זעכציג און צוואנציג יאהר, זייט זיי האבען חתונה געהאט. זיי קענען זיך קיינמאל נים „צוטיילען"; וואס זיי האבען צו זאגען און צו ריידען, שרייען זיי ארוים. נאר די לעצטע צייט האט זיך געמאכט א גאנץ נייע געשיכטע: ער האט אוועקגעווארפען דעם שאפ, וואו ער פלעגט מאכען זיינע

צעהן דאָלאַר די וואָך, און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער מוז ווערען אַ „ביזנעס־מאַן”. ער האָט זיך איינגעהאַנדעלט אַזאַ מאַ־שינדעל צו נעהמען פּענידיגע פּיקטשורס אויפ׳ן גאַס, פּלעגט ער אין די בעסטע צייטען ברענגען פּערציג סענט אַ טאָג. איצט שטעהט שוין די מאַשינדעל אויף צוויי פּלעקער און פּלאָנטערט זיך ביי אַלעמען אונטער די פיס, און דער „ביזנעס־מאַן” געהט אַרום לעבען העסטער פּאַרק מיט אַ פּאַק סוספּענדערס אויפ׳ן האַלז, אַזוי ווי אַן אַמעריקאַנער טלית׳ל — ברענגט ער צושלעפּען אַהיים זיינע פיער דאָלאַר אַ וואָך פּערדיענסט. טהוט זיך אָב מעשים, ס׳איז ניטאָ פון וואַנען צו לעבען, און מען שרייט. ער שרייט: ער מעג אפילו ווייסען צו שטאַרבען פון הונגער, וועט ער מעהר אין שאָפּ ניט אַריינשמעקען. זי שרייט: זי וועט אַנטלויפען, וואוהין די אויגען וועלען איהר טראָגען. באַלד אין דער פריה, ווען זיי בלייבען אַליין אין הויז, הויבען זיך אָן די געשרייען. ער נעהמט זיך צום דאַוונען און מוז „מפסיק” זיין און ענטפערט מיט זיינע געשרייען אויף איהרע געשרייען. איין ווייליגקע נור האָט זי דעם גאַנצען פעלד פאַר זיך, בשעת ער שטעהט שמונה עשרה. ער פערגינט איהר נים אַזאַ גליק, ער ווערט נאָך מעהר אין כעס און צופּלאָנטערט זיך, פערליערט ער וואו ער האַלט און צו „מודים” בויגט ער זיך און בוקט זיך האַסטיג, אַזוי ווי אָוועקצושטופּען וואָס גיכער די שמונה־עשרה און ער זאָל זיך קענען נעהמען צו איהר און איהר אָבצאָהלען מיט פּראָצענט. זייערע געשרייען האַלטען אָן ביז ער טהוט אָן דעם כאַמעט און געהט אַוועק פאַר „ביזנעס”.

בלייבענדיג אַליין אין הויז, געפינט זיך די אַלטע קיין אָרט נים, ס׳איז איהר אומעטיג; די געשרייען רייסען זיך, שפּאַרען זיך פון איהר, נאָר טהו עפּעס, סיידען שרייען אויף זיך אַליין. טהוט זי דאָס בעסטע וואָס זי קען: זיפצט, קרעכצט, גריזשעט זיך, אָבער שרייען קען זי נים. וואַרט זי און צעהלט די מינוטען, עס זאָל שוין ווערען אַזייגער צוויי, „ער” זאָל אַרויפקומען פון גאַס עפּעס אַ בים טהאָן. דערווייל געהט זי אַראָב אין גאַס און לאָזט אויס אַביסעל איהר האַרץ צום גראָסערימאַן און צום בוטשער. דער

גרינס־פעדלער קריגט וואס איהם קומט נאך האלבען טאג.

דער ערשטער פון דער ארבייט קומט דער זוהן און ער נעהמט באלד שרייען, וואס דער סאפער איז נאך ניט פארטיג, אדער עס געפעהלט איהם ניט וואס די מאמע האט געקאכט. די מאמע ענטפערט מיט געשרייען. די מיידלעך קומען אונטער און זיי דער־ענדיגען זייער סכסוך פון אין דער פריה. די מאמע שרייט, זיי זאלען אויפהערען שרייען, און דער זוהן שרייט, אז ער קען ניט אויסהאלטען זייערע אלעמענס געשרייען. דערוויל קומט אריין דער טאטע מיט א געשריי, אז זייערע געשרייען הערען זיך אויף אלע „שטיגען" און ער שרייט, מען זאל אויפהערען שרייען.

— ווער שרייט דען? — שרייען אלע אויס.

— איהר אלע שרייט! — שרייט אויס דער טאטע.

מען זעצט זיך עסען. ביי יעדען פון דער הויזגעזינד איז איני־װעניג צורודערט; מען האט וואס צו זאגען און צו שרייען, נאר מען מוז זיך איינהאלטען ביז מען וועט אבעסען, ווארום ס'איז א גרויסע ריזיקע איצט: דער טאטע קען דערלאנגען מיט „עפעס". מען זופט פון די לעפלען אויך מיט א געוואלד, אז מען קען דער־הערען דעם כאר פאר א שעהנעם מהלך.

באלד נאכ'ן לעצטען ביסען כאפען זיך די מיידלעך אריין אין בעד־רום, צוגרייטען זיך ארויסגעהן אין סטריט. זיי מאכען צו די טיהר, ווארים זיי גנב'ענען דארט ארויף אויף זיך צו ביסלעך פיינט און פאודער און פאר איין גאנג שרייען זיי זיך דורך און שלאגען זיך דורך דעם חשבון. דערנאך גנב'ענען זיי זיך דורך מיט בעי־האלטענע פנים'ער. די מאמע מיט דעם טאטען נעהמען זיך צו די סוספענדערס — דיזעלביגע געשרייען: דער טאטע שרייט, אז ער וועט מעהר אין שאפ ניט אריינשמעקען, ער מעג אפילו ווימען פון הונגער צו שטארבען; און די מאמע שרייט, אז זי וועט אנט־לויפען, וואוהין די אויגען וועלען איהר טראגען. דער זוהן זוכט אין קאמאד און קומט ארויס מיט א געשריי, אז קיינמאל געפינט ער ניט קיין וויסען קאלער, ווען ער דארף. אין מיטען די גע־שרייען קומט אריין די פערהייראטע טאכטער מיט א שרייעדיגע

בייבי אויף די הענד, און די טאַטעטער שרייט אויף די בייבי, וואָס זי הערט אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצען טאָג ניט אויף צו שרייען. די באָבע שרייט אויף די טאַטעטער, אַז מען טאָר ניט שרייען אויף אַ בייבי; נעהמט דער זיידע שרייען אויף דער באָבען, אַז זי זאָל אַזוי ניט שרייען; דערשרעקט זיך די בייבי און נעהמט נאָך העכער שרייען, שרייט די מאַמע אויף די בייבי, שרייט די באָבע אויף דער טאַטעטער, שרייט דער זיידע אויף דער באָבע. אין די רעכטע געשרייען קומט אַרויף דער טאַטעטערס מאַן מיט אַ געשריי, זי זאָל געהן אין הויז, ער דאַרף ערגעץ אַוועקגעהן און דאָס הויז טאָר ניט בלייבען אַליין, מ'וועט בדלות שטעלען. שרייט די טאַטעטער, ער זאָל כאַטש איין אָבענד זיין אין דער היים; שרייט דעם איי־דעם, אַז ער מוז און וועט אַוועקגעהן. הויבט אָן דער זיידע שרייען, אַז ער האָט פיינט, אַז מען שרייט ביי איהם אין הויז, און מיט געשרייען שטופט ער די שרייענדיגע אַרויס פון זיין הויז.

דער זיידע און די באָבע נעהמען זיך דערשרייען זייערע פריי־הערדיגע געשרייען.

די מיידלעך קומען אַרויף פון סטריט, זיך קריגענדיג און שרייענדיג און דער טאַטע שרייט און וויל וויסען, וואו מען שלעפּט זיך דאָס אַרום אַלע נאַכט; די מאַמע נעהמט שרייען, זיי זאָלען איהר העלפען צוואַוואַשען די דישעס; די מיידלעך שיקען איינע די אַנדערע מיט געשרייען, און קיינע פון זיי געהט ניט העלפען דער מאַמען; דער זוהן קומט אַרויף מיט אַ געשריי, מ'זאָל שוין אַמאָל אויפהערען שרייען, מ'קען הערען זייערע אַלעמענס געשרייען אויף דער צעהנטער גאַס.

די מיידלעך פערמאַכען זיך שרייענדיג איינע אויף די אַנ־דערע אין בעד־רום; די מאַמע וואַשט די דישעס מיט געשרייען, אַז זי האָט ניט ווער עס זאָל איהר העלפען אפילו וואָס דער האָר איז ווערטה; און דער טאַטע שרייט אויס, ס'זאָל שוין זיין אַ סוף פון אַלעמענס געשרייען, ער זאָל קענען „צוטהאָן אַן אויג“, און ער געהט זיך לעגען שלאָפען.

דער זוהן שטעלט אויף די בעטעל און לעגט זיך אוועק. די מאמע ענדיגט איהר ארבייט און לעגט זיך שלאפען.

אין די רומס איז פינסטער, און איבער אלעמענס קעפ הענגען געשרייען.

מיט יאָהרען שפּעטער

עס איז געווען א זונטאג נאָכמיטאג, אָנפאַנגס הערבסט, ווען דער רייכער מאַנופעקטשורער פון קינדער־קליידער אויף בראָדוויי, איזידאָר ליפשיץ, האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער איסט־סייד, ווייט אַרונטער מעדיסאָן סטריט. ער איז געגאַנגען אַהין מבקר־חולה זיין אַלטען גוטען פריינד נאָך פון די קינדער יאָהרען, וועלכער אַר־ביים ביי איהם שוין גאַנץ לאַנג, און ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז אַליין קומען צו איהם, זעהן וואָס ער מאַכט.

געהענדיג דורך דער איסט־סייד איז ליפשיץ געווען אונגע־דולדיג, האַלב ברוגז, אַליין ניט־ווילסענדיג געגוי, אויף וועמען און פאַר וואָס — בעסער וואָלט ער ניט געדאַרפט קומען אַהער... נאָר געהענדיג וואָס ווייטער אַרונטער מעדיסאָן סטריט, דאָרט, וואו די סטריט גיסט זיך צונויף מיט גרענד סטריט און וואו עס געפינט זיך דער שמאָלער דורכגאַנג „סקעמעל סטריט", האָט ער אויפגע־הערט צו זיין אונגעדולדיג און ברוגז — זיין נשמה איז אביסעל אויפגעטרייסעלט געוואָרען — אריבער צוואַנציג יאָהר איז ער אין דיעזען געגענד ניט געווען...

ער איז געבליבען שטעהן און זיך אַרומגעקוקט. דאָס איז, דאַכט זיך, די הויז... יאָ, דאָס איז זי... די ציפער פון נומער זיינען פערמעקט און צוקראַכען, ווי דאַמאָלס — ער געדענקט ניט דעם נומער — אויףביידע שטיינערנע סלופּעס פון „סטופּ" אָנגע־קלעפּטע „טו־לעטס", אַזוי ווי דאַמאָלס, אנטקעגען אויפ'ן קאָר־נער — דער אַפּטייק מיט'ן אויפשריפט „רוסקאַיאַ אַפּטעקאַ" אויפ'ן פענסטער... יאָ, דאָס איז די הויז...

ער האָט בעקוקט דעם אַפּטייק און האָט זיך דערמאָנט ווי דאַמאָלס, בעת ער איז געווען א גרינער, איז דאָ געווען זיין ער־

שטע דירה אין אמעריקא. דאָן פלעגען די פּאָר ווערטער „רוס־קאַיאַ אפּטעקאַ“ זיין צו איהם אַ פריינד אין זיין בענקעניש נאָך דער היים; און יעדען מאָל וואָס ער פלעגט אריינקומען און ארויס־געהן פון הויז, פלעגען שוין זיין אויגען, ווי אָהן זיין וויסען, פער־בלאָנדזשען אויף די פּאָר רוסישע ווערטער אויפ'ן אַפּטייק. ער האָט זיך דערמאָנט און אַ שמייכעל געטהאָן: ער האָט אין גיכען אויסגעפונען, אז דער אַפּטייקער פערשטעהט ניט אַ וואָרט רוסיש...

יאַ, דאָס איז די הויז — אויפ'ן בייסמענט איז דאמאָל געהאָנ־גען אַ סיין „יין צמוקים“ מיט נאָך עפּעס ווערטער — יענע געדענקט ער שוין ניט, אָבער דער שפּיציגער וואָרט „צמוקים“ איז איהם אריין טיעף אין זכרון — ער האָט דאמאָלס ניט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט, און וויים נאָך היינט אויך ניט.

און די אַלטע מיסעס גאַברילאָוויץ שטעהט איהם פאַר די אוי־גען, מיט איהר האַלב־וויינענדיגען קול, און ווי זי פלעגט איהם רו־פען „זוהנעלע“ און געווען צו איהם ווי אַ מאַמע; און דער ברו־דער איהרער, ר' סענדער, וואָס האָט אויך געוואוינט ביי איהר — ר' סענדער מיט דער ברייטער, געלער באָרד, און אַלע מאָל פלעגט ער קומען און אוועקגעהן מיט געפלאָכטענע „גאַללאָנס“ אויף די אָרעמס און אין די הענד... וואו זיינען זיי איצט? די אַלטע מי־סעס גאַברילאָוויץ איז געווים שוין אויף דער וועלט ניטאָ...

און נאָך עפּעס האָט זיך ליפשיץ דערמאָנט, וואָס האָט אָנ־געפילט זיין הארץ מיט ליעבשאַפט און בענקשאַפט — מיסעס גאַברילאָוויץ'עס פלימעניצע פריידקע... מיט די ברענענדיגע אוי־גען איהרע און מיט די געשמאַקע ליפּען — וואו איז איצט פריידקע?... גאַנצע אָבענדען פלעגט פריידקע אָבזיצען מיט איהם אין זיין רום. ס'האָט געזאָלט הייסען, זיי לערנען צוזאַמען — די צייט איז אָבער אוועק ביי זיי אין קושען זיך און שפּיעלען זיך... און אַ סך מאָל האָט פריידקע געוויינט, און ניט ארויסגעזאָגט — ער האָט אָבער געוואוסט, וואָס איהר וויינען מיינט... און אַ סך מאָל האָט זיך איהם אויך געוואָלט וויינען... וואו זיינען זיי איצט?...

און וואָס האָבען זיי געטראַכט, ווען ער האָט פּלוצלונג אוועקגע־

מופט און ניט געוויזען זיך מעהר פאר זיי... ער האט געמוזט אוועקרייסען זיך פון פריידקע'ן איבער־געוואלד — ער האט דאך געמוזט קומען צו א תכלית... וואו זיינען זיי איצט? וואו איז פריידקע?

ער האט דערפיהלט א שטארקען פערלאנג אנצוקוקען די רומס, זיין רום ביי מיסעס גאברילאוויץ... דאס איז געווען אויפ'ן דריטען פלאר, צו די פראנט. דער פענסטער פון זיין רום איז ארויסגעקומען אין יארד. זעהט זיך נאר אפשר אלע פריהמארגען אין דעם אנטקעגענדיגען פענסטער דער איד אין טלית און תפלין?...
ווי קען ער איצט אריינקומען אין די רומס?... וואס וועט ער זאגען?...

וועט ער כאטש א קוק טהאן אין האל, אויף די טרעפ — ווי זעהט עס אוים איצט, נאך צוואנציג יאהר...

ער האט גענומען געהן אין הויז אריין. נאר באלד ווי ער האט געמאכט דעם ערשטען טריט אויף די טרעפ פון „סטופ" איז איהם אונטערגעקומען אן אויסגעשמירטער קויהלען־מאן, און איהם פערבאפט דעם וועג — — — די שטימונג ביי ליפשיץ'ן איז איבערגעריסען געווארען... ער האט ארויסגענומען זיין זייגער און א קוק געטהאן — שוין שפעט — ער האט געזאגט אין דער היים, אז ער קומט באלד צוריק — מ'ווארט דארט אויף איהם...
ער איז אוועק צו זיין קראנקען „קאטער".

געהענדיג צוריק האט ער בלויז א קאלטען, שוואכען קוק געטהאן אויף דער הויז — ליפשיץ איז צוריק געווען אין ריכטיגער ארדנונג...

„דזשאַנק“

האַלפּעראָוויטש האָט דורכגעלעבט עטליכע טעג פון בענקע־ניש, בענקעניש און שטילע אויפרעגונג. אַזאַ וואָך האָט ער איי־גענטליך ניט געהאַט פאַר די גאַנצע צייט, וואָס ער געפינט זיך אינ'ם פערוואָרפענעם שטעדטעל אין אייאָווא.

נאָהענט פון אכצעהן יאָהר לעבט שוין האַלפּעראָוויטש אין יענעם שטעדטעל צווישען די „דזשאַנק“ — אַלטע שטיקער אייזען, טשיגון, בלעך, פּלעשער און וואָס עס מאַכט זיך. אין עלטער פון געגוויע זיעבצעהן יאָהר איז ער אַהין אָנגעקומען צו זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אין די דאָזיגע ביזנעס, און אויך ער האָט זיך דערצו גענומען און דערביי פערבליבען ביז היינטיגען טאָג; דורך דער צייט האָט ער חתונה געהאַט און פערמאָגט שוין עטליכע קינ־דערלעך.

דאָס איז געווען יענע וואָך, ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען צווישען די אידען אין שטעדטעל, אַז דעם קומענדען זונטאָג וועט דאָ לעקטשורען און פאָרלעזען פון זיינע אייגענע שריפטען, דער בעריהמטער אידישער שרייבער פון רוסלאַנד, וועלכער פאָהרט איצט אַרום איבער אמעריקא.

מיט אַ סך יאָהרען צוריק האָבען זיי ביידע, האַלפּעראָוויטש און דער בעריהמטער אידישער שרייבער, געוואוינט אין איין גע־סעל אין דער אַלטער היים. זיי זיינען ניט געווען קיין נאָהענטע חברים; זיי האָבען זיך אָבער גוט געקענט, און אין איין צייט זיינען זיי ביידע אוועק פונ'ם שטעדטעל: האַלפּעראָוויטש — קיין אמעריקא; יענער — אין דער גובערניע, צו אַ פעטער, לערנען זיך זייגערמאַכעריי.

זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע פערגעסען. האַלפּעראָוויטש

האט זיך אין אמעריקא אריינגעטהאן אין „דזשאנק"; יענער איז געווארען א בעריהמטער שרייבער, און זיין נאמען האט מיט דער צייט אויך דערגרייכט אינ'ם שטעדטעל אין אייאווא דורך די אידישע צייטונגען און זשורנאלען, און אויך א ביכעל זיינער האט אמאל אהין פערבלאנדזשעט.

האלפעראוויטש איז אין דער היים געווען אן אידעלער בחור'ל, געלערענט אין קלויז און ביי א לעהרער, האט ער אויך אין אמע־ריקא די ערשטע צייט געלייענט, וואס ער האט געקענט קריגען. עס קען זיין, אז ווען ער קומט אן אין אמעריקא אין א גרויסע שטאדט, און פאלט אריין אין א קרייז פון מענשען, וואו מען גיט זיך אב מיט לעזען און פארשען, וואלט ער געווען היינט א גאנץ אנדערער; אבער אינ'ם שטעדטעל אין אייאווא איז ער אריין צווישען אלטע שטיקער אייזען און פלעשער — איז די „דזשאנק" געווען זיין אמביציע, זיין השגה, זיין גאנצע וועלט, און דערביי איז ער געבליבען. ער האט אבער שטענדיג געקראגען צוגעשיקט א פאר אידישע צייטונגען פון ניו יארק, אמאל א ביכעל, און ער האט זיך דערוואוסט פונ'ם שרייבער, וועלכער האט אמאל גע־וואוינט מיט איהם אין איין געסעל; ער האט געזעהן געדרוקט ניט נור וואס דער שרייבער האט געשאפען, נאר אויך דאס, וואס אנדערע האבען וועגען דעם שרייבער געשריבען, און אויך די שטעדטעל איז דערמאנט געווארען.

פאר האלפעראוויטש'ען איז דאס געווען א שטארקע איבער־ראשונג — ווי אזוי איז יענער געווארען א שרייבער? ער איז אין שטעדטעל געווען א אינגעל ווי אלע אינגלעך; מיט קיין זאך האט ער זיך ניט ארויסגעוויזען צו זיין אנדערש, ווי אלע אנדערע. און ער האט זיך דערמאנט אז יענער, דער שרייבער, איז אפילו ניט געגאנגען צום לעהרער, ווי פיעלע פון די איבעריגע, ווייל דער פאטער זיינער איז געווען א גרויסער ארימאן, און ניט געהאט די עטליכע גראשען צו בעצאהלען... ווי אזוי? פון וואס? און עס האט אין איהם אויך ניט אויסגעפעהלט א רעבט ביסעל קנאה...

האַלפּעראָוויטש האָט אָבער געשטעקט אין „דזשאַנק", אין די אַלטע שטיקער מעטאַל און שמוציגע פלעשער, אין זיין פערד און וועגעל, אויף בלאָטיגע וועגען און שטעגען, זוכענדיג סחורה — איז איהם גיך אַרויס פון קאָפּ יענער אינגעל פון זיין געסעל, וועל־כער איז געוואָרען אַ בעריהמטער שרייבער, און ער האָט אויפגע־הערט מאַטערען זיך צו פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס איז צו יענעם געקומען, און אויך די קנאה האָט זיך פון איהם גיך אויס־געוועפּט.

יאָהרען זיינען אַוועק. האַלפּעראָוויטש איז אַריין טיעפער און טיעפער אין די „דזשאַנק". ער האָט שוין כמעט אין גאַנצען אויפגעהערט צו לעזען די אידישע שריפטען און אַנדערע האָט ער אויך ניט געלעזען. ער האָט קיין צייט ניט, עס ליעגט איהם ניט אין קאָפּ — ער איז אַלע מאָל פערטהאָן, ביזי: אָדער אויפ'ן פערד און וועגעל זוכענדיג סחורה, אָדער אין סטאָרקע אין בייסמענט צווישען די פערראָסטעטע פערשימעלטע אַרטיקלען. זיין עלטערער באָי האָט שוין אויך אַ ניש'קשה'דיגע ידיעה אינ'ם טאַטענס גע־שעפט; מיט פערמאַכטע אויגען אפילו קען ער איינשפּאַנען און אויסשפּאַנען ס'פערדעל, און קומענדיג פון סקול און תלמוד תורה, פּאָרקעט ער זיך צווישען די אַלטערטהימער אין סטאָרקע און אין בייסמענט: סאָרטירט, צולייגט, פּערפּאַקט דעם טאַטענס סחורה.

די שטעדטעל איז שוין היינט ניט מעהר, וואָס זי איז גע־ווען מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק, ווען דאָרט האָבען זיך גע־פונען קנאַפּע צוויי מנינים אידען. די אידישע בעפעלקערונג איז גאַנץ פיין אויפגעוואַקסען; פאַראַן דאָרט היינט וויים אַריבער הונדערט אידישע פאַמיליען, פון פערשיעדענע סאָרטען אידען; פאַראַן דאָרט אידישע ברענטשעס פון פּאַרטגעשריטענע אָרגאַני־זאַציעס און פּאַרטייען; זיי האָבען אויך אַ שטיקעל לייברערי. האַלפּעראָוויטש איז אָבער ניט אויסגעוואַקסען אין זיין גייסט צו־זאַמען מיט דער אידישער בעפעלקערונג, וואָרום אין דער צייט, ווען דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען דער וואוקס און די ענדערונג, איז ער שוין געוועזען ביז'ן האַלז אין „דזשאַנק", אין קינדערלעך און אין

אנדערע טראבעלס, און ער האט זיך ניט ארומגעקוקט און זיך ניט אינטערעסירט, וואס אין שטעדטעל קומט פאר, אויסער וואס ער האט שטענדיג געהאלטעןביידע אויגען אפען צו זעהן, אויב עס יאוועט זיך ניט קיין נייע „דזשאנק דיעלערס".

און אין יענעם טאג, ווען עס איז צו האלפעראוויטשען אין די הענד אריינגעקומען א אידישער הענדביל, וואס האט אנגעזאגט די בשורה, אז נעקסטען זונטאג נאכמיטאג וועט דא דער בעריהמ־טער אידישער שרייבער פון רוסלאנד לעקטשורען און פארלעזען, האט ער זיך דערמאנט...

דאס ווארט „לעקטשורען" איז איהם געווען פרעמד, אבער פארלעזען איז פאר איהם געווען גאנץ פערשטענדליך. נעקסטען זונטאג ביי־טאג וועט ער דא זיין און פארלעזען, וואס ער האט געשריעבען... ווי קומט ער אהער? ער האט זיך גענומען גוט דורכשטודירען דעם הענדביל און ער האט ארויסגעלייענט, אז דער בעריהמטער שרייבער פאהרט איצט ארום איבער אמעריקא אויף א לעקטשור טור — צוויי פרעמדע ווערטער — ער האט אבער גוט פערשטאנען דעם תוך: יענער איז אין אמעריקא, און היינטיגען זונטאג ביי־טאג וועט ער דא זיין אין שטעדטעל.

האלפעראוויטש איז יענעם טאג ארויסגעפאהרען אויף דער „מדינה" זוכען סחורה; און אזא טאג ווי היינט, האט ער ניט דורכגעלעבט זייט דאן, אין די „גרינע טעג", ווען ער איז צוזאמען מיט זיין פאטער ארומגעפאהרען אין קאונטרי. די וועגען און די פעלדער און די בוימער, וואס ער האט פאר זיך געזעהן, האבען איהם דערצעהלט און איהם אבגעגעבען א גרוס פון יענע וועגען און פעלדער און בוימער דארט ווייט, ארום זיין שטעדטעל... און דאס איז די לאנקע מיט'ן וועלדעל...

און ער האט געטראכט פונ'ם שטעדטעל און זיך פערבענקט נאך די יאהרען... און אויך וועגען זיינע „דזשאנק" האט ער זיך פערטראכט... באלד אכצעהן יאהר שוין באדט ער זיך אין „דזשאנק", און וועט שוין מסתמא אין דעם ענדיגען זיינע יאהרען, אויב ער וועט נור האבען כח... דאכט זיך, צוויי גלייכע אינגלעך

זיינען זיי געווען, ער און יענער, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן? יענער איז געוואָרן אַ שרייבער און איז בעריהמט; ער שרייבט אין צייטונגען און ביכער, אַלע ווייסען פון איהם — און ער אַליין איז אַ „דזשאַנק־דיעלער“, שלעפּט זיך אַרום איבער׳ן קאָונטרי... ווער וואָלט דען געגלויבט, אַז אַזוי וועט זיך אויסלאָזען?... און ער האָט געטראַכט פון די פערגאַנגענע יאָהרען און זיך דערמאָנט אַן די אַלטע חברים — וואו זיינען זיי און וואָס איז פון זיי געוואָרען?...

די דאָזיגע בענקעניש און עראינערונגען האָבען אָנגעהאַלטען די עטליכע טעג ביז זונטאָג. ער איז אַנגעגאַנגען מיט די „דזשאַנק“ ווי אַלע מאָל פריהער, געקויפט און פערקויפט, איינגעפּאַקט און אויסגעפּאַקט, אָבער צום ערשטען מאָל דורך די אַלע יאָהרען האָט ער געפיהלט און געטראַכט, אַז זיין בעשעפטיגונג איז ניט קיין גאָר־געהויבענע, פערשאַפט ניט קיין גרויסען כבוד... און ער האָט אָנגעהויבען איבערקלעהרען, צו זאָל ער גאָר געהן זעהן זיין אַמאָליגען חבר און הערען, ווי ער לייענט פאַר אַן עולם זיינע געשריעבענע זאַכען... ער האָט זיך געפיהלט אַזוי קליין און נידריג געגען יענעם...

יאָ... ער וועט געהן זעהן און הערען איהם, נאָר נאָהענט צו איהם וועט ער ניט צוקומען, ניט ווייזען זיך פאַר איהם... און זאָל איהם יענער אפילו יאָ דערזעהן, וועט ער איהם דאָך געוויס ניט דערקענען...

נאָר אויך דיעזער פּלאַן האָט איהם ניט צופריעדענגעשטעלט. עס האָט זיך איהם געוואָלט הערען וואָס יענער וועט זאָגען, ווי וועט ער איבערראַשט ווערען, אַז ער וועט איהם זאָגען ווער ער איז, דערמאָנען איהם... דאָס איז דאָך אַזאַ אינטערעסאַנטער מאָמענט, וואָס עס ווילט זיך ניט דורכלאָזען... וואָס וועט ער זאָגען און ווי וועט ער זיך פערהאַלטען?... האַלפּעראָוויטש האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז יענער וועט זיך דערפרעהען מיט זיין אַמאָליגען חבר פונ׳ם שטעדטעל... עס קען דאָך אָבער אויך זיין, אַז ער וועט זיין שטאָלץ, איצט, אַז ער איז אַזאַ גרויסער מאַן... איהם וועט ניט

פאסען גאר דערמאנען זיך אז יענער צייט, ווען זיי זיינען געווען אינגלעך אין שטעדטעל... אזא מאן... א שרייבער, וואס פאהרט איבעראל ארום...

די טריין, מיט וועלכע דער בעריהמטער שרייבער איז אנגע־קומען אין שטעדטעל, האט זיך אויף א רעכטע ווײלע פערשפע־טיגט. דער עולם אין קליינעם האל איז געווען אונגעדולדיג, און מען האט געקוקט צום טיהר.

האלפעראוויטש איז געזעסען אויף'ן גאר לעצטען באנק, און געזעסען איז ער צוזאמענגעקארטשעט, מיט'ן פנים בעהאלטען אבי־סעל אז א זייט, ווארים איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז ווי נור יענער וועט אריינקומען אין האל, וועט ער די ערשטע זאך דערזעהן איהם, האלפעראוויטש'ען.

ענדליך איז דער גרויסער גאסט אריינגעקומען צווישען די צוויי פערפלאמטע קאמיטע־לייט, וועלכע האבען איהם אבגעווארט אויף'ן סטיישאן. די דריי זיינען דורכגעגאנגען דורכ'ן מיטען האל דורך די צוויי רייהען פערזאמעלטע, און זיי זיינען ארויף אויף'ן פלאטפארמע.

האלפעראוויטש האט דורך דער קורצער ווײלע אראבגעלאזען די אויגען ניעדריגער.

דער לעקטשורער האט אויסגעטהאן דעם מאנטעל, און איינער פון דער קאמיטע האט עס מיט גרויס דרך־ארץ צוגענומען פון זיי־נע הענד.

אויף'ן פלאטפארמע איז ארויפגעקומען דער יום־טוב'דיגער טשערמאן, דערצעהלט די פערזאמעלטע פון דעם גרויסען כבוד, וואס זיי האבען היינט, האבענדיג ביי זיך, אויף א ווײלע כאטש, דעם וועלט־בעריהמטען אידישען שרייבער — און ער האט פאר־געשטעלט דעם גאסט.

דער לעקטשורער, א טונקעלער מענש מיט איינגעצויגענע באַ־קען און א היבשען אידישען נאז, אין א שווארצען אנצוג, מיט א ווייסע שטייפע העמד, די האר ניט אין ארדנונג, האט מיט זיינע

גרויסע אויגען דורכגעקוקט דעם עולם, און א ליעבער שמייכעל האט זיך צושפּרייט איבער זיין פּנים.

ער האט אנגעהויבען ריידען.

עס איז ניט געווען קיין שווערע, טיעפע לעקטשור, צו וועלכער מען דאַרף צולעגען קאָפּ, קנייטשען דעם שכל. דאס איז אייגענטליך געווען ניט מעהר, ווי א שעהנע, בעגייסטערטע, אַלט־אויסגעדראַשענע רעדע וועגען א גרויסע האָפנונג פאַר דער אידישער צוקונפט. ער האט דורכגעלופטערט, גאַנץ קורץ, די אידישע היסטאָריע, אַוועקגעגעבען דעם פּערדיענטסטען חלק יעדען אייגעם פון די אידישע צוררים פון אַלע צייטען, ביז דער גאָר־נאָהענטסטער פערגאַנגענהייט; בעוויזען, אויך גאַר קורץ, וואס דער איד האט געגעבען דער וועלט און וואס די וועלט איז איהם שולדיג, און אויסגעבראַכט, אז עס האלט שוין נאָהענט צו דעם, אז די פעלקער פון דער וועלט זיינען וויליג אַבצוצאָהלען דעם גרויסען חוב. ער האט אויפגעפאָדערט יעדען איינעם ניט צו געהן מעהר מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען, נאַר גלייך און מיט א געהויבענער קאָפּ... און ניט נעהמען דעם חוב, ווי א נדבה, נאַר ווי א זאַך וואס קומט איהם. און דער איד טהוט איצט דער וועלט א נייע גרויסע טובה מיט דעם, וואס עס לאָזט זיך אַבצאָהלען דעם חוב און דער געוויסען פון דער וועלט פון לאַנגע דורות וועט זיך קענען בערוהיגען.

און גערעדט האט ער אזוי הארציג און זיס, און אזוי צו יעדען אין הארצען אריין; און זיינע אויגען האבען געלויכטען, און זיין קול איז געווען ליעב און צערטליך, ווי פון א גוטען, ליעבען זיידען, און עס האט זיך אויסגעדוכט, אז אָט געהט ער אראָב פון דער פּלאַטפאָרמע און צוקושט זיך מיט יעדען איינעם פון זיינע צוהערער.

האָלפּעראָוויטש האט געקוקט אויפ'ן רעדנער צווישען צוויי קעפּ פון די מענשען, וואס זיינען געזעסען אויפ'ן באַנק פאַר איהם — אזוי ווי פון א בעהעלטעניס האט ער אַרויסגעקוקט... און טאָמער קוקט דער רעדנער אין זיין ווינקעל, זאָל ער דערזעהן ניט מעהר

ווי זיינע אויגען... ער האט געקוקט דעם רעדנער אין מויל אריין און האט גארניט פערנומען פון זיינע רייד... ער האט געשטו־דירט זיין פנים, זיין גאנצען אויסזעהן... דאס איז ער מיט די ביינער... וואס ווייטער יענער איז אריין אין זיין רעדע, האט האל־פערסאוויטש אלץ מעהר און מעהר דערזעהן יענעם איינגעל פון זיין געסעלע מיט אזוי פיעל יאהרען צוריק... און נעטראכט האט ער ניט פון דעם, וואס דער רעדנער זאגט, נאר ווי אזוי דאס איז צו איהם געקומען, פון וואנען ער איז דאס געווארען א שרייבער... ווי אזוי האט ער זיך אויסגעלערענט צו שטעהן און ריידען פאר אזוי פיעל מענשען, און פאהרט ארום, און אין אלע שטעדט קומט מען זיך צוזאמען איהם הערען... און מען קען איהם איבער גאנץ רוסלאנד און אמעריקא און מסתמא אויך אין אנדערע לענדער... ווי אזוי, פון וואנען איז דאס צו איהם געקומען ?...

דער לעקטשורער האט אויפגעהערט רעדען און א זאג גע־טהאן שטיל עטליכע ווערטער צום טשערמאן. דערנאך האט ער ערקלעהרט דעם פובליקום, אז ער קען לײדער ניט האלטען זיין גאנצען פערשפרעכען — ער קען ניט פארלעזען פון זיינע שריפטען צוליעב דעם, וואס זיין טריין האט זיך פערשפעטיגט, און אין עט־ליכע מינוט ארום קומט אן די טריין, מיט וועלכער ער מוז פאה־רען צו זיין נעקסטער לעקטשור היינט אבענד אין א דערבייאיגער שטעדטעל. ער האט אבער פערשפראכען, אז ער וועט דעם חוב ניט פערגעסען און ער האפט אמאל אבצוצאהלען.

די לעקטשור איז געווען צו ענדע.

דער עולם האט זיך גענומען הויבען פון די בענק, נאר מען האט זיך ניט געאיילט צו פערלאזען די האל. אנדערע זיינען גע־בליבען שטעהן און ווארטען, דער לעקטשורער זאל דורכגעהן און זיי זאלען קענען כאפען נאך א נאהענטען קוק אויף איהם. פיעלע האבען זיך געלאזען נעהנטער צו דער פלאטפארמע.

דער לעקטשורער האט אנגעטהאן דעם מאנטעל פון א קא־מיטע־מאנס הענד, ארומגעוויקעלט זיין האלז מיט א געשטריק־טען שווארצען שאליק.

עס האָט געזאָלט זיין נאָכ'ן לעקטשור אַ קליינער „צוביים“ ביי איינעם פון די טהוער אין הויז; עס איז אָבער דערפאַר קיין צייט ניט געבליבען.

האַלפּעראַוויטש איז דער ערשטער ארויס פון האָל; ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, צי זאָל ער קומען צום לעקטשורער און זאָגען איהם, ווער ער איז, צי ניט... ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אין דער פינסטער, ביים אריינגאַנג פון האָל... יענער וועט דאָך געוויס פרעגען וואָס ער טהוט און וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אין אמעריקא און ער וועט איהם מוזען ענטפערען: „דזשאַנק“...

ער האָט געזעהן, ווי דער לעקטשורער איז ארויסגעקומען פון האָל און אין דער בעגלייטונג פון אונגעפעהר צוויי צעהנדליג מענשען אוועק צום סטיישאַן. ער איז שטיל נאָכגעגאַנגען הינטער זיי — אַ רעכט שטיקעל דערוויטערט... איהם האָט געשטופּט און געצויגען אונטערצולויפען און צוקומען צו איהם, איידער עס ווערט צו שפּעט, איידער די טריין קומט אָן... און ער האָט ניט געקענט פועל'ן ביי זיך דאָס צו טהאָן... און נאָך פאַר אַזוי פיעל מענשען אין די אויגען...

די מענשען פאַר איהם זיינען אריין אין סטיישאַן. האַלפּעראַוויטש איז געבליבען דרויסען — און נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן... ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג צו געהן אַהיים, און איז געבליבען שטעהן...

די איצטיגע טריין איז אָנגעקומען אין דער ריכטיגער צייט, און דערהערענדיג פון וויטען איהר גרילצענדען פייפען, האָט האַלפּעראַוויטש אויף גיך געוואָלט אריינלויפען אין סטיישאַן, און איז געבליבען שטעהן... אוועקגעגאַנגען עטליכע טריט ווייטער, אָן אַ זייט...

די טריין איז צוגעקומען צום סטיישאַן און זיך אָבגעשטעלט. עס זיינען ארויסגעקומען די מענשען, און צווישען זיי האָט האַלפּעראַוויטש געזעהן די העלע הוט פונ'ם לעקטשורער. ער איז אריין אין וואַגאָן. די טריין איז אוועקגעפאָהרען.

האלפעראוויטש האט נאכגעקוקט די טריין ביז די ליכט פון דער לעצטער קאר האט זיך שוין מעהר ניט געזעהן, ביז דער לעצטער גערויש איז פערשוואונדען.

ער איז אוועק אהיים אן אומעריגער, א פערבענקטער, א געפאלענער...

אַרויסגעראַטעוועט

פאַר'ן „סטופּ" איז געווען גרויס טומל. אַ סך ווייבער און ווייבלעך, די אײנוואוינער פון'ם טענעמענט, האָבן געהאַלטן אײנגעשלאָסן אין אַ רעדל אַ צושראָקענעם אידן, און יעדע אײנע פון זיי האָט געשריען, געליאַרעמט; יעדע אײנע האָט זיך געסטאַרעט איבערצושרייען די אַלע איבעריגע.

דער געפאַנגענער אין פּלען איז געווען אַ נידעריגער, ברייטער, עלטערער איד, מיט אַ ברייטע, געל־גרויע באָרד, מיט רויטע פאַרוואַסערטע אויגען, אין אַ שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטע, מיט אַ גרויסען שוואַרצען קאַפּעליוש, און ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ דריטע קלאַס „רעוורענד". ער האָט געוואָלט זיך פאַרענטפערען, זאָגען תירוצים, „געמאַכט" מיט די הענד; נאָר די שרייערקעס אַרום איהם האָבען איהם ניט געגעבען קיין „שאַנס", ניט געלאָזט איהם עפענען אַ מויל. ער האָט צושראָקען געקוקט אין אַלע זייטען, ווי אַזוי זיך „אַרויסצומאַכען", אַנטלויפען — ער האָט אָבער ניט געזעהן קיין רעטונג און ער איז געוואָרען נאָך מעהר צושראָקען.

דאָס איז געווען דער לענדלאָרד פון'ם טענעמענט.

די נייעס, אַז דער לענדלאָרד איז דאָ אין הויז, האָט זיך שנעל צושפּרייט איבער אַלע פלאָרס. די „טענערקעס" האָבען אוועקגעוואָרפען אַלע אַרבייט און געלאָפען זיך זעהן מיט איהם. און מען האָט איהם געפּאַקט אויפ'ן „סטופּ", ווען ער האָט שוין געהאַלטען אין אוועקגעהן; און מען איז איהם בעפאַלען פון אַלע זייטען מיט קולות און געשרייען, פערשטעלט איהם דעם וועג און איהם ניט געלאָזען זיך ריהרען פון אָרט.

אַלע האָבען זיי געהאַט צו איהם זייערע טענות, זייערע עהרליכע ביטערע טענות, וואָס האָבען זיך ביי זיי אָנגעקליבען פאַר

דער צייט, וואס זיי געפינען זיך אין זיין הויז. די טענות זיינען געווען פערשיעדענע, אבער אלע פון איין שניט.

— מיינע רומס האט מען שוין ניט געפיינט פון דריי יאהר! מען קען שוין גארניט דערקענען, אז דאס איז רומס!

— ביי מיר אין די רומס גיסט פון די ווענד! אלע ווערט פערפוילט; כ'קען דאס שוין ניט אויסהאלטען!

— ביי מיר פאלט שטיקער פון סילינג! יענע וואך איז א שטיק סילינג אריינגעפאלען אין סאפער אויפ'ן אויוועז און כ'האב געמוזט אריינגיסען דעם סאפער אין סינק!

— ביי מיר סטאפט די וואסער אויף גאנצענע טעג; מ'געהט אוים פאר א טראפען וואסער און מ'מוז שלעפען פון אנדערע פלארס!...

— מיין עלטערע מיידעלע האט געקראגען בראנקיטיס פון די נעץ מיט די נאסקייט און מיין מאן איז הייזעריג ווי די וואנט שוין באלד די אכטע וואך!...

— זאל מען צולויפען אין ראטגער פליים, וואו ער האט די הויז, אנזאגען, אז ער איז דא! — האט איינע געוואלט מאכען איהר נקמה נאך שטארקער.

פערביינעהער האבען זיך אבגעשטעלט און מענשען זיינען ארי־בערגעקומען פון דער אנדערער זייט גאס. דער עולם האט געוואלט וויסען וואס מ'וויל פון איהם האבען. דערהערענדיג, אז דאס איז דער לענדלארד און די טענות פון די פרויען, האט מען געגעבען עצות:

— ווער צווינגט אייך צו זיין אין די רומס?

— מופט מען ארוים!

— מ'האלט אייך דען צוגעבונדען?

— אייך איז גרינג צו געבען עצות! — האט אן אויפגעקאכ־טע שרייערקע אבגעענטפערט די גוטע מענשען — „מופט מען ארוים"! וואו זאל מען מופען, אויפ'ן הימעל?

און נאך פערביטערטע האבען געענטפערט:

— ער מוז האבען א סך געלד מיט צייט ארומצוגעהן זוכען רומס!

— מיט עצות זיינען מיר פערזאָרגט!

— וואָלטען מיר אַזוי זיין פערזאָרגט מיט אַנדערע זאַכען!

— ווער קען זיך ריהרען פון אָרט? אַז מ'ליעגט, ליעגט מען!...

— ברענגט מיר אַ „פּאָליצמאַן"! — האָט דער געפאַנגענער לענדלאָרד געשריען צום עולם.

— מיר האָבען קיין מורא ניט! וואָס וועט מען אונז טהאָן? איהר האָט עפּעס אַ סך מורא, מיסעס אַלבום?

— ווער האָט מורא פאַר איהם? וואָס קען ער מיר טהאָן? עס האָט זיך געפונען אַ נייער עצה־געבער:

— לאָזט ריידען אַ וואָרט! וואָס דאַרפט איהר מאַכען סקאַנדאַלען אויפ'ן סטריט? איהר קענט דאָך אַריינגעהן צו איהם אין הויז און זיך דורכריידען, אַז איהר דאַרפט עפּעס זאָגען.

— נאָך איינער איז דאָ! ווער וויים דען וואו ער איז און וואו ער געפינט זיך? ער ליעגט אַפּטאָון, צי ערגעץ אין ברוקלין; ער זאָגט דען אוים?

— קען מען דאָך ריידען מיט איהם, בשעת ער קומט צוגעהן אין הויז! — לאָזט אַלץ ניט אָב דער נייער עצה־געבער.

— ווען קומט ער דען? ער קומט דאָך גאָרניט! ער גנב'עט זיך אַריין אַ מאָל אין אַ יובל, דערנאָך גנב'עט ער זיך צוריק אַרויס; ניט מ'הערט איהם און ניט מ'זעהט איהם!

— מיר'ן דאָך איהם איצט קאָם געכאַפּט אויפ'ן סטופּ.

— אַז ניט איך, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אַנטלאָפען!

דער נייער עצה־געבער האָט זיך דערפיהלט בעזיעגט און זיך אַרויסגעשטופּט פון רעדעל.

אָבער אין דער מינוט האָט זיך געוויזען נאָך אַ חכם, איינער אַ איד מיט אַ קרומע פּלייצע. ער האָט גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון און בשעת'ן ריידען צושפּרייט די פינף פינגער פון דער רעכטער האַנד אין דער לופט:

— אַז ער קומט נאָך די רע־ע־ע־נ־ט, זאָגט מען איהם, אַז מען

גיט איהם ניט קיין רע־ע־נ־ט, אז ער׳ט ניט פיקסען וואס מ׳דארף און „געצעטעלט״.

— ער קומט דען נאך רענט? — האט מען געענטפערט דעם ראזיגען שארפען מח — ווער זעהט איהם אן אין די אויגען? אז איירישער איידזשענט קומט קאלעקטען די רענט, אז ס׳קומט דער ערשטער, איז ער שוין דא באגינען און קלאפט אין די טירען, אז מ׳שלאפט נאך.

— און קיין העלפט נעהמט ער אויך ניט, — אין גאנצען מוז מען איהם אוועקלייגען.

— באלד איז ער דא מיט א מוף־צעטעל.

— קען מען איהם דאך זאגען, וואס מ׳דארף פיקסען! — חקירה׳ט זיך ווייטער דער חכם, אבער שוין ניט מיט אזא זיכער־קייט.

— מ׳זאגט איהם געננג. ענטפערט ער: „אלרייט, אלרייט״, און מ׳זעהט איהם ווידער ניט אז ביז דעם ערשטען באגינען. איצט ווייסט איהר שוין?

דער עצה־געבער מיט׳ן גמרא־ניגון האט זיך אויך דערפיהלט געשלאגען און ער האט פערלאזען דעם קאמפאס־פלאץ. נאך איהם זיינען אוועק נאך עטליכע און נאך עטליכע, און פון גאנצען עולם זיינען איבערגעבליבען די שרייערקעס מיט׳ן לענדלארד אין פלען, און צוויי קליינע באיעס, וועלכע האבען געהאלטען אין טראגען ערגעץ אן אלטען מאטראץ. איינער האט געטראגען דעם מאטראץ אויפ׳ן רוקען, מיט די הענד פערווארפען איבער די פלייצעס, און דער צווייטער באי האט נאכגעטראגען דעם אנדערען עק פון מאטראץ, אזוי ווי מען טראגט נאך דעם לאנגען עק פון דער קלייד פון אן אריסטאקראטישע דאמע אויף א באל, צי פון דער כלה אויף א רייכער חתונה. די באיס איז געפעלען געווען די „פאן״, און זיי האבען אונטערגעהעצט: „גיוו איט טו הים!“ און מ׳האט ווידער איבערגע׳חזר׳ט די הארציגע טענות און פערזיכערט דעם לענדלארד, אז היינטיגען מאל וועט ער זיך שוין ניט ארויסדרע־הען, ווי פאר א יאהרען חול־המועד־סוכות.

— נאָט אייך אַ ניקעל, ברענגט מיר אַ פּאָליצמאַן! — האָט דער געפאַנגענער געזאָגט צו די באָיס.

— טשיפּ ספּאָרט! — האָט געזאָגט דער עלטערער פון די באָיס — ס'איז ווערט אַ קוואָרטער.

— נאָט אייך צעהן סענט — האָט דער געפאַנגענער זיך געדונגען.

אין מיטען דערינען איז פון הימעל אַראָבגעפאַלען ביים קאָרנער אַ פּאָליסמאַן — ווי ס'איז שוין די טבע פון אַ פּאָליסמאַן צו קומען דוקא, ווען מ'דאַרף איהם נים. וואָכען גאַנצע געהען פאַרביי און מ'זעהט דאָ נים אַן קיין פּאָליסמאַן, מעג מען אפילו דערהרג'ענען אַ מענשען. איצט איז ער דאָ! ער איז באַלד צוגעקומען צום „טראָבעל". די באָיס פון מאַטראַץ האָבען מיט התמדה און רעספּעקט „עקספּליינט" דעם „קאָפּ" וואָס דאָ קומט פאָר.

— גאָ אַפּסטעירז! גאָ אַפּסטעירז! — האָט דער פּאָליסמאַן געגומען בייזערען זיך אויף די ווייבער און געפאַכעט מיט די פונאנדערגעשפּרייטע הענד צום „סטופּ", ווי אַ היימישע באַלעבאָסטע, וואָס וויל אַריינטרייבען אַ הוהן אין הויז אריין — גאָ אַפּסטעירז!

דער געפאַנגענער לענדלאָרד האָט דערוויל געשטעלט פיס אַהן אַ „גוד־באַי" און די אַנגעבאָטענע צעהן סענט איז געבליבען ביי איהם אין קעשענע.

אַהן מוטה און אַהן חשק האָבען די בעזיעגטע גענומען קריכען אויפ'ן סטופּ. דער פּאָליסמאַן האָט נים אַבגעטראָטען ביז די לעצטע פון זיי איז אריין אין קאָרידאָר.

פון גאַנצען געזעמעל זיינען איבערגעבליבען די צוויי באָיס מיט'ן מאַטראַץ. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט פערברענגען נאָך אביסעל מיט'ן „קאָפּ", נאָר ער האָט זיך מעהר נים צוגעקוקט צו זיי און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פּרוכט־סטענד אויפ'ן קאָרנער און מיט אַ קוק פול ספקות בעטראַכט די געשמאַקע סחורות. די באָיס מיט'ן מאַטראַץ האָבען זיך אַוועקגעלאָזען אין וועג אריין.

לאַנדסלייט

קיינער פון די רעזניקאַווקער לאַנדסלייט געדענקט נים, ווי אַזוי ביי מאַטעל טויבע׳ס, אויף טשערדי סטרים, איז געוואָרען דער הויפּט־מקום, די „העדקוואַדערס" פון די אַלע רעזניקאַווער, וואָס זיינען צושפּרייט איבער גרייטער ניו יאָרק. אַלע ווייסען אָבער, אַז ביי מאַטעל טויבע׳ס געפינט זיך דער פולס פון די רעזניקאַוו־קער און פון רעזניקאַווקע גופא. דאָרט קומען אָן אַלע נייעסען פון שטעדטעל און פון דאָרט פערשפּרייטען זיי זיך איבער אַלע רעזניקאַווקער אין ניו יאָרק. ביי מאַטעל טויבע׳ס געהט מען אַוועק אויסגעפינען, אויב ס׳איז טאַקע אמת, אַז דער און דער איז גע־שטאָרבען, אָדער אַז דער און דער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט די און די. דאָרטען איז אַ מין רעזניקאַווקער „ניוס־עקססטשיידזש", מען בייט נייעס אויף נייעס; אַ מאָל ברענגט איינער מעהר און קריגט ווייניגער, אַ מאָל פערקעהרט. קומט אַ „גרינער", פיהרט מען איהם באַלד דעם ערשטען טאָג צו מאַטעל טויבע׳ס.

דורך די וואָכעדיגע אָבענדען קומט מען איינציינווייז אָדער פּאַרוויים צו גאַסט ביי מאַטעל טויבע׳ס. די רעכטע „ביזי" איז שבת־ביי־נאַכט און זונטאג דעם גאַנצען טאָג און דעם גאַנצען אָבענד ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. באַלד נאָך הבדלה הויבט מען אָן קו־מען, די טיהר מאַכט זיך נים צו אַ מינוט: מען קומט און מען קומט. מען איילט זיך קומען וואָס פריהער, פערכאַפּען גוטע „סיטס", וואָרים די „פּאַמעשטשעניע" ביי מאַטעל טויבע׳ס איז נים געוואַלדיג, די רומקעס פּיצינקע און שטולען נים איבעריגס פיעל. די, וואָס קומען פריהער, צוזעצען זיך ברייט אויף די שטולען, דער־נאָך ווערט בעזעצט דער „לאַנדזש", די צונויפגעלעגטע בעטעל. גע־פינען זיך גוטהערציגע באָיעס, וואָס קענען נים צוזעהן, אַז מיידלעך

זאָלען נעבעך שטעהן אויף די פיס, זיינען זיי צופריעדען צו נעהמען אויפ'ן שוים אַ מיידעל, אַ ווייבעל. ווערט אַ געלעכטער, מען וויצעלט זיך, ס'פליהען גלייכווערטלעך, אָבער אַלץ פיין, עדעל; ביי מאַטעל טויבעס אין הויז וועט מען ניט זאָגען וואָס מען דאַרף ניט.

מאַטעל טויבע'ס און זיין ווייב און די קינדער קוועלען אַן פון דער „שפע"; זיי האָבען אמת'ען נחת. קיין רייכען „קיבעד" האָט מאַטעל טויבע'ס ניט צו געבען, אָבער „גאַר־אַזוי" זיצט מען פונדעסטוועגען ניט. דער קעסעל הייסע וואַסער מיט'ן טשייניקעל געהען ניט אַראָב פון אויוועלע; מען טרינקט און מען „דערגיסט", דערנאָך „דערשיט" מען, מען „דערגיסט" ווידער און מען „דערשיט" נאָך אַ מאָל. גלעזער מיט „סאָסערס" פאַר אַלעמען איז ניטאָ — איז אויך קיין בייז ניט — מען וואַרט אונטער. ניטאָ קיין פעראיבעלס. אדרבא, מען דינגט זיך נאָך: „טרינקט איהר פריהער!" „טרינק דו פריהער!" דער לעבעל ברויט ליעגט פון אויבען אויף און מען שעהמט זיך ניט; ווער עס וויל נור, קנייפּט אַראָב אַ שטיק. אַז די באַלעבאָסטע האָט איבעריגע קליינגעלד און צייט, באַקט זי פרייטאָג אוים אַ גרויסען קייק, אָדער אַ סך קליינע קייקלעך און דערלאַנגט דעם גאַנצען בערגעל שבת־ביי־נאַכט צום טיש. און די רעזניקאַווער זיינען גראָד בעלנים אויף קייק. אויף זונטאָג בלייבט גאָרניט איבער.

מאַטעל טויבע'ס און זיין ווייב בעטען דעם עולם, מען זאָל זיך ניט לאָזען בעטען און טרינקען נאָך טהע; די צוקער־פּושקע ווערט פון דאָס־ניי אָנגעפילט. מען טרינקט און מען שוויצט, עס ווערט הייס, מען ווישט זיך די שטערענס. די מאַנסבילען שעהמען זיך ניט און טהוען אוים די רעקלעך — אַלע אייגענע מענשען דאָ. עס געפינען זיך דאָ אויך אַזעלכע וואָס קענען זינגען, בעט מען זיך ביי זיי, זיי זאָלען געבען אַ סאָנג. די זינגערס לאָזען זיך בעטען, און וואָס מעהר מען בעט, אַלץ מעהר לאָזען זיי זיך בעטען, ביז זיי לאָזען זיך איבערבעטען און נעהמען זינגען. פאַראַן דאָ אויך אַזעלכע, וואָס זינגען רוסישע ליעדעלעך, דאַמאָלס ווערט דער עולם אומעטיג, פערטראַכט, פער'חלומ'ט.

און אז מען האָט זיך שוין אָנגעהערט און אָנגעדערצעהלט אַלע נייעסען פון די היעגע רעזניקאַווקער און פון די רעזניקאַווקער אין רעזניקאַווקע, און זיך גוט אָנגעטרונקען און אָנגעזונגען, און די קלינערע זעהען, אז ביי מאַטלען און זיין ווייב קלעפּען זיך שוין די אויגען, נעהמט מען זיך ריהרען פון די ערטער. מען נעהמט זוכען די רעקלעך מיט די העטס, וואָס ליעגען אויסגעמישט אין איין קופּע אין בעד־רום. עס טרעפט, די מענער פערבייטען זיך מיט די העטס — אויך קיין סכנה ניט; נעקסטע וואָך בייט מען זיך איבער.

עס טרעפט אמאָל — גאַנץ זעלטען — אָבער עס טרעפט אַ שבת־ביי־נאַכט, אָדער אַ זונטאָג, אז ביי מאַטעל טויבע׳ס קומען ניט קיין געסט. דאָס פּאַסירט, ווען עס מאַכט זיך אַן אַמעריקאַ־נער „בליזאַרד“, אָדער ווען עס איז דער רעזניקאַווער באַל — דאַ־מאָלס פיהלען זיך מאַטעל טויבע׳ס און זיין ווייב גאַנץ אומעטיג אויפ׳ן האַרצען, ס׳פעהלט זיי עפּעס, ס׳זעהט ניט אויס ווי שבת־ביי־נאַכט.

— ביי מיר קומט אויס — זאָגט די ווייב צו מאַטלען — אַזוי ווי היינט וואָלט גאָרניט געווען „שעביישענאַכט“.

— מ׳ווערט צוגעוועהנט — ערקלעהרט איהר מאַטעל די אור־זאַכע.

אַ סך ליעבעס און שידוכים קומען אַרויס פון מאַטעל טויבע׳ס הויז. די גליקליכע פּאַרלעך קומען דערנאָך זונטאָג מיט די בייבים; די ניט־צופריעדענע קומען אמאָל אַריין אין מיטען וואָך אויסגי־סען דאָס האַרץ און הערען אַ טרייסט־וואָרט.

צווישען די רעזניקאַווער, אַזוי ווי צווישען אַלע אַנדערע מענ־שען, געפינען זיך אויך בעלי־קנאה, ניט פערגינערס, און אויך פער־רעטהער. און עס האָט זיך געיאַוועט אַ קלאַס רעזניקאַווער, וואָס האָט ניט פערגונען מאַטעל טויבע׳ס זיין פערגניגען: פאַר וואָס קומט דאָס איהם? אַלע ביי איהם! פאַר וואָס ניט ביי אַנ־דערע אויך אַ מאָל? אַלץ ביי מאַטעל טויבע׳ס!... איינער,

אז אינטעלינענטערער צווישען די בונטאווששיקעס האט געזאגט, אז מאטעל טויבע'ס האט זיך ארומגעמויערט מיט א „כינעזישע וואנד" און לאזט קיינעם ניט צו; נאך איינער, וואס לייענט פיי־פערס, האט פערגליכען מאטעל טויבע'ס הויז מיט די טראסטס, וואס פערכאפען אלץ אין זייערע הענד און בלייבען די איינציגע אין מארקעט. און די דאזיגע חברה־לייט זיינען געווען דוקא פון די, וואס „אין די אויגען" זיינען זיי געווען מיט מאטלען „צוקער־זיס", מעהר ווי אלע אנדערע. די העצערייען זיינען דערגאנגען אזוי ווייט, ביז מען האט זיך גענומען צו „פראקטישע ארבייט"; ס'האבען זיך „געעפענט" אנדערע פלעצער מיט בעסערע בעהאנד־לונג און מען האט געטרייט אבציהען פון מאטלען „טרייד". אין איין פלאץ האט מען געגעבען צו די טהע „פרענקפורטערס", אין דעם אנדערען — „סשיז־סענדוויטשעס". אין נאך א פלאץ — א רעזניקאווער שנאפס־און־מצה־פעדלער, וועלכער האט פשוט געמיינט ביזנעס, ער זאל קענען דורך זיין פריינדשאפט פערקויפען מעהר סחורה צווישען די לאנדסלייט — האט אריינגענומען אין הויז א פאנאגראף מיט רעקארדס צום אמוזירען דעם עולם.

ווי געוועהנליך צווישען מענשען, האבען זיך דא אויך איינ־געפונען מענשען מיט שוואכע כאראקטערע, אונטרייע מענשען, וואס האבען זיך געלאזט איבעררעדען פון די גלאטע צינגלעך און זיינען טאקע אוועק אין די נייע־ערעפענטע פלעצער. עס איז אבער ניט „געגאנגען", עס איז ניט געווען „דאס", ניט מאטעל טויבע'ס הויז. די מענשען דארט זיינען טאקע געווען פריינדליך, גע־טהאן דאס בעסטע, אבער ס'איז ניט מאטעל טויבע'ס! דער עולם כאפט געשמאק אונטערגענעצען; ס'איז לאנגווייליג; דער זייגער איז נאך פאר עלף און מען נעהמט איינציגווייז געהן „אהיים"; מען געהט אבער ניט אהיים, מען טרעפט זיך אדער ביי מאטעל טויבע'ס אויף די טרעפ, אדער ביי מאטעל טויבעס אין הויז. מען זאגט מאטלען א תירוץ, מען איז געווען „ביזי", ניט געקענט קומען פריהער.

מאטעל טויבע'ס און זיין ווייב האבען געוואוסט פון די נייע

פלעצער, מען האט זיי אבגעגעבען גרוסען. עס האט זיי וועה גע־טהאן. זיי האבען אבער, חס ושלום, יענע קיין שלעכטס ניט גע־וואונשען און צו קיינעם גארניט געהאט: זיי וועלען קיינעם מיט געוואלד ניט צובינדען; אלע זיינען ביי זיי גוטע געסט, ווער עס וויל נור קומען; און ווער עס וויל ניט, ווייס דאך מסתמא, אז „דארטען" איז בעסער. זיי האבען אבער די האפנונג ניט פער־לארען, געווארט געדולדיג, אז ס'זאל זיך פערבעסערען.

קיין לאנגען קיום האבען די נייע פלעצער ניט געהאט. מען איז דארט געקומען אלץ ווענינער און וועניגער; מען איז געגאנ־גען צוריק צו מאטעל טויבע'ס. א סך האבען אמת חרטה גע־האט אויף זייער פעררעט און זיך אפענהערציג מודה געווען פאר מאטלען, וואס זיי האבען געטהאן — ס'איז געווען אויף זיי א בייזע שעה. יענע פלעצער האבען זיך ענדליך איינגאנצען „צור־געמאכט". מאטעל טויבע'ס זיעג האט דערגרייכט אזוי ווייט, אז דער הויפט־בונטאוושציק, דער שנאפס און מצה־פעדלער, האט אוועקגעגעבען צוריק דעם פאנאגראף און קומט אלע שבת־ביי־נאכט און זונטאג צו מאטלען, אבער אלץ מיט ענאאיסטישע מא־טיוועו — זעהן זיך מיט קאסטאמער, צי קריגען נייע.

די „אונרוהיגע" נשמות קענען, געוועהנליך, ניט רוהען און עס קאכט נאך אין זיי; די בעזיעגטע קאנקורענטען טראכטען פון נקמה, אבער ניט אזוי גיך וועט מען נעהמען עפעס טהאן. זיי גע־דענקען דעם „אבשניט". ווי די לאגע איז איצט קען מען בעשטימט זאגען, אז מאטעל טויבע'ס וועט נאך לאנג בלייבען מאטעל טוי־בע'ס פאר די ניו יארקער רעזניקאוועקער.

אבער פאר וואס? מיט וואס פאר א כח? וואס פאר א גבורה שטעקט אין מאטעל טויבע'ס הויז? וואס פאר א מאגנעט ציהט דארטען? דאס ווייס קיינער ניט.

אין טאַקט

(מאָנאָלאָג פון אַ געוועזענער מאַמע)

איהר קענט פערשטעהן אונזער גליק און אונזער נחת, אַז מיר האבען דערלעבט זיין בר־מצוה. ער איז אונז פון פינף איינער געבליבען. ביז ער האט אנגעהויבען אין חדר געהן, איז ער מעהר קראנק געווען איידער געזונד. פון וואס האט ער ניט געליטען? פון אלץ, פון וואס קינדער קענען נור קראנק זיין. יעדער צייהנדעל זיינס האט אונז שטיקער לעבען אבגעקאסט. גאַנצע נעכט נאַכאַנאַנד האבען מיר מיט קיין אויג ניט צוגעטהאַן. מיר זיינען דאך געווען געשלאָגענע, אנגעלערענטע; גרויסע מחותנים מיט׳ן בית־עולם זיינען מיר געווען. דריי זיהן מיט אַ טאָכטער אונזערע זיינען שוין געווען פערזאָרגט דארטען.

איך געדענק דעם טאָג, ווען דער טאַטע האט איהם צום ערשטען מאָל אין חדר גענומען. יענע דריי זיהן אונזערע האבען מיר ניט זוכה געווען אין חדר צו פיהרען. זיי זיינען פון אונז אבגעריסען געוואָרען נאָך איידער זיי האבען אויף זייערע פיסעלעך געקענט רעכט שטעהן. זאָל איך אייך זאָגען, אַז ביי אונז אין יענעם טאָג געווען שמחת־תורה, קען מען דאָס ניט צוגלייכען. ס׳איז געווען ביי אונז אַ גרעסערע שמחה, ווי שמחת־תורה. און פון יענעם טאָג אַז איז ער גאָר אַן אנדער קינד געוואָרען. מיר האבען ניט געוואוסט מעהר, וואס דאס הייסט אזוינס, ער זאָל זיך אויף עפּעס בעקלאָגען. זיין פּנים האט געלויכטען, געווען אמת׳ע בלוט און מילך. אין חדר איז ער געווען פון די בעסטע אינגלעך, געקענט אַלצדינג בעסער פון אַלעמען. אַז איך וואָלט ווערטה געווען, וואָלט מיר גאָט געקענט אבגעבען מיט פּראָצענט, וואס ער האט פון מיר צוגענומען — מ׳קען דאָך האבען פון איין זוהן מעהר נחת, ווי אַנ־

דערע האבען פון פינף — וואלטען נאך אפשר פערהיילט געווארען די וואונדען פון מיין הארצען, וואס זיינען געבליבען פון יענע. האב איך מיר דאס, מסתמא, ניט פערדיענט, און דער לעצטער שטראף מיינער איז געוועזען א גרעסערער, ווי די אלע פריהערדיגע. ביי א מאמען זיינען אלע קינדער גלייך, און איהר וועהטאג און יסורים איז פאר אלע גלייך — דער איז דאך אבער שוין געוועזען א פאלנער מענש, באלד מיט מיר און איין הויך איז ער דאך געוועזען, וועז ער איז פון אונז אבגעריסען געווארען —

צו דער בר־מצוה זיינער איז געוועזען ביי אונז אין שטוב, ווי צו אן אמת'ער חתונה. ער האט שוין דאמאלס געלערענט אין קלויז. שבת אין דער פריה האט ער געלייענט מפטיר, און דערנאך אין שטוב צו קידוש האט ער די דרשה געזאגט. דער רב אונזערער איז געוועזען און אלע שעהנסטע באלעבאטים — ווער האט איהם ניט געקענט און ניט געוואוסט פון זיין לערנען? מיר זיינען גע־וועזען ארימע מענשען, צוויי יאהר אפשר האבען מיר געשפארט א גראשען צו א גראשען אויף זיין בר־מצוה. מ'האט דעם שבת־צו־נאכטס אוועקגעהוליעט ביז אין טאג אריין.

א מתנה צו בר־מצוה האבען מיר איהם געקויפט א שעהן זייגערל, א זילבערנעם זייגערל, מיט א בלוי ציפער־בלעטעל. און ער האט דאס זייגערל אזוי ליעב געהאט. ער האט ליעב געהאט צו עפענען דאס דעקעל און אריינקוקען אינווענינ אין זייגערל. פון וואנען עס געהט, און ער האט ליעב געהאט צו האלטען דאס זייגערל ביים אויער און זיך צוהערען ווי עס געהט, און זיך חידוש'ן און אנקוועלען. ער פלעגט קענען אמאל אזוי אבזיצען א שעה נאכ־אנאנד ביינאכט, פאר'ן שלאפען געהן, און אריינקוקען אינווענינ אין זייגערל און זיך צוהערען ווי עס געהט. און דאס זייגערל האט געמוזט הענגען אויפ'ן וואנד ביי זיין קישען, און ער פלעגט איינשלאפען הערענדיג ווי ס'זייגערל קלאפט.

א חודש נאך זיין בר־מצוה, ראש חודש אב, איז ער קראנק געווארען. און דורך דער גאנצער צייט, וואס ער איז קראנק גע־

לעגען, האָט ער דאָס זייגערעל פון זיך ניט אָבגעלאָזט. און ביז דער לעצטער מינוט האָט דאָס זייגערעל געמוזט לעבען איהם זיין. אַז איהם פלעגט אויף אַ ווײַלע בעסער ווערען, האָט ער דאָס זייגערעל געעפענט און אינווענינג אַריינגעקוקט, און ער האָט זיך אַז זיינע וועהטאָגען פערגעסען.

דאָס זייגערעל איז ביי מיר געוואָרען ווי עפּעס מיינס אַ גליעד, מיין אייגען פלייש און בלוט. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

שבעה זיצענדיג אויפ'ן דריטען, צי אויפ'ן פיערטען טאָג, האָב איך זיך דערמאָנט אָנ'ם זייגערעל; נאָר ער, דער טאַטע, האָט דאָס זייגערעל געהאַלטען בעהאַלטען פון מיר... כ'בין צוגעשטאַנען און האָב געמוזט דאָס זייגערעל קריגען. איך האָב עס אויפגעעפענט און אַריינגקוקט און דאָרט געזוכט... אַז איך האָב דאָרט געזעהן מיין בר־מצוה־זוהנ'ס פּנים, זיינע אויגען... און דערנאָך, שפּעטער, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ס'דרעהט זיך ניט אינווענינג אין זייגערעל — כ'האָב איהם צוגעלעגט צום אויער — איז ער געווען שטיל. האָב איך איהם אָנגעדרעהט מיט'ן שליסעלע — ער איז געבליבען שטיל — ניט געגאַנגען — ניט געוואָלט געהן מעהר — אויסגעגאַנגען מסתמא צוזאַמען מיט מיין זוהן, שטיל געוואָרען, און זיך אָבגעשטעלט צוזאַמען מיט מיין זוהנס האַרץ.

נאָך שבעה האָט דער פאָטער געוואָלט נעהמען דאָס זייגערעל צום זייגערמאַכער פערריכטען, האָב איך איהם ניט געלאָזט — זאָל ס'זייגערעל שוין אויך בלייבען שטיל אויף אַלע מאָל. — — —

— —

און איך טהו דאָס אַלע טאָג. פון ספרים־אַלמער נעהם איך אַרויס דאָס זייגערעל, וואָס הענגט דאָרט לעבען מיין זוהנס תפלין־זעקעל, און איך לעג עס צו צום אויער, און עס איז שטום — — — און איך עפען עס און קוקט אַריין און איך זעה, ווי אינווענינג פוילט, און ווערט שוואַרץ, ווי די ערד — און איך זעה, ווי מיין זוהן פוילט. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אויף אייביג וועלען זיי שוין אַזוי זיין.

דער הומאָריסט

צום ערשטען מאָל אין זיין קאַריערע אַלס הומאָריסט, איז ער היינט אָבגעזעסען אַ לאַנגע צייט איבער זיין שרייב־טיש און גאָר־ניט אַרויסגעבראַכט. קיין איין וויץ, קיין איין שטעכעדיג ווערטעל איז איהם היינט ניט געלונגען צו שאַפען. ווי לייכט, ווי פליסיג די וויצען און ווערטלעך האָבען זיך דאָס געשאָטען און געגאָסען פון זיין פען אַלע מאָל, צו יעדער צייט. ווען ער האָט נור גענומען די פען אין האַנד! אין אַלעס און אַלעמען האָט ער געזעהן וויץ און געלעכטער. ער האָט געלאַכט פון דער וועלט אין אַלגעמיין, פון יעדער וויכטיגער און ניט וויכטיגער פּאַסירונג, פון די לעזער, פון זיך אַליין, פון זיין אייגענעם טאַטען; נאָר די מעהרסטע פון זיינע וויציגע שפּיציגע פיילען האָט ער געשאָסען אין די ליעבע און די פערליעבטע — די שוואַכסטע פון אַלע מענשליכע שוואַכקייטען. און דער עולם האָט געלאַכט און אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט געהאַט. מען האָט געלאַכט אַזוי גיך, ווי מען האָט נור דער־זעהן זיין נאָמען איבער דעם אַרטיקעלע אָדער מעשה׳לע אין צייטונג; מען האָט געלאַכט בשעת׳ן לעזען און נאָכ׳ן לעזען. און ווי גרינג דאָס איז איהם אָנגעקומען — אָהן שום אָנשטרענגונג, אָהן טראַכטען אפילו.

די לעצטע פּאָר וואָכען האָט ער אין גאַנצען ניט גענומען די פען אין האַנד, און היינט, אַז ער האָט זיך גענומען צו דער אַר־בייט, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט — ניטאָ, צורונען, אויסגע־טריקענט געוואָרען אַלע וויצען און ווערטלעך.

און ניט אומזיסט: איהם האָט געטראָפען אַן אונגליק: זיין געליעבטע האָט איהם אָוועקגעוואָרפען, אויסגעביטען איהם אויף אַן אַנדערען, אַ רייכען, אַ געשעפטסמאַן. זי האָט זיך אַרומגעזעהן,

אַז מיט וויצען און געלעכטער וועט זי ניט זיין איבריגס זאַט און ניט האָבען קיין שעהנע קליידער און ציערונג; און אַז עס איז געקומען דער רייכער מיט זיין פאָרשלאַג, האָט זי ניט פיעל גע־קלעהרט און אוועק מיט איהם, און איבערגעלאָזט דעם הומאָריסט מיט זיינע וויצען און זיינע טרעהרען... און איהם האָט זיך אויפ־געהערט לאַכען. די ערשטע עטליכע טעג נאָך דער קאַטאַסטראָפע איז ער געווען דערשלאָגען, צומישט און צוטומעלט, ניט געוואוסט גאָר, אויף וואָס'ער וועלט ער געפינט זיך; און דערנאָך, אַז ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער עס געהאַלטען פאַר אַ חלול־הליעבע צו וויצלען זיך און טרייבען קאַטאָוועס אין אַזאַ ערנסטען מאָמענט אין זיין לעבען. ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ גרויסע עבירה, זיך אַבצוגעבען מיט וויץ און געלעכטער, ווען אַלע זיינע חושים, גלידער און אָדערען וויינען מיט איהם אויף זיין אונגליק. גאַנץ גיך אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט זיין פערמעגען, און עסען האָט ער דאָך געמוזט אפילו איצט — איז ער געצוואונגען געווען נעהמען זיך צו זיין בעשעפטיגונג — וויץ און געלעכטער.

ער האָט זיך געזעצט ביי זיין טיש און גענומען די פּען אין האַנד — און ניט פון אָרט — ער האָט ניט געקענט אַרויסקריגען קיין איין וויץ, קיין איין פּעפערדיגען וואָרט — אויסגעטריקענט אַלע קוואַלען, פון וועלכע ער האָט שטענדיג אַזוי לייכט געשעפּט זיין סחורה, און דער הויפּט־אוצר — די ליעבע און פערליעבטע — איז אין גאַנצען פערשוואונדען פון איהם.

און צו זיין אונגליק איז נאָך צוגעקומען שרעק — דער שרעק פון הונגער און נויט — ער קען ניט שאַפען קיין סחורה און ער וועט ניט האָבען פון וואָס צו לעבען. אויב ער וועט היינט עפּעס ניט אַרויסקריגען און אַוועקטראָגען אין דער רעדאַקציע, וועט ער שוין מאָרגען ניט האָבען וואָס צו עסען און זיין דירה־געלד וועט ניט זיין אָבגעצאָהלט. ער האָט אויפגעשווידערט, וואָרים ער האָט נאָך ניט פערגעסען יענע צייטען, איידער ער איז אנערקענט געוואָרען, ווען מען האָט גאָרניט געוואָלט דרוקען פון איהם און איבער זיינע וויצען האָט מען זיך אין די רעדאַקציעס געוויצעלט... ער גע־

דענקט יענע ציימען און וועט זיי קיינמאָל ניט פערגעטען... און זאָל די איצטיגע טריקעניש אין זיין מח לאַנג אַנהאַלטען, הויבען זיך פאַר איהם אַן יענע אַלטע צייטען.

ער האָט נאָר מעהר אַנגעשטרענגט זיין מח, זיין יעדען נערוו און — ניטאָ!

און אין זיין טיעפער פערצווייפלונג און שרעק האָט אין איהם אויפגעלויכטען אַ נייער געדאַנק, וואָס האָט איהם אויפגעמונטערט און אַריינגעגעבען לעבען און מוטה: עס קען גאָר געמאָלט זיין, דאָס דער אונגליק זיינער וועט איהם אַרויספיהרען אויף דעם ריכ־טיגען וועג, אויף וועלכען ער האָט אייגענטליך אַלע מאָל געדאַרפט געהן. דער הומאָריסט, ווי אַלע הומאָריסטען, האָט אַלע מאָל גע־מיינט, ער איז זיכער געווען, אַז ער דאַרף נאָר אייגענטליך שאַפען „ערנסטע" זאַכען, ער איז גאָרניט געבאָרען געוואָרען צו זיין אַ הומאָריסט — ווי יעדער טראַגיקער האַלט זיך פאַר אַ גרויסען קאָ־מיקער; ווי יעדער קאָמיקער מיינט, אַז ער איז גאָר אַ מורא'דיגער טראַגיקער — ווי יעדער „ערנסטער" שרייבער האַלט זיך פאַר אַ גע־וואַלדיגען הומאָריסט — און זיי אַלע האָבען גרויס פאַראיבעל אויף דער וועלט, פאַר וואָס מען פערשטעהט זיי ניט און מען צווינגט זיי צו אַרבייטען אויף אַ פאַלשען פעלד. נו, וועט זיין אונגליק אפשר איהם גאָר טהאָן אַ גרויסע טובה און וועט איהם ברענגען אהין, וואוהין ער בעלאַנגט. היינט נאָך וועט ער שאַפען זיין ערשטע „ערנסטע" זאַך. ער וועט בעשרייבען זיין אייגענעם אונגליק. ער וועט אַרויסברענגען אַלץ, וואָס ער האָט געפיהלט און איבערגעלעבט, ווען די געליעבטע פון זיין האַרצען האָט איהם אויסגעביטען אויף אַן אַנדערען, אויף איינעם, פון וועלכען זי קען ציהען מעהר מאַ־טעריעלע נוצען, ביי וועמען זי וועט האָבען בעסערע עסען און שעה־נערע קליידער און ציערונג. ער וועט שילדערען דעם גיהנום, אין וועלכען זיין נשמה האָט זיך געמאַטערט אין יענער צייט, ווען זי האָט איהם גאַנץ קאַלטבלוטיג איבערגעלאָזט אין זיינע ברענענדיגע יסורים, און די שוידערליכע טעג און נעכט וואָס ער האָט דורכ־געלעבט.

ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. עס איז געגאַנגען שנעל. ס'האָט זיך געשריבען פון זיך אַליין. אין א פּאָר שעה האָט ער געשאַפען א ריהרענדע זאַך. ער האָט דערצעהלט די געשיכטע פון אַן אָרימען מאָהלער און זיין געליעבטע. ער האָט מיט בונטע פאַרבען געמאָהלען די פייערדיגע, ברענענדיגע ליעבע צווישען זיי. בלויז צוויי זאַכען האָט פאַר דעם אָרימען קינסטלער עקזיסטירט אויף דער וועלט: זיין קונסט און זיין געליעבטע, ניין, זיין געליעבטע און זיין קונסט — ניין, איין זאַך בלויז האָט דער מאָהלער פערמאָגט, וואָרים זיין קונסט און זיין ליעבע איז געווען איינס, אונטהיילבאַר, ווי א קערפּער מיט א נשמה — ניין, דאָס אויך ניט — צוויי נשמות צוזאַמענגעוואַקסען אין איינע. און אַז ער האָט פערלאָרען זיין געליעבטע, האָט ער אַלעס פערלאָרען — זיין קונסט איז אוועק צוזאַמען מיט איהר; און ער האָט געזעהן בלויז טוידט פאַר זיינע אויסגעלאָשענע אויגען: דער לייוועגט — תכריכים; די פאַרבען — סם; דאָס פּינזעל, — א שפּיעז, וואָס לעכערט דורך. און ווי האָט דען דער מאָהלער איצט געקענט לעבען? ער האָט געוועלקט, געצאַנקט, ביז ער איז אינגאַנצען אויסגעלאָשען געוואָרען.

דער שרייבער איז געווען העכסט גערידהרט, איבערלעזענדיג, וואָס ער האָט אָנגעשריבען און ער האָט עטליכע מאָל אָבגעווישט א טרעהר. ער איז אָבער געווען צופריעדען: סוף־כל־סוף געפינט ער זיך, וואו ער בעלאַנגט, און זאָל עס זיין דורך בלוט און טרעהרען.

ער איז אוועק מיט'ן מאַנוסקריפּט צו זיין רעדאַקטאָר.

דער רעדאַקטאָר איז געווען דעם הומאָריסט'ס א „פּאַטריאָט“. ער איז אַלע מאָל געווען א שטאַרקער ליעבהאָבער פון וויץ און הומאָר, און ער האָט זיך אַלע מאָל אַליין געהאַלטען פאַר א ניט־אָנערקענטען הומאָריסט. ער איז געווען א שטרענגער רעדאַקטאָר און פלעגט פריהער גוט דורכשטודירען יעדען וואָרט, איידער עס איז אַריין אין זיין ציימונג. און אום בעסער צו פערדייהען, וואָס דער שרייבער זאָגט, פלעגט ער לייענען די

מאנוסקריפטען אין זיין פערמאכטען צימער, אבגעזונדערט, ניט געשטערט פון קיינעם. און איצט האט ער זיך פערמאכט אין זיין צימער און זיך גענומען לעזען, וואס דער הומאריסט האט איהם געבראכט. דער שרייבער איז געבליבען ווארטען אויף דער אנדערער זייט טיהר. ער איז געווען שטארק אונגעדולדיג. איהם האט זיך געוואלט וואס גיכער וויסען דעם רעדאקטאר'ס מיינונג וועגען זיין נייעם סארט ארבייט. ער האט זיך גיך דערוואָרט. אין עטליכע מינוט ארום האט ער דערהערט דעם רעדאקטאר'ס הילכיגען געלעכטער, וואס איז געווארען אלץ שטארקער און הארציגער. אין א ווייל ארום איז דער רעדאקטאר ארויסגעקומען פון זיין צימער, מיט די בעשריעבענע בלעטלעך אין האנד, מיט צושויבערטע האר, ווארים דער רעדאקטאר האט א טבע, בשעת ער לאכט שטארק, ארבייט ער מיט אלע פינגער אין די האר — און ארויפלעגענדיג זיין האנד ביים הומאריסט אויפ'ן פלייצע, האט ער געזאגט:

— איהר האט היינטיגס מאל זיך אליין איבערטראפען. ס'איז די שעהנסטע הומאריסטישע געשיכטע, וואס איך האב פאר א לאנגע, לאנגע צייט געלעזען. — — — — — — — — — — — — — —

און אז די מעשה האט זיך אבגעדרוקט, זיינען אנגעקומען אין רעדאקציע מאסען בריעף און קארטלעך, אין וועלכע די לעזער האבען אויסגעדריקט זייער הערצליכסטע דאנק צום הומאריסט פאר די פרעהליכע, לוסטיגע מינוטען, וואס ער האט זיי פערשאפט מיט זיין געשיכטע.

דער אַנגעכמורעטער אַלטינקער

דער קליינער פּאַרק איז געווען אָנגעפּילט מיט זונטאָג־געקליידעטע מענשען. דאָס רוב יונגע, אין פּאָרלעך. די בענק זיינען געווען בעזעצט און די דורכגענגע געדיכט מיט די שפּאַציערענדע. דער זונטאָג׳דיגער פּאַרנאַכט איז געווען יום־טוב׳דיג צושפּרייט איבער דעם פּאַרק און די מענשען. נור דער אַנגעכמורעטער אַלטינקער האָט זיך נעבעך געפיהלט גאָרנים יום־טוב׳דיג און ניט זונטאָגדיג.

עס איז געווען שטיקענד־וואַרעם, און דער אַלטינקער האָט אין זיך געפיהלט דעם אָנקומענדען רעגען. דער הוסט האָט איהם געשטיקט מעהר ווי געוועהנליך; זיינע רהומאַטיזנע קניע האָבען זיך שווער געבויגען און דעם קליינעם גוף זיינעם האָט ער געטראָגען בלייאַיג־שווער.

דער רעגען קומט — נור ער, דער אַלטינקער, ווייס נאָך ניט ביי זיך אויף זיכער, צי ער וויל דעם רעגען, צי ניט.

אין אַזאַ טאָג ווי היינט איז דער אַלטינקער שטאַרק אָנגעכמורעט, אויפגערייצט, בייז. עס איז זונטאָג, און דאָ זיצען און שפּאַצירען די פרעהליכע, די לוסטיגע — די יונגע... ער קען זיי ניט אָנקוקען... זיי ווירקען האַרב אויף זיינע נערוועז, זיי מאַכען איהם „קראַנק“...

ווייס ער נאָך דערווייל ניט, דער אַנגעכמורעטער אַלטינקער, ווי איהם ווילט זיך בעסער — צי ס׳זאָל אַרוים דער רעגען און פּערטרייבען זיי, די פרעהליכע, די לוסטיגע, פון פּאַרק — זיי מיט זייער פרעהליכקייט און געלעכטער — פערשטערען זייער שמחה — און איהם אַליין אויך אַריינטרייבען אין זיין דושנער, שטיקענדער הויז — צי דער רעגען זאָל זיך פערשפּעטיגען — פערציהען זיך —

ביז ער וועט שלאָפֿען געהן — און דערנאָך ערשט זאָל עס אַ גאַס טהאָן אויף זיי...

שלעפּט ער זיך, דער אַלטינקער, מיט'ן בלייענעם גוף אויף די רהומאַטיזנע קניע, איבער די אַלעען, און זוכט מיט די אויגען אין אַלע זייטען אַ שטיל, אָבגעזונדערט אָרט — כאָטש ניט אָנקוקען די פּנים'ער זייערע און ס'זאָל איהם אַזוי ניט גרילצען אין די אויערען זייער הצופה'דיג און חוצפּה'דיג לאַכען... ער וויל זיצען אַליין. ביחידות, מיט זיין שטיקענדען הוסט און די שווערעניש אויפ'ן ברוסט, מיט די מאַניענדע קניע. נאָר ער קען אַזאַ אָבגעזונדערט אָרט ניט געפינען. דער פּאַרק איז קליין, ניטאָ קיין אָבגעלעגטע ווינקעלער, ניטאָ קיינע בעהעלטעניסען. אומעטום איז פול מיט „זיי". וואָס ווייטער און טיעפער אין די בוימער און בערגלער — אַלץ ערגער — דאָרט ערשט לאַכט, הוליעט דאָס לעבען...

ער זוכט און געפינט ניט — ניטאָ פאַר איהם קיין אָרט.

ער איז מיעד און אָבגעשוואַכט. הערט ער אויף זוכען. וואָס וועט איהם העלפען דער זוכען? אומעטום איז פול מיט „זיי". די גאַנצע וועלט פערכאַפּען „זיי". גיט ער זיך אונטער און זוכט שוין כאָטש אַן אָרט צו זעצען זיך אויף דער ברייטער אַלעע, צווישען גרויסען עולם.

ער זעצט זיך אַוועק. ער רוהט אָבער ניט. ס'לאָזט איהם זיך ניט בערוהיגען. ער געפינט קיין אָרט ניט פאַר זיינע אויגען. אומעטום זעהען זיי, וואָס ער וויל ניט זעהן און קען ניט אָנקוקען — גרינגע, יונגע פיס הויבען זיך לייכט און לופטיג, און די רייד און געלעכטערס קומען אַרויס פון פרייע לונגען און גרינגע ברוסטען. ער זעהט זיי זיצענדיג אַנטקעגען איהם, זיי קומען אַן פון רעכטס און לינקס — אומעטום זיינען זיי פול, אַלע ערטער פערנעהמען זיי. עס קומען אַן און געהען איהם פאַרביי אויך געגנוג עלטערע, מיט מיעדע גופים, שווערע פיס און שטילען ריידען — נאָר דעם אַלטינקען אינטערעסירען איצט ניט דיעזע — ער וויל זיי ניט אָנקוקען און ער זעהט זיי איצט ניט. הערט ער אין גאַנצען אויף קוקען אויף זיינע „שונאים". ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און קוקט

אויף דער ערד, מיט בײדע הענד פערלעגט אויפ׳ן קאָפּ פון זײן שטעקען.

ער זיצט אַב עטליכע מינוט, און ער מײנט, אַז איהם איז שוין גרינגער; די שווערקײט אויפ׳ן ברוסט האָט איהם אַבגעלאָזט, די קניע לײכטער — דאָס דאַכט זיך איהם אַבער נור אַזוי; ער וויל זיך אײנרײדען, אַז ער קען שוין ווידער געהן זוכען אַ בעהעלטענים... ניט זיצען לענגער דאָ און אָנקוקען אנטקעגען זיך און זעהן אנקומענדיג פון בײדע זײטען די דאָזיגע, וועלכע ער וויל ניט אָנקוקען און קען זײ ניט זעהן און הערען.

הויבט ער זיך אויף און געהט ווײטער, און ער פיהלט, אַז איהם איז ניט בעסער און ניט גרינגער אײדער פריהער.

אין פּאַרק וועט אַלץ פינסטערער און פינסטערער. די נאַכט איז אָנגעקומען, וועט ער שוין באַלד גאַר געהן אַהײם, ווי ער טהוט עס אַלע טאָג. ער לעגט זיך פריה שלאָפען און שטעהט אויף מיט׳ן טאָג צוגלײך. ווערט ער שוין אויך זיכער בײ זיך, אַז ער וויל, אַז דער רעגען זאָל זיך שוין אַראָבלאָזען... גוט, זאָל אַ גאַנץ טהאָן אַ שטאַרקער רעגען און זײ אַלעמען צוטרײבען פון דאַנען... און דורכנעצען זײ... איבערפיהרען די קלײדער זײערע... ער וועט שוין מעהר קײן בעהעלטענים היינט ניט זוכען... מאָרגען איז מאָנטאָג, אוים יום־טוב; עס וועלען דאָ ניט זײן אַזעלכע הוליאַנקעס ווי היינט... ער וועט קומען דאָ באַלד בעגינען... זײ וועלען דאָ ניט זײן... איצט וועט ער געהן, איבערלאָזען די וועלט צו „זײ“. געפעהלט אים אַבער ניט דער אײנפאַל: אַוועקגעהן און איבערלאָזען צו „זײ“... ניין, דאָס וועט ער ניט טהאָן... וואָס פאַר אַ ווערדע האָבען זײ בײ איהם! ער לאַכט זיך פון זײ אוים... וואָס פאַר אַ ווערטה האָט זײער לאַכען און הוליען!... און ווי לאַנג וועט עס דען געדויערען!... ס׳איז דאָך גאָרניט... זײ ווײסען ניט, פערשטעהען ניט... ווי לאַנג וועט עס אָנהאַלטען, ווי לאַנג וועט עס נעהמען!... אײדער זײ וועלען זיך גוט אָנלאַכען, וועט שוין אַלעס זײן פאַרבײ... זאָלען זײ פרעגען בײ איהם, וועט ער זײ זאָגען, וועלען זײ ווימען, וועלען זײ לאַכען וועניגער... נאַראָנים! פוס־

טע קעפ! זיי מיינען, אז זיי גועלען אלע מאל אזוי לאכען... נאר דאס איז גוט... זאלען זיי זיך אליין אבנארען... רעכט אויף זיי! א וואהרער געלעכטער... איהם איז דאך איצט בעסער פון זיי... ער וויים אלץ... איהם קען מען ניט נארען... זיי זיינען נאריש און בלינד... זאלען זיי איהם אנבאטען זיך ביימען מיט זיי, וועט ער זיך אויסלאכען... ער וועט זיי אפילו ניט ענטפערען... ער וועט לאכען פון זיי. וואס וויסען זיי און וואס פאר א פנים האבען זיי!...

איהם ווילט זיך שמייכלען, לאכען פון זיי. ער האט זיין נקמה. און ער זעצט זיך אוועק אויף א באנק. ער איז זיי דאך ביינעקומען — ער איז דער זיעגער... אבער ניט אויף לאנג. ער ווערט באלד ווידער אנגעכמורעט. ער זעהט און הערט „זיי" אנטקעגען זיך, „זיי" קומען אז פון רעכטס און לינקס... און ער פיהלט, אז ז י י הערשען דא.

ער געהט אהיים און לעגט זיך אויף זיין געלעגער. ער שלאפט אלע מאל גיך איין. נאר איצט וויל ער זיין וואך. ער וויל הערען, ווי דער רעגען גיסט זיך אראב... און רעגענען זאל עס לאנג... לאנג... ביז שפעט, ביז א שטיק אין דער נאכט... אבער מארגען בעגינען זאל זיין טרוקען און שעהן.

די מאַכט פון נאַרישקייט

דזשאַו ראַבינאַוויטש איז אַ שטאַרקער ליעבהאָבער פון די ראָמאַנען, וואָס דרוקען זיך אין די אידישע צייטונגען. ער קויפט אַלע טאָג אַלע אידישע צייטונגען, שלינגט איין צוזאַמען מיט'ן סאַפּער אַלע „פאָרטזעצונגען", און נאָך סאַפּער זעצט ער זיך אַוועק אין זיין רום, מיט אַ גרויסער שער אין האַנד, שניידט אויס די „פאָרטזעצונגען" און פערפּאַקט זיי אין טראַנק. אַ גאַנצער אוצר פון דער דאָזיגער סחורה געפינט זיך שוין אין דזשאַו'ס טראַנק. די אַלטע, געענדיגטע ראָמאַנען זיינען פערפּאַקט אין אַ סך פּאַפּיער און אַרומגעבונדען מיט שטאַרקע שטריק; און אפילו די, וואָס האַלטען נאָך אין „געהן", זיינען אויך אַרומגעבונדען מיט שטריקלעך. יעדען אָבענד בינדט ער זיי אויף, גיט צו די היינטיגע „פאָרטזעצונג" און פערבינדט זיי צוריק. דער טראַנק איז בעוואַכט מיט צוויי שלעסער. איין שלאָס איז אַ געוועהנליכער, וואָס געפינט זיך אין יעדען טראַנק, און נאָך איינעם האָט ער אַליין צוגעפּיקסט, אַ הענגענדיגען, שווערען שלאָס, מיט שווערע אייזענס. און גאַנץ אָפט, פאַר'ן לעגען זיך שלאָפען, עפענט דזשאַו דעם טראַנק, און בעטראַכט זיין פערמעגען, און זיין האַרץ קוועלט פון נחת, און ער פערשליסט עס צוריק מיטביידע שלעסער.

און דער אוצר זיינער טאָר פון קיין פרעמדער האַנד ניט אַנגעריהרט ווערען אַהן זיין וויסען. און עס איז אייגענטליך גאָר קיין מעגליכקייט ניטאָ דערפאַר. ווי אַזוי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין? ערשטענס, די צוויי שלעסער; צווייטענס, האָט דזשאַו אַן אייזערנעם געזעץ אַנגענומען ביי זיך, אַז קיין איינער פון די ראָמאַנען, קיין איין „פאָרטזעצונג" אפילו, טאָר ניט אַרויסגעטראָגען ווערען פונ'ם הויז אונטער קיינע אומשטענדען; און אַ חוץ דעם,

איז דער דאָזיגער אוצר גלאַט אַ זיכערע זאַך: בעת די גנבים האָבען זיך דורכ'ן רוף און דורכ'ן פייער־עסקייפּ אַריינגעלאָזען אין הויז און האָבען אַרויסגע'גנב'עט וואָס זיי האָבען נאָר געקענט מיט־נעהמען, און האָבען אויפגעבראָכען ביידע שלעסער פון טראַנק און צוגענומען דזשאָו'ס רויטע ווינטערדיגע אונטערוועש, — האָבען זיי אָבער דזשאָו'ס אמת'ען פערמעגען אפילו ניט אָנגעריהרט.

נור דאָך, אַז אימיצער אין הויז געפינט חן אין דזשאָו'ס אויגען, קען ער ביסלעכווייז גענימען פון דזשאָו'ס טראַנק, אָבער טאַקע בלויז ביסלעכווייז. דזשאָו גיט אַרויס העכסטענס דריי „פּאַרט־זעצונגען" מיט אַמאָל און אַז ער קריגט עס צוריק אין „גוטען אָר־דער", אַהן אַ שפּרינקעלע, אַהן אַ קנייטשעלע, גיט ער נאָך דריי און אַזוי ווייטער, ביז דער מזל'דיגער ענדיגט דעם ראָמאַן.

איינע פון די דאָזיגע מזל'דיגע איז געווען גאָסי, די נייע באָר־דערקע, וועלכע האָט געשלאָפען אין פראָנט־רום אויף אַן אויפ־געשטעלטער בעטעל. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט, אַז אויך זי איז שטאַרק פערכאַפּט מיט דער זעלביגער שוואַכקייט וואָס דזשאָו, און זי קען זיך גאָרניט אָנזעטיגען מיט „פּאַרטזעצונגען". און דאָ האָט זיך פאַר איהר געעפענט אַן אמת'ער „קלאָנדייק" אין דער געשטאַלט פון דזשאָו'ס טראַנק. גאָסי איז געווען אַ גאַנץ וואוילע מיידעל, קיין מיאוס'ע אויך ניט, און דאָס, צוזאַמען מיט דער גייסטיגער עהנליכקייט פון באָרדער און באָרדערקע האָט גע־שאַפען אַ נאָהענטע פריינדשאַפט צווישען זיי, ניט מיט גראָבע, פיזישע אינטערעסען, נאָר אַ פריינדשאַפט פון אַ העכערען סאָרט, אַ פיינע, ערדלע נאָהענטקייט, אַ נשמה־פערוואַנדשאַפט. דער אייזערנער געזעץ אָבער איז געבליבען אין קראַפט, ווי געווען, — מעהר ווי דריי פּאַרטזעצונגען מיט אַמאָל גיט דזשאָו ניט אַרויס אפילו גאָסי'ן. ביים אָבנעהמען, בעקוקט ער מיט גרויס פּאַרזיכ־טיגקייט, אויב עס געפינט זיך, חס ושלום, ניט אַ שפּרינקעלע אָדער אַ קנייטשעלע, און ביים אַרויסגעבען די נייע דריי, זאָגט ער שטרענג אַז, זי זאָל היטען, זי זאָל אַכטונג געבען, אויב זי וויל קריגען אַנדערע.

נו, אפילו צווישען די בעסטע און נאָהענטסטע פריינד פּאַסירט עס, אז מען צואווערטעלט זיך און מען ווערט ברוגז, און אזוי האָט אויך פּאַסירט ביי די צוויי גייסטיגע פריינד. מען איז ברוגז געוואָרען און מען האָט אויפגעהערט ריידען, און די ליטעראַרישע פערהאַנדלונגען זיינען אָבגעבראָכען געוואָרען. זיי האָבען זיך ניט געקריעגט און ניט געזידעלט און קיין וויכטיגע אורזאַכע פאַר זייער ברוגז איז אייגענטליך ניט געווען. גאָסי איז אָבער געווען א שטאָלצע נאַטור, און טאָמער האָט זיך איהר נור אָבגעדוכט, אז דזשאָו האָט מיט עפּעס נור זיך פערזינדיגט געגען איהר, איז דאָס שוין גענוג געווען צו ווערען מיט איהם אוים חבר. דזשאָו איז אויך ניט געווען קיין געפּאַלענער ביי זיך, און בעטען זיך ביי איהר וועט ער ניט. וועט זי ריידען צו איהם, וועט ער איהר ענטפערען און איהר געבען עטליכע פּאַרטזעצונגען; וויל זי ניט — דאַרף מען ניט.

און גראָד האָט דער ברוגז אריינגעטראָטען אין א העכסט אונגינסטיגער צייט פאַר גאָסי'ן — אין די סאַמע רעכטע געדיכטע פון א שרעקליכען ראָמאַן. דאָס איז געווען פּונקט ביי דער פּאָרטזעצונג, ווען דער „שוואַרצער גראַף" האָט אויף א העכסט נידערטרעכטיגען אופן פערנאַרט פריילין בערעניקא אין וואַלד, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מאַנאַטען־לאַנג נאָכגעיאָגט נאָך איהר „עהרע" דורך בערג און טהאָלען און זומפּען און האָט איהר אַלץ ניט געקענט אריינקריגען אין זיינע הענד. און געענדיגט האָט זיך די פּאָרטזעצונג מיט דער סצענע, ווי דער שוואַרצער גראַף שטעהט איבער דער ציטערענדער בערעניקא מיט א חלף אין האַנד און ער גיט איהר צוויי מינוט זיך מיישב צו זיין: אָדער זי לאָזט איהם „רויבען איהר עהרע מיט גוטען", אָדער ער קוילעט איהר, אזוי ווי מען קוילעט א „שאָף" — אָט אזוי האָט די פּאָרטזעצונג איבערגעלאָזט גאָסי'ן בשעת זי איז ברוגז געוואָרען מיט דזשאָו'ן. טיעף און שטאַרק איז געווען גאָסי'ס סימפּאַטיע און מיטלייד מיט בערעניקאַ'ן און נאָך טיעפער און נאָך שטאַרקער איז געווען איהר האַס און פעראַכטונג צום שוואַרצען גראַף. און זי האָט געהאַפּט

אז אויך אין דעם איצטיגען טראגישען מאמענט וועט עפעס פאַסירען, וואס וועט ארויסראטעווען בערעניקא'ן פון איהר פערפאלגער, ווי דאס האט פאסירט אין די פריהערדיגע פארטזעצונגען — אבער ווי אזוי וועט דאס זיין? ווער וועט איהר איצט קומען צו הילף? וואס פאר א מין נס וועט איצט פאסירען, און — ווער וויים? — אפשר וועט ער טאקע איצט אויספיהרען זיין נידערטרעכטיגען פערלאנג, און זי, גאסי, וועט גאר ניט זיין דערביי... דאס איז צופיעל פאר גאסי'ס כחות... און גאסי האט געליטען, געליטען און געשוויגען. דורכ'ן טאג איז נאך ניט געווען אזוי שלעכט. איהר געדאנק איז געווען פערנומען מיט דער ארבייט, דער טומעל פון די מאשינען האט ניט געלאזט איהר מח צולאנג פערנעהמען יך מיט דעם שווארצען גראף און בערעניקא'ן דארטען אין וואלד. אבער ביי נאכט, אויף דער אויפגעשטעלטער בעטעל אין פראנט־רום, פלעגט זיך איהר פאנטאזיע ריכטיג צושפיעלען און זי האט געזעהן דעם אויסוואורף מיט דעם חלף איבער זיין קרבן... זי האט איהם ריכטיג געזעהן, אין זיין גאנצער ווילדער געשטאלט... און זי האט געזעהן בערעניקא'ן, מיט די גאלדענע האר און די גרויסע בלויע אויגען און די ליפען, ווי קארשען, און דעם שטערען, ווי אלבאסטער... וואס קומט דארט איצט פאר אין וואלד... וואס טהוט זיך דארט — ווער וועט אויספיהרען... מיט וואס וועט זיך דאס ענדיגען... ווי אזוי וועט דאס זיין?... און ענדליך איז געקומען דער קריזיס, און גאסי האט זיך געפיהלט אין ניט קיין פיעל בעסערער לאגע, ווי דארט אין וואלד בערעניקא... אין דערזעלבער צייט האט גאסי אבער געוואוסט, אז זי קען זיך ראטעווען... די רעטונג איז ניט ווייט פון איהר — אין דזשאו'ס טראנק; זי דארף נור בעטען, און זי איז געראטעוועט; און בערעניקא, קען זיין, איז אויך געראטעוועט...

דער זייגער האט שוין געהאט אבגעשלאגען צוועלף. אלע אין הויז האבען שוין געשלאפען, נאר איין גאסי קען ניט איינשלאפען, און זי פיהלט, און זי איז זיכער, אז זי וועט היינט ניט איינשלאפען, זי מוז היינט נאך וויסען, ווי די געשיכטע דארט

אין וואלד האט זיך געענדיגט... א פוס איהרע האט זיך אראבגע־רוקט פון בעטעל... און זי האט זיך איצט ארומגעזעהן, אז דזשאו האט איהר אייגענטליך גארניט געטהאן... וואס האט ער איהר אזוינס געזאגט? אנדערע ריידען א סך ערגערע רייד... איהר צווייטע פוס איז ארויס פון בעט... זי וויים נאך ניט, מארגען אפשר וועט זי טאקע ניט ריידען מיט איהם... זי האט גענומען אויף זיך די קימאנא... זי איז צוגעגאנגען צו דזשאו'ס רום — פינס־טער. זי האט שטיל אנגעקלאפט.

— ווער איז? — האט דזשאו געפרעגט פון רום, אביסעלע איבערגעשראקען.

— דאס בין איך.

— גאסי?

— יעס, איך. פליעז, גיט מיר א פאר פארטזעצונגען פון „שווארצען גראף".

מיט א קלאפענדען הארץ האט גאסי געהערט, ווי דזשאו רייבט א שוועבעלע, און איהר איז געווארען פרעהלאך אויפ'ן הארצען, אז אין רום איז ליכטיג געווארען. ביידע שלעסער פון טראנק האבען זיך געעפענט. אין א פאר מינוט ארום האט דזשאו ארויסגעשטעלט די האנד מיט דריי פארטזעצונגען דורך דער קוים געעפענטער טיהר.

— אלל־רייט, גוד־נייט!

— איהר זאלט גוט אבהיטען — האט ער געזאגט.

זי האט אנגעצונדען די גאז אין קיטשען און זיך אוועקגעזעצט שלינגען די פארטזעצונגען.

„פלאַכנע“

1

גאַר זעלטען האָט איהם אימיצער אָנגערופען מיט זיין אמת'ן נאָמען: לואי, אדער גרינבערג. אין די אויגען און אונטער די אויגען האָט מען איהם שטענדיג גערופען מיט דעם צונאָמען „פלאַכנע“. וואָס דער דאָזיגער וואָרט מיינט אַזוינס, האָט זיך קיינער ניט געזוכט צו ערקלעהרען, און מ'האָט אויך ניט געוואוסט, פון וואַנען דער וואָרט שטאַמט, ווער עס האָט איהם אויסגע־קלעהרט און ווי אַזוי ער איז צוגעטשעפּעט געוואָרען צו לואי גרינבערג. געפיהלט האָט מען אָבער, אַז דער נאָמען איז פּונקט אָנגעמאָסטען פאַר איהם. לואי'ס גאַנצע „מענשעשקייט“, זיין שטעל, זיין בענעהמען זיך איז געווען אַזוי צוקראַכען, אָהן כח, אָהן טעם, אָהן זאַלץ און אָהן לעבען, ווי דער וואָרט „פלאַכנע“.

ער איז גראָד געווען ניט קיין שלעכטער פערדיענער, אַלס קאַטער ביי „ווהייט־גודס“, און ער איז געווען ניט קיין מיאוס'ער יונגערמאַן: גלייך אָבגעוואַקסען, זיין פּנים איז געווען טונקעל־שעהן, אָבער לאָקרעצדיג נאַריש, און אין גאַנצען איז ער געווען אָהן אַ ברעקעל לעבען אין זיך, אָהן אַ רוקען־ביין, ווייך ווי אַ קאַשע, אָהן שום ווידערשטאַנד. מ'האָט זיך געוויצעלט און געטריבען שפּאַס אויף זיין חשבון, און ער האָט אויף דעם אַלץ געענטפערט מיט דעם געוויסען שמייכעל זיינעם — ניט אַ פילאָזאָפישען שמיי־כעל, צי אַ שמייכעל פון פעראַכטונג, נאַר גלאַט אַזוי אַ שמייכעל, וואָס מיינט גאָרניט — אַ בהמה'שען שמייכעל. און ער פלעגט לאַכען פון אַלע נאַרישע וויצען, פון אַזעלכע וויצען, וואָס אַלע און ער אַליין האָט זיי שוין געהערט אפשר הונדערט מאָל, נאַר „פלאַכ־

נע“ פלעגט אַנקוועלען, לאַכען מיט גרויס התפעלות יעדען מאָל, ווען מ׳האָט איהם דעם וויץ דערצעהלט. די אַרומיגע פלעגען זיך שוין דורכווינקען צווישען זיך, און איינער פלעגט אָנהויבען דערצעהלען פלאַכנע׳ן די געוויסע וויצען — און פלאַכנע לאַכט.

גערעדט האָט פלאַכנע ווייניג; ווייל ניט ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגען און ניט ס׳האָט זיך געפונען אימיצער וואָס זאָל איהם וועלען אויסהערען. אַז „ערנסט ווארט“ האָט מען מיט איהם ניט אויסגערעדט — ס׳איז ניט געווען „מיט וועמען“. אפילו בע־קאַנטע מיידלעך האָבען זיך צו איהם ניט געקלעפּט, האָבען פאַר איהם קיין „יוז“ ניט געהאַט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ גוטער פערדיענער, געווען אַ שעהנער יונגערמאַן און ניט געקענט עפּענען אַ מויל, „די נשמה קען מען ביי איהם צונעהמען“, און מ׳האָט ממש געזעהן מיט די אויגען, אַז אַ ווייב וועט לעבען פאַר איהם „גליקליך“. און חתונה האָבען האָט פלאַכנע דוקא גע־וואָלט און ער האָט ניט שטאַרק געקליבען, ווען עס וואָלט זיך עפּעס געמאַכט — ס׳האָט זיך אָבער ניט געפונען איינע, וואָס זאָל וועלען ווערען אַ נאָהענטע צו פלאַכנע׳ן. גאָר זעלטען האָט געטראָפען, אַז אַ מיידעל האָט בשתיקה געמאַכט מיט איהם אַ „דייט“, אויסגעהיט זיך, אַז קיינער זאָל ניט וויסען — האָט זי פון איהם אַרויסגעקראָגען אַ „בראָדוויי־שאו“, אַ סאַפּער אין אַ „סוועל“ רעסטאָראַן און דעם גרעסטען באָקס „האַילער׳ס“ וואָס זי האָט נור געקענט אויסקלייבען אין אַן אייז־קרים פּאַרלאָר; געגען „אַ פּאָר גלאָווס“ האָט זיך פלאַכנע אויך ניט געשטעלט, ווען זי האָט איהם נור געגעבען די מינדעסטע אָנצוהערענים... אָבער קיין איבריגס גרויס נחת האָט די מיידעל ניט געהאַט פון דעם אָבענד. זי האָט דאָך געוואוסט ביי זיך, אַז זי געהט מיט פלאַכנע׳ן, און ס׳האָט זיך איהר אויסגע־דוכט, אַז אַלע מענשען אין קאַר, אין טהעאַטער, אין רעסטאָראַן, אין אייז־קרים פּאַרלאָר קוקען אויף דעם בהמה׳שען שמייכעל זיי־נעם און זיי ווייסען, אַז זי „געהט אויס“ מיט פלאַכנע׳ן, און אַלע ווילען האָט זיך איהר אויסגעדוכט: אַט־אַט טרעפען זי אַן אַ בעקאַנטען...

פלאכנע איז אבער חס־ושלום ניט פערזעסען געווארען. ס'האט זיך געפונען א בעלן אויך אויף איהם.

2

א ווייב האט פלאכנע געקראגען, ווי עס פאסט זיך פאר א שעהנעם, שווארצליכען יונגענמאן פון עטליכע און צוואנציג יאהר „אהן א גאל". זי איז געווען מיט עטליכע יאהר עלטער פון איהם, א געוועזענע בלאנדינקע, מיט שיטערע, אבגעבליאקירטע האר, פונ'ם קאליר פון פאר־א־יאהריגען שטרוי, מיט ווייסע ברעמען, און קנאפע הונדערט פונט אין וואג. ס'האט זיך אויסגעדראכט, קוקענדיג אויף איהר, אז זי האלט זיך צוזאמען אויף נסים — אין גאנצען איז זי געוועזען אויפגעבויט פון שפיציגע קנעכלעך, און מ'האט אלץ געמיינט, אז די דאזיגע געלע, דורכזיכטיגע קנעכלעך וועלען זיך באלד דורכשפארען דורכ'ן הויט און זיך צושיטען.

אבער דערפאר די מויל! מען האט אויף איהר געזאגט, אז זי לעבט פון ריידען, די מויל איהרע האלט איהר אויף די פיס. איהר מויל איז גראד געווען א פיצינקע, א דינינקע, נאר מיט א געוואלדיגען כח אין זיך. די גאנצע מאס זאלץ און פעפער וואס האט געפעהלט פלאכנע'ן, און נאך אריבער דער מאס, האט זי גע־האט אין איהר מויל. און אזוי ווי פלאכנע האט אלע מאל געהאט אויף זיך א שמייכעל, אזוי האט מען אויף איהר קיינמאל קיין „פרייע מינע" ניט געזעהן.

קיין בעסערע צוגעפאסטע פאר, ווי פלאכנע און בעסי, האט מען זיך גארניט געקענט פארשטעלען.

וועגען דעם שדוך האט מען געזאגט פערשיעדענע מיינונגען. מ'האט געוואלט האבען, אז בעסי האט גענומען פלאכנע'ן דערפאר, ווייל זי האט קיין אנדערען ניט געקענט קריגען. זי האט שוין גע־נוג געווארט. און וואו וועט זי נעהמען א בעסערען? אנדערע, ווידער, האבען געזאגט, אז זי האט גענומען פלאכנע'ן טאקע נור צוליעב דעם, וואס ער איז פלאכנע: זי וועט קענען טהאן מיט איהם, וואס זי וועט אליין וועלען; זי וועט מאכען פון איהם,

וואס איהר הארץ וועט נור גלוסטען; ער וועט ציטערען פאר איהר קוק, פאר איהר מויל. גערעכט זיינען געווען ביידע מיינונגען: זי האט קיין פיעל בעסערען פון פלאכנע'ן ניט געקענט קריגען, און פלאכנע איז געווען פאר איהר ווי אנגעמאסטען — קיין גלייבערע פאר איז קיינמאל ניט געווען.

און גענומען צו פלאכנע'ן האט זי זיך נאך א רעכטע ווײלע פאר דער חתונה — אזוי גיך ווי זי האט ריכטיג דערזעהן, מיט וועמען זי האט צו טהאן. מ'האט אויך געקענט גלויבען, אז איינער, א שטארקערער פון פלאכנע'ן, וואלט ניט געקענט לאנג אויסהאלטען געגען איהר זאלץ און פעפערדיגער מויל און געגען איהר „טעמפער“. פלאכנע איז אבער גיך אין גאנצען איינגעפאלען. טאמער האט ער די מינדעסטע קלייניגקייט ניט געטהאן אזוי גיך, אדער אקוראט, ווי זי האט געהייסען, אדער איהר האט זיך דאס אזוי אבגעדוכט, האט זיך אנגעהויבען שיטען פון איהר מויל פריהער זאלץ און פעפער, דערנאך פעך און שוועבעל. אבער, מארגע, ס'האט ניט אויסגעהאלטען ריכטיג ביז'ן סוף. מ'האט געקענט מיינען, אז זי וועט איהם באלד צורייסען, צופליקען, דא וועט פון איהם גארניט איבערבלייבען, און אויסלאזען פלעגט זיך דער גאנצער שטורם מיט א רחמנות'דיגען געוויין און מיט א סטראשונאק, אז זי וועט זיך מאכען דעם טויט, און זיינע שווערע מאנסבילשע גליעדער פלעגען מיטציטערען מיט איהרע שפיציגע קנעכלעך.

פלאכנע פלעגט זיך אין אזעלכע מאמענטען טרייסלען פון שרעק און מורא. ער האט זיך געשראקען — אט פאלט זי אויף איהם ארויף מיט די נעגעל און קנעכלעך, און וואס וועט ער טהאן — ער וועט זיך דאך געגען איהר ניט ווערען!... און דערנאך האט ער מורא געהאט פאר איהר סטראשונאק, אז זי וועט זיך מאכען דעם טויט. ער האט שוין געגוג מאל געזעהן, אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען, ווארים אנשטאט מאכען זיך דעם טויט, פלעגען זיי גאר אוועקגעהן צו מואווינג־פיקטשורס אדער אין אייז־קרים פארלאר, נאר דאך האט ער יעדען מאל געציטערט: אט נעמהט

זי און דער'הרג'עט זיך, און עס וועט זיין פערפאלען — ער וועט זיך דאך ניט שטעלען איהר אנטקעגען, אז זי וויל אזוי!... און יערען מאל פלעגט ער פערגעסען, אז זי האט פיינט צו הערען איהם ריידען, און ער פלעגט אנהויבען ביי איהר זיך בעטען:

— בעסעלע, בעסינקע, הער אויף, וואס דארפסטו זיך אומזיסט עסען... ס'איז דאך איצט פינף־און־צוואנציג צו אכט. כ'האב זיך פערשפעטיגט אין פינף מינוט...

— שווייג! כ'האב דיר אנגעזאגט האלב נאך זיעבען! פארוואס ביזטו ניט געקומען? שווייג!...

— כ'האב ניט געקענט. כ'האב זיך פערשפעטיגט... מיר'ן נאך קענען זעהן אלע מואווינג־פיקטשורס...

— שווייג און רייד ניט צו מיר!... כ'קען ניט הערען!... כ'האב דיר אנגעזאגט האלב נאך זיעבען! לאזט ער מיר זיצען און ווארטען אויף איהם, און איך ווארט!... געה אוועק פון מיר מיט דיין שמייכעל, כ'קען ניט אנקוקען! און איך מוז אויף איהם ווארטען! שווייג!...

און צוליעב אזעלכע קליינינקייטען און נארישקייטען פלעגען זיך ביי איהר צוטרייסלען אלע טרוקענע קנעכלעך, און זי פלעגט ריידען און ריידען און ניט לאזען איהם ארויסברענגען קיין ווארט, און יאגען פון זיך איהם מיט זיין שמייכעל, און דערנאך — א העבּצרייסענדער געוויין מיט א סטראשונאק, אז זי וועט זיך מאכען דעם טויט; און אויסגעלאזען האט זיך דאס מיט מואווינג־פיקטשורס, צי אין רעסטאראן, צי גאר אין גרענד סטריט איבער די ווייבערשע סטארס.

מיט דער צייט האט זיך פלאכנע אויסגעלערענט ווי צו בענעהמען זיך, ניט פרובירען זיך פערענטפערען — פלעגט ער געדולדיג שווייגען, זיך מאטערען צו פערקוועטשען אין זיך דעם בהמה'שען שמייכעל זיינעם און ווארטען, זי זאל שוין אנהויבען וויינען און זאגען איהם, אז זי געהט מאכען זיך דעם טויט.

3

אַ רעכטע ווײַלע פאַר דער חתונה האָט פלאַכנע פערלאָרען די אײנציגע שטיקעל „גײסטיגע באַגאַזש" וואָס ער האָט פערמאָגט — דעם שמייכעל זײַנעם. גאַנצע טעג פלעגט ער אַבשטעהן אַ דערשלאַגענער, אַן אַנגעשראָקענער און נור קלעהרען וואָס צו טהאָן, ווי צו בענהמען זיך, אַז בעסי זאָל איהם לאָזען צורוה און זײַן „גוט" צו איהם. אַלע מאָל האָט זי שוין עפּעס געפונען — וואָרים ס'איז דאָך געווען געגנוג ביי פלאַכנע'ן, וואָס מ'האָט געקענט „קריטיקירען". און האָט זי אַזוי גיך עפּעס ניט געפונען, האָט זי אַליין צוגעטראַכט אַ פּריטשעפּקע, אַבי דער אָבענד זאָל חס־ושלום ניט אַבלויפען גאָר גלאַטלעך... און עס פּאַסירט נאָר, אַז פלאַכנע פערגעסט זיך און ער פאַלט איהר אַריין אין די רייד מיט אַ „בעסעלע, בעסינקע" און דעם שמייכעל זײַנעם, פון וואָס זי ווערט נאָך מעהר אַנגעצונדען. און אין אַלגעמיין האָט זי זיך מיט איהם אויפגעפיהרט, ווי ס'וואָלט שוין געווען נאָך דער חתונה. זי האָט ביי איהם צוגענומען די גאַנצע „פּעי" אין פערקלעפּטען קאָנווערטעל, און אויסגערעכענט איהם, צוגעצעהלט יעדען סענט, און געהאַט די גאַנצע דעה אין זײַנע „אינערליכע" אַנגעלעגענהייטען: ווי אַזוי ער זאָל זיך אַנטהאָן, וויפיעל ער זאָל אויסגעבען אויף שיך און אויף אַ נעקטיי, וויפיעל ביי איהם זאָל אַוועקגעהן אויף „לאַנטש" און רויכערען און אַנדערע קלײניגקײטען; אַוועקגעלעגט יעדע וואָך עטליכע דאָלאַר אין די בענק אויף איהר נאָמען; גענומען ביי איהם חשבון, וואָס ער טהוט מיט יעדע מינוט, בשעת ער איז ניט ביי דער אַרבייט, און פערווייזנט איהם די קאָפּ, פאַרוואָס ער זעהט ניט צו פערדיענען אַ ביסעל מעהר אין אַזאַ יקרות.

פלאַכנע אַליין האָט זיך געפיהלט און אויך אויסגעזעהן ווי אַ חתונה־געהאַטער. ער האָט ניט מעהר אַזוי געגאַרט, אַז דער טאָג זאָל זיך ענדיגען און ער זאָל געהן אַהיים... און איהם האָט ניט געאַרט, אַז די שיך זײַנע האָבען ניט אַזאַ שאַרפען „שײַן"

אויף זיך און אז דער קאַלער איז ניט אַזוי ווייס און דער נעקטאַי ניט ניי. ס'איז איהם ניט געלעגען מעהר אין זינען אַזעלכע ניט־וויכטיגקייטען... זאָל זי נור זיין אביסעלע בעסער — מעהר פערלאַנגט ער גאָרניט. נאָר אויך אויף דעם האָט ער געהאָט אַ גאַנץ שוואַכע האָפנונג. און קיינמאָל איז איהם אפילו ניט איינגעפאַלען, אַז ער איז נאָך ניט קיין פערפאַלענער — ער קען זיך נאָך ראַטעווען, מאַכען אויס שדוך — ער איז דאָך נאָך ניט געשטאַנען מיט איהר אונטער דער חופה... און וואָלט איהם דאָס יאָ איינגעפאַלען, וואָלט ער זיך געוויס דערשראָקען פאַר זיך אַליין און מורא געהאַט צו טראַכטען וועגען דעם.

4

איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז נאָך דער חתונה האָט זיך פלאַכנע'ן ניט געלעבט פיעל ערגער, ווי פאַר דער חתונה. און ס'איז אויף איהם גאָרניט קענטיג געווען, אַז ס'איז שוין נאָך אַלעמען. קליינע ניט־וויכטיגקייטען בלויז האָבען איהם געוויזען, אַז בעסי איז שוין זיין ווייב און ער וואוינט ביי זיך אין דער היים. קורמענדיג פון דער אַרבייט פלעגט ער אָפט טרעפען די הויז פינסטער און קיינער איז ניטאָ. און ער פלעגט זיך אַליין מוזען אונטערהייצען דעם סאַפּער און זיך „אַליין נעהמען". און אַמאָל אויך אַ צעטעלע, ער זאָל זיך קויפען עפּעס אין גראָסערי אויף סאַפּער אָהן געלד, און זאָגען אַז ס'איז פאַר מיסעס גרינבערג — ווייל זי, די ווייב, האָט קיין צייט ניט געהאַט צו קאָכען; זי האָט געמוזט ערגעץ צוגעהן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט דערבעטען ביי איהר, זי זאָל איהם מאַכען די געריכטען וואָס ער פלעגט עסען בחור־ווייז, ווי, למשל, „פרענטש פראַיד פּאָטייטאָס", וואָס קומט געשניטען כמעט ווי לאָקשען, אָדער געבען איהם געהאַקטען לעבער, וואָס ער פלעגט פריהער עסען אַלע טאָג און ער האָט אָהן דעם גאָרניט געקענט לעבען. בעסי פלעגט זיך פון איהם פּשוט אויסלאַכען, זאָגען איהם, אַז זי האָט פיינד זיך צו פּאַטשקען מיט אַזעלכע זאַכען און אַז ער זאָל זיך פרעהען מיט דעם, וואָס ער

קריגט, און ער זאָל איהר ניט דערמאָנען וועגען די זאַכען, ווייל זי קען דאָס ניט הערען. ווייטער איז איהם צוגעקומען א ניט שווער שטיקעל ארבייט, פון וואָס ער האָט פאַר דער חתונה ניט גע־וואוסט: פאַר'ן אוועקגעהן פון הויז פלעגט ער איהר דערלאַנגען אין בעט אריין אַ גלאָז קאַקאָ מיט אַ פּאָר ראָלס מיט פּוטער, און געמוזט געהן עטליכע מאָל הין און צוריק, ביז ער האָט איהר צוגע־טראָפען מיט דער הייסקייט פון דער קאַקאָ.

אחוץ די אויסגערעכענטע קלייניגקייטען, איז אלעס געגאַנ־גען כשורה, ווי פאַר דער חתונה; מ'קען זאָגען, ס'איז געגאַנגען צום בעסערען: זי האָט אַלץ זעלטענער און זעלטענער אויף איהם געשריען און ניט אריינגעפאַלען אין „טעמפּער“; זי האָט אין גאַנצען וועניגער מיט איהם גערעדט און פערבראַכט — וואָס, ווירקליך, האָט זי געהאַט מיט איהם צו ריידען?... און זי האָט איהם ניט נאָכגעקוקט און אויף איהם ניט געזעהן און ניט געוואָלט זעהן עפּעס, וואָס זי זאָל זיך דארפען נעהמען צום הארצען—אַ דאגה איהרע! און צו מואווינג־פּיקטשורס האָט זי איהם אויך מעהר ניט גענומען — זי איז געגאַנגען אַדער אליין, אַדער מיט אַ חבר'טע. האָבען זיי זיך, קען מען דאָס אַנרופען, געלעבט אַ גאַנץ פיינעם פערהייראַטען לעבען.

5

און ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען פלאַבנע איז געוואָרען שטאַרק. האָט דערפיהלט דעם מענש אין זיך, דעם „מאַן“. געקומען דערצו איז ער, ווי געוועהנליך, דורך צרות.

עס האָט זיך געיאָוועט אין הויז אַ קאָנקורענט. געווען איז ער בעסי'ס אַן אַלטער בעקאַנטער פון די יונגע יאָהרען, און ער האָט די לעצטע צייטען געוואוינט אין אַן אַנדער שטאָדט. איצט האָט ער זיך מיט איהר ווידער געטראָפען, און געפינענדיג איהר אַ יונגע ווייבעל — און מיט וואָס פאַר אַ מאַן! — האָט זיך די אַלטע פריינדשאַפט צוברענט אויף ניי, און נאָך שטאַרקער. און ער האָט גענומען אריינקומען אָפט אין הויז. ער איז געווען אַ

מאַן ניט קיין יונגער, די גראָבע וואָנצעס זיינע האָבען געהאַט אין זיך אַ היבש ביסעל גרויע פעדים; דערפאַר איז ער אָבער גע־ווען גאַנץ לעבעדיג, מיט'ן גאַנצען אַמאָליגען געפיהל פאַר אי־מיצענס אַ ווייב; און פלאַכנע אַנטקעגען איהם האָט טאַקע ריכטיג אויסגעזעהן ווי אַ טויטער געגען אַ לעבעדיגען. דערצו איז ער גראָד איצט געווען „אַ מענש אַליין" — האָט זיך די אַלטע פריינדשאַפט זייערע אריינגעאַרבייט אין אַ ליעבע.

וואָס אין הויז איז פאָרגעקומען ביי טאָג, האָט פלאַכנע ניט געוואוסט, און קיין אַנדער זייטיגער מענש אויך ניט. נאָר אפילו אין אָבענד, ווען דער באַלעבאָס, פלאַכנע, איז געווען אין הויז, האָט מען זיך אויך ניט איבעריג פיעל צערעמאָניעט. בשעת פלאַכנע פלעגט עסען סאַפּער אין קיטשען, איז זיך בעסי מיט איהר פריינד געזעסען אין פינסטערען פראָנט־רום, און פלאַכנע האָט שוין אַליין פערשטאַנען, אַז נאָכ'ן עסען דאַרף ער פערבלייבען זיצען אין קיטשען. דערנאָך, אַז זיי האָבען שוין געהאַט גענוג דאָרט אין פראָנט־רום, פלעגען זיי אַראָבגעהן אַביסעל אין סטריט, אָהן אַ גוד־נאַיט אָדער אַ גוט־באַי צו פלאַכנע'ן, — אַזוי ווי ער וואָלט דאָ גאָרניט געווען. זיי פלעגען אפילו ניט אַ קוק טהאָן צו איהם אין קיטשען דורכגעהענדיג. האָט דאָס איהם פערדראָ־סען, ס'האָט איהם ניט געלאָזט רוהען, און ער האָט זיך איינגע־שטעלט און געפרעגט ביי זיין ווייב פאַר'ן שלאָפען געהן, ווער דער מאַן איז און וואָס ער דאַרף, האָט זי אויף איהם אַ קוק געטהאָן איבערראַשט, ווי איינער וואָלט זאָגען: וואָס איז דאָס?! און געענטפערט איהם:

— אַליין קענסטו ניט זעהן? אַ מענש מיט הענד און מיט פיס.

— ווער איז ער? — האָט זיך פלאַכנע שוין ווייטער איינגע־שטעלט — וואָס דאַרף ער? איך וויל וויסען.

— ס'איז ניטאָ וואָס צו וויסען! ער טשעפּעט דיר ניט, טשעפּע דו איהם ניט. לעג זיך שלאָפען און שלאָף.

און אַז פלאַכנע האָט געוואָלט ווייטער ריידען און פרעגען,

האָט ער אויף איהר דערזעהן, ווי ס'הויבט זיך אָן אויפשפּיעלען דער אַלטער שטורם, וואָס פלעגט זיך ענדיגען מיט אַ געוויין און מיט מאַכען זיך דעם טויט. און דאָס איז שוין גענוג געוועזען פאַר איהם צו בלייבען שטיל. אַבער אין הארצען ביי איהם האָט זיך ניט געלאָזט שטילען. ער האָט זיך געפּיהלט געקרענקט און ערנידריגט. און גאַנצע טעג האָט ער געפּיהלט, ווי עס קאָכט אינ־ווענינ אין איהם און עס רייצט זיך מיט איהם און שטעכט איהם... אַלץ האָט ער איהר נאָכגעגעבען און פערשוויגען, אַבער דאָס קען ער ניט... ער וועט דאָס ניט לאָזען ווייטער געהן, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ערגער ווי עס איז קען דאָך שוין ניט ווערען... וועט ער ניט שווייגען און מאַכען אַ סוף... ער ברענגט אַלע וואָך די געלד, ער גיט איהר אַלץ, און ס'איז זיין הויז... זי איז זיין ווייב... וואָס קען איהם שוין זיין ערגער, אַז ס'קומט אַ פרעמדער מאַן און זיי זיצען אַב שעה'ן און געהען דערנאָך אַוועק, און ער איז ביי זיי גאָרניט, ביי איהר, ביי זיין אייגענער ווייב איז ער גאָרניט... און זי וויל איהם אפילו ניט ענטפערען, אַז ער פרעגט... ער וועט ניט שווייגען! — וואָס האָט ער אַנצואווערען?...

אַזוי פלעגט פלאַכנע טראַכטען, זייענדיג ווייט פון זיין ווייב, אַבער קומענדיג אַהיים פלעגט ער בלייבען דערזעלביגער פלאַכנע און נאָך דערצו מורא האָבען, טאָמער דערקענט זי אויף איהם וואָס ער האָט דעם גאַנצען טאָג געטראַכט.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט און די לאַגע האָט זיך ניט געבעסערט. און איין טאָג איז פלאַכנע געוואָרען שטאַרק. — ער האָט שוין מעהר ניט געקענט שווייגען, און ער איז געגאַנגען פון אַבענד אַהיים פול מיט שטאַרקען בעשלוס, אַז היינט וועט ער מאַכען אַ סוף. ער וועט אַריינקומען צו זיי אין פינסטערען פראָנט־רום און זאָגען איהר און איהם, אַז ער וויל דאָס מעהר ניט האָבען! דער מאַן זאָל מעהר צו איהם אין הויז ניט קומען! ס'איז זיין הויז, זיין פרוי! אַלץ איז דאָ זיינס! און טאָמער זאָל אפילו קומען צו אַ געשלעג, אַרט איהם אויך ניט... היינט מוז זיין דער סוף.

און דער פלאַקער האָט אין פלאַכנע׳ן דעם גאַנצען טאָג גע־ברענט און איהם ניט אַבגעלאָזט אויפ׳ן וועג אַהיים, און האָט זיך ניט אַבגעקיהלט עפּענענדיג זיין טיהר און אריינקומענדיג צו זיך אין הויז. ס׳איז געווען פינסטער, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז קיי־נער איז ניטאָ אין הויז — האָט דאָס איהם שטאַרק פערדראָסען, ווייל דער קאַמפּף אין איהם האָט זיך געשטויסען אויף אַרוים.

ער האָט אַנגעצונדען די גאַז און געוואַרט, זי זאָל אַריינקומען, יענער זאָל אַריינקומען, און בעסער וואָלט געווען, זיי זאָלען ביידע קומען. דערווייל האָט ער דערזעהן אויפ׳ן טיש אַ צעטעלע, ווי זי לאָזט איהם געוועהנליך איבער, ווען ער דאַרף זיך אַרויפטראָגען עפּעס פון גראָסערי אויף סאַפּער. נור היינט וועט ער אין גראָסערי ניט געהן — ער וועט אַ ווײַלע אונטערוואַרטען.

ער האָט זיך געזעצט אין קיטשען ביים טיש, און זיין אויג איז ווידער געפאַלען אויפ׳ן צעטעלע — עפּעס אַ גרעסערער צעטעלע היינט איידער אַלע מאָל — האָט ער עס גענומען אין האַנד אַריין און אַנגעהויבען לעזען. און אַ גאַנץ אַנדער סאָרט צעטעלע איז דער היינטיגער געווען. זי האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז זי געהט פון איהם אוועק — מיט איהר געליעבטען — זיי פאָהרען אוועק ווייט „אין די וועסט“, ווייל מיט איהם, מיט פלאַכנע׳ן, קען זי ניט לעבען גליקליך. און זי געהט פון איהם אוועק ווי זי „שטעהט און געהט“. זי נעהמט קיין זאַך ניט מיט — אַלץ לאָזט זי איהם איבער. זי נעהמט מיט זיך ניט מעהר ווי די ניין הונדערט מיט פינף און פערציג דאָלאַר, וואָס זי האָט היינט אַרויסגענומען פון די בענק, איהר ביסעל דזשולערי, זיין וואַטש און טשיין, וואָס איז געלעגען אונטען אין ביוראָ; דערצו נעהמט זי איהרע וועש, אַ צוויי פּאָר האַנטיכער מיט די „נעפּקינס“. און צום סוף איז גע־שטאַנען אין צעטעלע, אַז ער זאָל זיך „אַליין אַרויפטראָגען“ פון גראָסערי עפּעס אויף סאַפּער, ווייל זי האָט היינט קיין צייט ניט געהאַט צו קאָכען.

פלאַכנע האָט אָבער ניט געקלעהרט איצט וועגען סאַפּער. ער האָט זיך צוואַוויינט מיט זודיגע טרעהרען און געטראַכט, אַז ער

איז געווים אַליין דער שולדיגער: אפשר האָט זי זיך דערוואוסט, וואָס ער געהט טהאָן... און ער האָט ביטער חרטה געהאַט אויף די שלעכטע געדאַנקען זיינע. און ער האָט געוויינט און ניט אויפ־געהערט בעטען: „בעסעלע, בעסינקע“.

וואָכעדיג איז דאָס לעבען

נאָכמיטאָג האָט זיך ראָזע גענומען מאַכען אַביסעל אָרדנונג אין קליידער־אַלמער. זי האָט זיך שוין לאַנג געקליבען דאָס צו טהאָן. אין דער הויך אויף דער פּאָליצע האָבען זיך געוואַלגערט און פערנומען אומזיסט פּלאַץ אַלטע, אויסגעדיענטע זאַכען, איהרע און איהר מאַנס אָבגעטראָגענע העמד שיך, קאַלאַשען, וויסטלעך און נאָך אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען זיך געבעטען אַרויסוואַרפען. זי מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל איבערקוקען און צוקלייבען אויפ'ן פּאָליצע. די ערשטע זאַך וואָס איז געקומען אין איהר האַנד אַריין, איז געווען איהר אַלטע פּאַנאַמאַ העט. דערזעהענדיג די העט, האָט זי דערפיהלט אַ שטילען צופּ אין הארצען. זי האָט זיך אוועקגעזעצט מיט'ן העט אין האַנד.

די דאָזיגע אַלטע פּאַנאַמאַ־העט דערצעהלט ראָזע'ן זעהר פיעל. ע ר האָט פאַר איהר די העט געקויפט. וואו איז ער איצט? קנאַפּע פיער יאָהר האָט זי איהם ניט געזעהן. אפשר איז ער שוין געשטאָרבען...

זי איז געבליבען זיצען מיט'ן העט אין האַנד און געטראַכט פון יענער צייט. זי ליעבט איהם ניט מעהר, — אין דעם איז זי זיכער, נאָר דאָך וואָלט זי איהם געוואָלט זעהן, ריידען מיט איהם עטליכע ווערטער. די ליעבע צו איהם האָט זי שוין לאַנג אַרויס־געריסען פון איהר הארצען. זי וואָלט ניט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען, אַז זי וואָלט ניט זיכער געווען, אַז ער פערנעהמט מעהר ביי איהר קיין שום אָרט ניט. זי האָט איהם אָבגעווינט און אָב־געקלאָגט, געשטאַרקט זיך, ניט צו טראַכטען פון איהם, פערגעסען, און דאָס האָט זיך איהר איינגעגעבען. זי איז זיכער געווען, אַז ער איז איהר ליעבע ניט ווערטה. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז

ניט די איינציגע ביי איהם, און אַ בעלײדיגטע, אַ געקרענקטע, האָט זי איהם געהייסען געהן. און זי איז אין יענעם מאָמענט זיכער געווען, אַז צוזאַמען מיט איהם האָט זי אַלעס פערלאָרען, אַלץ האָט זיך געענדיגט. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, און זי איז ווידער געוואָרען די זעלביגע וואָס געווען. חתונה גע־האַט האָט זי אַהן פלאַקערדיגע ליעבע; עס איז געווען אַן אויס־גערעכענטע זאַך. ער איז אַ פיינער, אָרענטליכער מאַן, און זי האָט קיין חרטה ניט.

און פאַר וואָס גראָד איצט האָט איהר אַזאַ צופאַ געטהאָן אין האַרצען, דערזעהענדיג פאַר זיך די פאַנאַמאַ־העט? פאַר וואָס איז זי איצט אַזוי איבערפילט געוואָרען מיט אומעט און בענקעניש? זי האָט זיך דיעזע פראַגען ניט געשטעלט, און זי האָט געוואָלט אַריינלעבען זיך אין יענער קורצער, פערשוואונדענער צייט, אין יענע אָבענדען, ווען זי האָט מיט איהם פערבראַכט... ווי גוט זי געדענקט יענעם אָבענד, ווען ער האָט פאַר איהר די פאַנאַמאַ־העט געקויפט. זיי זיינען פערבייגעגאַנגען אַ מילינערי־סטאָר, און ער האָט אין פענסטער די גרויסע, ברייטע העט דערזעהן, און איהם האָט זיך פערוואָלט זעהן ווי זי וועט אין אַזאַ העט אויסזעהן. זי האָט געמוזט אריינגעהן מיט איהם אין סטאָר און אָנפּאַסען די העט. ער איז געווען ענטציקט קוקענדיג אויף איהר; ער האָט אויף גיך בעצאָהלט און זי איז אַרויס פון סטאָר מיט'ן העט אויף איהר קאָפּ. די אַלטע האָט זי אויף מאָרגען אָבגענומען. און דערנאָך האָט זי יעדען מאָל, וואָס זי איז מיט איהם געגאַנגען, געמוזט נור די פאַ־נאַמאַ־העט טראָגען — אַזוי האָט ער געוואָלט — און יעדעס מאָל איז ער פון דאָס־ניי ענטציקט געוואָרען פון איהר שעהנקייט אינ'ם גרויסען ווייסען העט. ס'איז געווען אַ זעהר גוטע העט, זיי זיינען פיעלע מאָל געכאַפּט געוואָרען אין רעגענס אין פּאַרק און אויף זייער שפּאַציער, די העט איז אַ סך מאָל דורכגעווייקט געוואָרען, און עס האָט איהר ניט געשאַדט; יעדען זומער איז דאָס ווידער געוואָרען אַ נייע העט, בלויז די באַנד האָט זי געדאַרפט איבער־בייטען.

ראזע האט זיך געלעגט אויפ'ן סאפע און פערמאכט די אויגען, און זי האט זיך געזעהן מיט איהם, דערמאהנט זיך אן די געשפרעכען זייערע, אן די צערטליכע, הייסע מינוטען, אן די אלטע, זיסע האפנונגען און פאנטאזיעס פון יענער קורצער צייט... און עס איז איהר אנגעקומען גאר גרינג ארייןצולעבען זיך אין יענער ווילע, און זי האט דורכגעפיהלט יענע אלע ציטערנישען פון איהר הארץ, ווען זי איז בערוישט און פער'שכור'ט געווען פון איהר פייערדיגער, יונגער ליעבע צו איהם... און א געדאנק האט זיך געפלאנטערט, אז זי האט אפשר שלעכט געהאנדעלט געגען איהם... ווי האט זי געקענט פ"ירטרייבען איהם, אז זי האט איהם אזוי ליעב געהאט!... ס'קען זיין, זי איז אונגערעכט געווען געגען איהם... ווי אזוי האט זי דאס ג"יזענט טהאן!... ווי אזוי האט זי דאס אויסגעהאלטען!... און איהר האט זיך געוואלט איינשלאפען און חלומ'ען, חלומ'ען פון איהם און פון יענער צייט. זי האט אבער ניט געקענט אנטשלאפען ווערען.

ארום א שטונדע צייט איז זי אזוי געלעגען מיט פערמאכטע אויגען, און זי האט זיך דערמאנט, אז זי האט צו טהאן נויטיגע הויז־ארבייט. זי איז אראב פון סאפע; זי האט זיך שטיל אבגעזיפצט. פוסטע, נארישע זאכען... פאר וואס האט זי זיך עפעס היינט מיט אמאל ארייןגעלאזען אין אזעלכע נארישקייטען? וואס טויג דער ק[illegible]הרען און טראכטען פון דאס, וואס איז אמאל געווען? היינט איז דאך איהר אזוי פיעל בעסער, ווי דאמאלס! זי האט געוואלט איינריידען זיך, אבלאכען פון זיך אליין, פערטרייבען, פערגעסען, ס'לוינט זיך ניט... ס'האט איהר אבער גארניט געהאלפען און איהר איז ניט גרינגער געווארען; אזוי ווי א שטיק בליי איז געלעגען אויף איהר הארץ, עס נאגט, עס וויינט, עס ציהט... און פאר די אויגען איז מונ'נע...

זי וועט ארויסווארפען די פאנאמא־העט... טראגען וועט זי דאס שוין מעהר ניט — צו וואס דארף זי דאס נאך האלטען אין הויז? זי וועט דאס אראבלאזען מיט'ן דאמבווייטער. זי האט ג נעהם געטהאן די העט און איז געבליבען שטעהן... מארגען העם

זי זיך נעהמען צום אַלמער... אַז אַנדערש מאָל... זי האָט אַרויפ־געוואָרפען די העט אין דער הויך אויפ'ן פּאָליצע.

זי האָט גענומען טהאָן הויז־אַרבייט און דער אומעט און בענקעניש האָט איהר ניט אַבגעלאָזען. זי האָט געלעבט אין יענע פערגאַנגענע צייט... די אַרבייט האָט זיך ניט געטהאָן; איהר האָט זיך געוואָלט זיצען אָדער ליעגען מיט פערמאַכטע אויגען, טראַכטען, דערמאָהנען זיך.. הערען זיין קול, פיהלען איהם לעבען זיך... איהרע טריט זיינען געווען שוואַך, ווי אין שלאָף, ווי אין חלום...

דער מאַן איז געקומען פון דער אַרבייט. ער איז אַריינגעקור־מען אַ פּרעהליכער, אַן אויפגעראַמטער; און באַלד נאָכ'ן צומאַכען די טיהר האָט ער אַנגעזאָגט ראָזע'ן די גוטע בשורה, אַז ער האָט גע־קראָגען צוויי דאָלאַר אַ „רעיז".

— האַ? — האָט איהם ראָזע אַנגעקוקט, ווי ניט גלויבענדיג איהרע אויערען.

ער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט די זעלביגע.

און פערשוואונדען, פערפלויגען איז אין דיעזען מאָמענט גע־וואָרען פון ראָזען די שווערקייט און דער אומעט און די בענקעניש. צוויי דאָלאַר! יעדע וואָך צוויי עקסטראַ דאָלאַר צו די ווייזשעס! אַי, אַי, וואָס זי וועט מיט די צוויי דאָלאַר קענען אויפטהאָן! ווי גוט דאָס וועט איהר צוניץ קומען אין אַזאַ שווערע'ן יקרות! צוויי עקסטראַ דאָלאַר יעדע וואָך!...

אַ נייע, אַ גליקליכע ראָזע איז געשטאַנען ביים אויווען און געמישט אין טעפּעל.

ביים סאַפּער איז איהר אויסגעקומען זיצען אַנטקעגען קליידער־אַלמער; די פּאַנאַמאַ־העט — נאַרישקייט — מאָרגען וואַרפט זי עס אַרויס; טאַקע באַלד — נאָך סאַפּער...

דער אלטער בוטשער

באלד אין דער פריה, ווי ער האט נור געעפענט זיין בוטשער־שאפ, האט ער אנגעהויבען שילטען. מיט קללות אויף זיינע ליפען האט ער אנגעטהאן דעם פערבלוטיגטען, פערבלאטיגטען פארטוך; שילטענדיג „אויפגעראמט" די סטאר. ביי איהם אין הארצען האט געקאכט, געזאטען, און ארויסגעפאלען איז אלץ, וואס ער האט נור גענומען אין די הענד אריין.

די בוטשער־שאפ האט געפוסטעוועט, און מיט יעדע ווילע איז דעם אלטען בוטשער'ס צארן געשטיגען; און ער האט נאך יעדע ווילע אבגעפרישט זיינע יסורים, אריבערקוקענדיג אנטקעגען איהם איבער'ן סטריט, אין דעם ניי־געעפענטען בוטשער־שאפ. דארטען זיינען פאראן קאסטאמער אינוועניג. מען געהט אריין און ארויס... דער אלטער האט געפיהלט, אז זיין צארן איז א גערעכטער... ער מעג שילטען יענעם דארט, וויפיעל ער קען נור... איהם, מיט אלע קאסטאמער צוזאמען און ווינשען, אז די קללות זאלען „אנקומען"... און ער האט אויך גוט געוואוסט, אז ער קען זיי גארניט טהאן, ער קען גארניט אויספיהרען, און דערפאר טאקע זיינען די קללות זיינע געווען טיעף פון הארצען ארויס, מיט א געבעט צו גאט, אז זיי זאלען דערגרייכען...

שפעטער אויפ'ן פריהמארגען האט עס איהם ניט געלאזט איינשטעהן אין סטאר, און ער האט זיך מעהר ניט געקענט בענגענען מיט דעם, וואס ער אליין הערט זיך צו צו די קללות זיינע... ער מוז אויסשרייען פאר דער וועלט, מענשען זאלען איהם דערהערען... ער האט זיך געשטעלט אין טיהר פון סטאר, אנגעטהאן אין פארטוך און יארמולקע און געשאטען מיט קללות און חרמות.

א פערבייגעהער האט זיך אבגעשטעלט, באלד נאך איינער און

נאָך איינער, ביז עס איז געוואָרען אַ קליינער „אַפּען עיר מיטינג", מיט דעם אַלטען מאַן מיט'ן ברייטען גרויען באָרד אַלס רעדנער.

— קוקט, זעהט — האָט דער רעדנער אַנגעוויזען אויפ'ן בוטשער־סטאָר איבער'ן סטריט — זאָל ער פערברענט און פער'שרפ'עט ווערען מיט זיי אינאיינעם היינטיגע נאַכט! מ'שטעהט דאָרטען אויף די קעפּ! איך שטעה שוין דאָ די אַכטע יאָהר און מיינע קאַסטאָמערס זיינען געווען צופריעדען, קיינער האָט צו מיר גאָרניט געהאַט. וואָס זאָל מען צו מיר האָבען?! איצט געהען זיי אַלע דאָרטען און איך שטעה און קוק.

דער עולם האָט איבערגעדרעהט די קעפּ צו יענעם בוטשער־סטאָר, און עס האָט זיך געהערט:

— ער איז גערעכט.

— אודאי איז ער גערעכט.

די סימפּאַטיע פון די אַרומיגע האָט דעם אַלטען נאָך מעהר צוגעוואָרעמט:

— באַשר ער איז אַ יונגער מאַן און קען זאָגען ווערטלעך, לויפען זיי אַלע צו איהם! און אַז איך בין אַן עלטערער מענש, דאַרף איך זיך שוין אָוועקלעגען און אויסציהען מיט די פיס? וואָס פאַר אַ ביזנעס האָב איך מיט זיי ווערטלעך צו זאָגען? פלייש גיב איך גוטע? איז דאָס גענוג פאַר מיר! כ'קען ניט זאָגען קיין ווערטלעך און כ'וועל דאָס קיינמאָל ניט טהאָן. קוקט זיך נור צו — האָט ער אָנגעוויזען אויף יענעם בוטשער אין פענסטער פון סטאָר — זעהט די טרפה'נע תנועות מיט די מינעס זיינע, מיט די רויטע בעקעלעך, זאָלען זיי ביי איהם געשוואָלען ווערען. כ'קען שווערען, אַז דאָס איז ביי איהם אָנגעפאַרבט די באַקען, כ'האָב זיך גוט צוגעקוקט און כ'האָב געזעהן. אַהן אַ היטעל שטעהט ער דאָרטען, און ער זאָגט זיי די ווערטלעך מיט די וויצען און זיי פּלאַצען פון געלעכטער, און זיי לויפען אַלע צו איהם. און די האָר איז ביי איהם אָנגעשמירט מיט חזיר'יי! זיי קוועלען דאָרט פון איהם און איך שטעה און דוכן. קיין איין קאַסטאָמער איז מיר שוין באַלד ניט

איבערגעבליבען. זעהט, ווי זיי קוועלען דארטען פון איהם און קוקען איהם אין די אויגען אריין.

דער עולם האט ווידער איבערגעדרעהט די קעפ צו יענער סטאר.

— איהר מיינט, דא איז ניט געווען קיין בוטשער־סטארס, זאג איך אייך, אז פלענטי. פאר פסח האט זיך געעפענט א בוט־שער־סטאר, אין דיזעלביגע סטאר דארטען, איז ער אין עטליכע וואכען אוועק מיט'ן בייטש. צו וואס זאלען זיי געהן אנדערשוואו, אז זיי זיינען צופריעדען מיט מיין איינגעטריימען פליים? איז איצט געקומען דער טרפה'נער ביין מיט דער אנגעשמירטער קע־פעלע און ארויסגעריסען ביי מיר דעם ביסען פון מויל.

אז אלטע אידענע האט זיך דורכגעשטופט דורכ'ן עולם און אריין אין בוטשער־סטאר. דער רעדנער איז געווען גוט צואווארעמט און איהם האט זיך נאך געוואלט ריידען און ריידען. ער האט אבער געמוזט אריינגעהן אינווענינ.

דער עולם איז זיך צוגאנגען, נור א פאר, וועלכע האבען מסתמא געהאט געגוג צייט, זיינען אריבער איבער'ן סטריט און זיך גע־שטעלט אריינקוקען אין נייעם בוטשער־שאפ.

די כמאַרע אויפ'ן בלאָק

די איינוואוינער פון דעם ניי־אויפגעבויטען ליכטיגען בלאָק אין די בראָנקס האָבען יענעם טאָג געהאַט אַ זעהר אונאַנגענעהמע איבערראַשונג. אין יענע מקומות אין די בראָנקס האָט מען נאָך אַזאַ זאַך ניט געזעהן, און עס האָט געמאַכט אויף די מענשען אַ שווערען איינדרוק. מען האָט פּלוצלונג דערזעהן אויפ'ן סיידוואָק, ביים „גאַטער", ארויסגעשטעלטע הויז־זאַכען — אַ פאַמיליע איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אויפ'ן גאַס.

די תושבים פון יענעם בלאָק זיינען פון אַ „בעסערע קלאַסע" ווי די פון די אָרימע גאַסען אינ'ם ניו יאָרקער איסט סייד. די פרויען דאָרטען האַלטען זיך ריינער, צוגעקליבענער, ווי די פרויען פון סאַפאָלק, נאָרפאָלק און די אַנדערע יענע גאַסען. מען זעהט דאָרטען פרויען אין אַ מיטען מיטוואָך אין ווייסע שיך, אין שיך פון עטליכע קאָלירען און זאָקען פון נאָך אַנדערע עטליכע קאָלירען. און די קינדערלעך אויף יענעם בלאָק זיינען ציכטיגער און בעסער געקליידעט, ווי אין די אָרימע גאַסען פון דעם אידישען דאַון־טאַון; וואָרים קיין שווערע אביונים וואוינען ניט אין די דאָרטיגע מאָדערנע דירות מיט די לעצטע וויגאָדנע איינריכטונגען; און אין די הייסע זומער־נעכט אויפ'ן גאַס זעהט מען ניט מאַנסבילען אין איינע צושפּיעלטע אונטערהעמדלעך, מיט די האָריגע ברוסטען אין דרויסען אַרויס.

און אויך די אַרויסגעשטעלטע אויפ'ן גאַס „בעביכעס" זיינען דאָ געווען באַלעבאַטישער ווי די, וואָס מען זעהט אַלע טאָג אויף דער איסט־סייד גהעטאָ. די זאַכען זיינען ניט געווען צוריסען, צובראָכען, שמוציג. עס איז געשטאַנען אַ גאָר ניש'קשה'דיגער „פראָנט־רום־סעט", אַ גאַנץ גוטע זאָפע, שעהנע כלים, די בעטגע־

וואנד מיט שעהנע, ריינע ציכען; בילדער אין רייכע ראהמען; עס איז געווען גרינג צו דערקענען, אז ניט די בייזע ארימקייט האט עס אלצדינג פון הויז ארויסגעווארפען. און אויף דער דאזיגער חתונה האבען געפעהלט די מחותנים; עס האבען זיך ניט געוואלגערט דערביי די ארויסגעווארפענע מענשען, די מאמע מיט'ן שרעקליכען וועהטאג און בזיון אויף איהר פנים, און די צושראקענע קינדער. און נאך עפעס גאר וויכטיגעס האט דא געפעהלט, וואס איז גע־וועהנליך זעהר פראמינענט אין אזא פאסירונג — עס איז דארט ניט געווען דער בעריהמטער טעלער, אין וועלכען גוטהערציגע פארבייגעהער ווארפען אמאל אריין א פעני. עס איז געווען א חתונה אהן מחותנים און אהן כלי־זמר'ס.

די מענשען פונ'ם בלאק האבען גאנץ גוט פערשטאנען, וואס דער בערגעל חפצים אויפ'ן סייד־וואק בעדייט; זיי האבען דאס שוין א סך מאל פריהער געזעהען — זיי האבען זיך דאך ניט אויפ־געהארעוועט אויף דיזען נייעם, ליכטיגען בלאק; זיי האבען דאך אלע אהער איינגעוואנדערט פון „דארטען"; נאר פונדעסטוועגען האט ביי יעדען איינעם א קלאפ געטהאן אין הארצען און אין מח ביים ערשטען אנבליק, און מען האט דעם קאפ אראבגעלאזט, אזוי ווי פערשעהמט — פאר זיך אליין, פאר דעם ליכטיגען בלאק...

פאר די קינדערלעך איז דאס גאר א מאדנע נייעס געווען. און זיי האבען זיך נאר צום בערגעל געריסען, און ביי די מאמעס געפרעגט, וואס דאס מיינט. די מאמעס האבען זייערע קינדער אלערליי מעשיות דערצעהלט און פערשיעדענע תירוצים געזאגט. עפעס האבען די מאמעס די קינדער דעם „ריכטיגען אמת" ניט גע־קענט דערצעהלען — פאר וואס מען ווארפט ארויס מענשען און זאכען אויפ'ן גאס.

וואו זיינען פערפאלען געווארען געווארען די באלעבאטים פון די זאכען? דאס האט קיינער ניט געוואוסט. יענע האבען ניט מעהר ווי א פאר חדשים געוואוינט אויפ'ן בלאק, זיי האבען זיך מיט די שכנים ניט געמישט, ניט געהאט צו טהאן מיט קיינעם און מען האט פון זיי ווייניג געוואוסט. זיי זיינען געווען אין גאנ־

צען צוויי מענשען, יונגע נאָך. איצט האָבען די שכנים גענומען זיי אין די מיילער אריין, נאָכגעפרעגט איינע ביי די אַנדערע; נאָר פיעל איז מען ניט דערגאַנגען וועגען זיי. עס איז נור אויס־געפונען געוואָרען — פון דער נעקסט־דאָריגער און פונ'ם דזשע־ניטאָר — אַז יענע צוויי מענשען האָבען זיך אָפט געקריעגט, און מען האָט אויך דערצעהלט, אַז דער מאַן פלעגט קומען אַהיים אין מיטען נאַכט און לאַנג קלאַפּען און קלינגען, איידער די פרוי האָט פאַר איהם די טיהר געעפענט. דער דזשעניטאָר האָט אויך אי־בערגעגעבען, אַז דער לענדלאָרד האָט זיין רענט ניט געקענט אַרויס־קריגען פון זיי — דער מאַן האָט געשיקט צו דער ווייב, און זי — צום מאַן, און צום סוף זיינען זיי ביידע מעהר אין הויז ניט געווען.

ווער ווייסט, וואָס דאָרט האָט אַזוינס פּאַסירט, וויפיעל אַנגע־קליבענע יסורים און גאַל עס האָט יענע צוויי מענשען צו אַזאַ שריט געטריבען!

און דער באַרג אַרויסגעשטעלטע זאַכען שטעהט און פערכמאַ־רעט דעם שעהנעם בלאָק.

פאַרנאַכט, אַז מען איז אַהיים געקומען פון דער אַרבייט און ביזנעס, האָבען די פערבייגעהער מיט אויפגעריסענע אויגען אַנגע־קוקט דעם בערגעל, און זיינען גיך פערבייגעגאַנגען. וואָס איז דאָס? ווי קומט עס אַהער? יעדער איינער האָט זיך געפיהלט גע־קריוודעט, ווי מען וואָלט געגען איהם אַ גרויסע עולה בעגאַנגען, פערשוועכט דעם בלאָק.

אין דער פריה איז נאָך דער בערגעל געשטאַנען, און די פער־בייגעהער צו דער אַרבייט און צו ביזנעס האָבען נאָר מיט אַ ווינקעל אויג געקוקט, מיט אַ שטילען צאָרן... און דעם גאַנצען טאָג האָט די כמאַרע זיך פערשפּרייט פון די זאַכען אויפ'ן בלאָק. נאָך מיטאָג איז אַ לייכטער רעגען געפאַלען און אַלץ דורכגענעצט.

ערשט פאַרנאַכט איז צוגעפאָהרען אַ גרויסער „טראָק“ פון אַ סטאָרעדזש־הויז, אַריינגעפּאַקט די דורכגענעצטע זאַכען און אַוועק־געפאָהרען; אויפ'ן בלאָק איז ווידער ליכטיג געוואָרען, און ביי די שכנים אויף די הערצער איז גרינגער געוואָרען.

די געקומענע פון דער ארבייט און ביזנעס האבען נאך ניט געוואוסט פון דער שמחה, און פיעלע זיינען געגאנגען מיט דער אנדער זייט גאס, וואס איז נאך ניט פערבויט און וואס ווערט זעל־טען געברויכט — זיי האבען געוואלט אויסמיידען, ניט אנזעהן, וואס זיי האבען נעכטען און היינט פריה געזעהן... און די, וואס זיינען מיט דער זייט געגאנגען, האבען זיך געפיהלט גוט און גרינג, זעהענדיג דעם פייכטען גרויסען פלעק, וואס איז איבער־געבליבען פון דעם חורבן.

„דער דזשעניטאָר“

ווי אַ שווערער, בייזער גייסט האָט „דער דזשעניטאָר“ געהערשט איבער די צוויי פער'חושכ'טע טענעמענט־הייזער נעבען קאָרנער. קיינער פון די עטליכע צעהנדליג איינוואוינער אין די ביידע הייזער האָט ניט געדענקט, ווען ער איז אהער אַנגעקומען. אַלע האָבען איהם שוין דאָ געפונען. און אפילו די מענשען פון די איבעריגע הייזער אויפ'ן קורצען בלאָק קענען זיך אויך ניט דערמאָנען, ווען דער דזשעניטאָר פון די צוויי טענעמענטס האָט זיך אַהער בעוויזען. אַלע זיינען זיכער געווען, אַז ער איז דאָ דער עלטסטער תושב.

אַ בעהאַלטענעם פחד פאַר דעם דזשעניטאָר האָבען די דאָרטיגע מענשען אַרומגעטראָגען אין זיך; און עפּעס אַזוי ווי אויטאָמאַטיש האָט מען אויפגעהערט שמייכלען און לאַכען, ווען ער האָט זיך בעוויזען און מען האָט דערפיהלט דעם שווערען, בייזען גייסט זיינעם. איהם אַליין האָט מען קיינמאָל ניט געזעהן לאַכען אָדער שמייכלען. אייביג בייז און פערכמורעט. איין אויג איז ביי איהם געווען קלענער פון דער צווייטער, און שטענדיג האָבען די אויגען זיינע אַראָבגעקוקט אין זיין קאַלטענעוואַטער, פעראַייזענטער באָרד, וואָס האָט דורך די אַלע יאָהרען וואָס מענשען האָבען איהם געקענט, געהאַט דעם זעלבען גרויליכען קאָליר, זיך ניט געענדערט. און אין וועלכער זייט ער זאָל ניט האָבען געקוקט, האָבען די אויגען, די גרעסערע און די קלענערע, געקוקט אין באָרד אריין. אַטגעטהאָן איז ער געגאַנגען זומער און ווינטער אין אַזאַ מין קאַפּטאָן, וואָס מ'האָט אויף דעם ניט געקענט זאָגען, צי דאָס איז אַ מאַנבילשער אָדער אַ ווייבערשער בגד; אין „אָוועראָלס“, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין שום קאָליר און וואָס קיינער האָט ניט

גערענקט, ווען זיי זיינען געווען ניי. די שכנים האט ער קיינמאל אין פנים ניט אנגעקוקט און מיט קיינעם ניט גערעדט.

געוואוינט האט דער דזשעניטאר אין א „רומקע“ אונטער די טרעפ אין „האל“. מען האט קיינמאל ניט געזעהן אימיצען אריינגעהן אדער ארויסגעהן פון דארט, א חוץ איהם אליין. און שטענדיג און אלע מאל האט מען איהם געזעהן טהוענדיג זיין פליכט. ווי פריה אימיצער פון די איינוואוינער איז ניט אויפגעשטאנען, האט ער שוין געטראפען דעם דזשעניטאר מיט'ן בעזים אין האנד, קעהרענדיג די טרעפ, צי די „האל“, צי די שטיקעל „סיידוואק“ פאר די הייזער; אדער שלעפענדיג א בארג פאפיער ארער שמאטעס, אדער זיך עסק'ענדיג מיט'ן מיסט־בארעל אדער אש־בארעל. האט א נייער שכן, וועלכער האט איהם נאך ניט געקענט, איהם בעגריסט מיט א גוט־מארגען, האט דער דזשעניטאר ניט געענטפערט און אפילו ניט אויפגעהויבען די אויגען פון זיין בארד.

מענשען זיינען געווען נייגיעריג... מ'האט געוואלט וויסען, ווער ער איז. מען איז זיכער געווען, אז עפעס איז מיט דעם מענשען פארגעקומען א געשיכטע. יאהרען און יאהרען איז ער דא איינער אליין. קען דען זיין, אז ער האט ניט קיינעם? און פארוואס איז ער אזא שונא אלעמען, רעדט צו קיינעם ניט און קוקט קיינעם ניט אן? וואס האט מיט איהם פאסירט, און וואס איז מיט איהם פארגעקומען? נאך מעהר איז די נייגיערינקייט פערשטארקט געווארען דורך די וויזיטען פון א רייך־געקליידעטע דאמע, וועלכע פלעגט קומען צום דזשעניטאר איין מאל אין א מאנאט אדער זעקס וואכען, פערהאנגען און פערשלייערט. זי פלעגט צו איהם ריידען ווייך און מיט רחמנות, נאר ער האט אלץ געקוקט אין בארד אריין און האט געשוויגען. ס'האט אויסגעזעהן, אז זי בעט זיך עפעס ביי איהם און ער איז איינגע'עקשנ'ט; נור נאך א ווילע ריידען פלעגט ער ווייכער ווערען, און ער פלעגט מיט איהר אריינגעהן אין זיין קאנורע אונטער די טרעפ.

ווער איז ער און ווער איז די אויסגעפוצטע דאמע? — זיינען די מענשען ממש אויסגעגאנגען צו וויסען. און וואס טהוט זיך

דאָרטען ביי איהם אין רומקע? ס'האָט געצויגען א קוק טהאָן דאָרט. מ'האָט דאָס אבער ניט געקענט בעווייזען. איבער'ן טיהר פון זיין דירה איז שטענדיג געווען פערלעגט א גראָבער פלאַקען, דורכגענומען מיט א שווערען הענג־שלאָס. און ווי אויף צו־להכעיס, כדי מען זאָל וואָס וועניגער פון איהם וויסען און ער זאָל ניט דאַרפען אויסריידען א וואָרט צו זיינע ארומיגע, פלעגט ער זיין שפּייז קויפען אין אַן אנדער גאַס און קומען צוגעהן עסענדיג, מיט א האַלבען ברויטעל אונטער'ן אָרעם און די רויטע זאַפּט פון דער טאָמייטאָ רינענדיג אין זיין באָרד אריין.

פון זיין אידישקייט האָט מען געוואוסט בלויז אזויפיעל, אז שבת פלעגט ער נים ארבייטען און פלעגט ערגעץ פערפאַלען ווערען אויף עטליכע שעה.

קינדער און די מאַמעס פון די קינדער האָבען פאַר איהם גע־ציטערט. קיינער האָט דאָס ניט געזעהן מיט די אייגענע אויגען, נאָר די שכנים האָבען זיך איינע די אנדערע איבערגעגעבען פון דעם דזשעניטאָר'ס בענעהמען זיך מיט קינדער. מען האָט זיך דער־צעהלט, אז ווען עס פּאַסירט, אז קינדער לויפען איהם נאָך, טשע־פּען זיך מיט איהם, רופען איהם „קרייזי", פּלאָנטערען זיך ביי איהם אונטער די פיס, וואַרפען אויף איהם שטיינדלעך און העלצלעך, מאַכט ער זיך ניט וויסענדיג, קוקט זיי אפילו ניט אָן; נאָר אַמאָל טרעפט עס, טהוט ער א כאַפּ איינעם פון די קליינע און נעהמט עס שלאָגען מיט א ווילדע רציחה, אז מ'ראַטעוועט עס קוים לעבעדיג ארויס פון זיינע הענד. האָבען די מאַמעס און טאַטעס אָנגעשראָ־קען די קינדער מיט אַלערליי ווילדע מעשיות און פערזאָגט, ניט צוצו־קומען נאָהענט צו איהם. מען האָט זיך אויך דערצעהלט א שרעק־ליכע געשיכטע וועגען דעם דזשעניטאָר מיט עטליכע לוסטיגע יונגע לייטלעך, וואָס האָבען געוואָלט האָבען מיט איהם אביסעל „פאַן". זיי האָבען געצופּט זיין באָרד, געשלעפּט איהם פאַר'ן קאַפּטאַן, נאָכגעמאַכט ווי ער שלעפּט זיך אויף זיינע קרומע פיס, פערשטעלט איהם דעם וועג. ער האָט זיי געשטופּט פון זיך, און

זיי האָבען איהם ניט אָבגעלאָזען — האָט ער איינעם פון זיי גע־פאַקט מיט איין האַנד ביי דער האַלז און מיט דער צווייטער האַנד געשלאָגען איהם איבער׳ן קאָפּ. עס איז געוואָרען אַ גוואַלד. מ׳איז זיך צוזאַמענגעלאָפען. דער דזשעניטאָר האָט אָבער זיין קרבן ניט אָבגעלאָזען, ביז ער האָט איהם שרעקליך צו׳ממית׳ט, צובלוטיגט און דערנאָך איהם אַריבערגעשליידערט אויף דער אַנדער זייט גאַס.

ווענען די דאָזיגע רציחות זיינע האָט מען בלויז „געהערט", אָבער קיינער איז דערביי ניט געווען און קיינער האָט עס ניט געזעהן. אַלע האָבען דאָס אָבער געגלויבט באמונה שלמה. עס האָט זיך אַזוי פּראָסט געלעגט אויפ׳ן שכל און עס איז געווען אַזוי פערשטענדליך, אַז דער דזשעניטאָר זאָל זיך אַזוי בעגעהן מיט די וואָס טרעטען איהם אָן און פאַלען אריין צו איהם אין די הענד. האָבען איהם בעסער אַלע אָבגעטראָטען דעם וועג, און מען האָט אין זיין געגענוואַרט בעסער פערשטעלט אַ געלעכטער — ער זאָל ניט מיינען אַז מ׳לאַכט פון איהם. אין די הייסע זומער־נעכט, בשעת מ׳זיצט אויף די „סטופּס" און מ׳מאַטערט זיך אריינצפאַכען אין זיך אַ לעק לופט, איז מען אויפ׳ן דזשעניטאָר׳ס „סטופּ" ניט געזעסען ביז אַ רעכטע שטיקעל אין אָבענד — ביז דאַן איז ער אַליין דאָרט געזעסען, און קיינער האָט זיך ניט געוואָלט געפינען נאָהענט צו איהם. ער פלעגט אָבער געהן פריה שלאָפען — און באַלד איז דער „סטופּ" בעלאַגערט געוואָרען.

עס האָט עטליכע מאָל פּאַסירט, אַז די איינוואוינער פון די צוויי טענעמענט־הייזער, אויף וועלכע דער שווערער, בייזער גייסט האָט געהערשט, האָבען זיך צוזאַמענגערעדט און געבונטעוועט גע־גען דעם דזשעניטאָר. מ׳האָט איהם ניט געוואָלט דאָ האָבען מעהר, מ׳האָט געוואָלט פון איהם פּטור ווערען, און זאָל דאָ אָנקומען אַ דזשעניטאָר ווי אַלע מענשען. זאָל ער געהן, — מ׳האָט שוין גע־נוג געהאַט פון איהם. נאָר פון אַלע רייד און קלאָגען האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז ער טהוט קיינעם גאָרניט, און ווען מען אַרט עס, אַז ער האַלט זיך דאָ אויף. און ס׳האָבען זיך נאָר געפונען אַזעל־

כע, וואס האבען געזאגט אז ס'איז א רחמנות, זאל ער דא זיין; וואו קען ער געהן? און פערקעהרט נאך, ער מישט זיך ניט און טשעפּעט קיינעם ניט. דעם „סטופּ“ האלט ער ריין און אויך די טרעפּ און די „האללס“ און מסור'ט אויף קיינעם ניט צום לענדלארד. אין דער אמת'ען האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער פון די אלע שכנים, וואס האט ניט געגארט און געוואונשען פטור צו ווערען פון דזשעניטאר; אבער קיינער האט אין דעם עסק גארניט געוואלט טהאן — ווער וועט זיך דאס געהן אנהויבען מיט איהם? ער טשעפּעט טאקע קיינעם גארניט; ער קוקט אפילו ניט אן קיינעם; אבער אלע האבען געפיהלט דעם שווערען, בייזען גייסט הענגען איבער'ן קאפּ, און ס'וואלט געווארען פרייער, ליכטיגער, ווען ער וואלט פון דאנען אוועק. אבער ווי אזוי? ווען קען דאס פּאסירען?...

שטילינקערהייט האט מען זיך עטליכע מאל דורכגערעדט מיט'ן לענדלארד און פערלאנגט פון איהם אן אנדער דזשעניטאר, און אנגעבעטען איהם, ער זאל ניט אויסזאגען, אז מ'האט מיט איהם גערעדט. דער לענדלארד אבער איז געווען צופריעדען מיט זיין דזשעניטאר און געוואלט בעסער לעבען מיט איהם בשלום.

אין א געוויסען פריהמארגען זיינען די מענשען פון די צוויי טענעמענט־הייזער און פון די דערבייאיגע הייזער געווען פערוואונדערט, וואס דער דזשעניטאר איז ניטא מיט זיין בעזים, מיט די פּעק פּאפּיערען און שמאטעס,ביי די „מיסט־בארעלס“ און „אשבארעלס“. זייט די מענשען געדענקען, איז נאך ניט אוועק קיין איין פריהמארגען, דער דזשעניטאר זאל זיך ניט געפינען אויף זיין פּאסטען. האבען די מענשען זיך אנגעקוקט און זיך געפרעגט מיט פערוואונדערונג, וואס „ס'קען זיין דער מעהר“, וואס „ס'קען זיין די מעשה“. ווי קומט עס? וואס האט געקענט פּאסירען? עפּעס איז דאך געווים מיט איהם פּארגעקומען. וואס אזוינס, וואס?

דער דזשעניטאר איז ניטא!

מיטאג־צייט האבען א פּאר נייגעריגע, אונגעדולדיגע פרויען שטילערהייט זיך אונטערגעג'גנב'עט אונטער די טרעפּ, צום טיהר פון

דעם דזשעניטאר'ס „רומקע". דער גראבער פלאקען מיט'ן שלאס איז ניט געווען פערלעגט איבער זיין טיהר, וואס האט געמיינט, אז דער דזשעניטאר געפינט זיך אינוועניג. זיי זיינען ארויסגע־לאפען און דערצעהלט וואס זיי האבען אויסגעפונען, און האבען מיט געבראכט מיט זיך נאך נייגיעריגע. מען האט געקלאפט אויפ'ן טיהר און ניט געקראגען קיין ענטפער. האט מען געקלאפט שטאר־קער, און אלץ קיין ענטפער ניט געקראגען. מען האט פרובירט עפענען די טיהר, און זי האט זיך ניט געעפענט; האט מען גע־ברויכט מעהר קראפט, און ס'איז ניט געגאנגען. דערווייל האט זיך אנגעקליבען א גאנץ היבשער עולם. יעדער איינער וואס איז ארויף און ארונטער די טרעפ, איז געבליבען אין געזעמעל. איז גע־בליבען מען זאל רופען א פאליסמאן. אימיצער איז אוועקגעלאפען איהם ברענגען.

דער פאליסמאן האט געקלאפט און געקלונגען מיט זיין גראבען „קלאב" אויפ'ן טיהר; אנגעלעהנט די ברייטע פלייצע אן טיהר און געשפארט מיט אלע כחות. די טיהר פאלגט ניט. דער פאליס־מאן האט גענומען געהן אין „יארד", און אלע נאך איהם. ער האט זיך גענומען צום פענסטערעל פון „רומקע", וואס איז געווען פער־האנגען מיט א שמאטע. ער האט דעם פענסטערעל גיך בייגעקומען און איז אריינגעקראכען אינוועניג. דער עולם האט געוואלט נאכ־קריכען. מ'האט געוואלט זעהן, וואס ס'טהוט זיך דארט, אין דעם געהיימניספולען, פערשלאסענעם ארט, וואו קיין זייטיגע אויג האט קיינמאל ניט געקענט אריינקוקען. דער פאליסמאן האט אבער אבגעהאלטען דעם עולם, און בלויז א פאר האבען געהאט די „זכיה" אנצוקוקען דעם דזשינטאר'ס „רומקע".

דער דזשעניטאר איז געלעגען אויף זיין בעטעל מיט'ן פנים ארויב. דער פאליסמאן האט איהם געוועקט, געמינטערט, געטריי־סעלט, איהם איבערגעקעהרט.

טויט, געשטארבען!

די נייעס האט זיך גיך פערשפרייט איבער'ן גאנצען בלאק. דער דזשעניטאר איז געשטארבען. ער ליעגט א טויטער אין זיין

„רומקע“. מ'ווייס ניט פון וואָס ער איז געשטאָרבן. מ'האָט זיך געשפּאַרט אין „הלל“, אונטער די טרעפּ, נאָר אַ פרישער פּאַליסמאַן האָט אָבגעהאַלטן. דער עולם האָט געזאָגט מיינונגען און מ'איז געווען אומעדיג, און מ'האָט רחמנות געהאַט אויף דעם געשטאָרבענעם. ס'האָבן זיך געפונען גענוג צווישן די שכנים, וואָס האָבן געזאָגט: „אַ גאַנץ גוטער מענש געווען“.

אַ ביסעל שפּעטער איז מיט גרויס טאַראַראַם און געפּילדער צוגעפאָהרען אַן אַמבולאַנס. אַ יונגער מענש, אין ווייסען, מיט אַ „סעטשעל“ אין האַנד איז אַרויסגעשפּרונגען, און נאָך איהם דער פריהערדיגער פּאַליסמאַן. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט דורכ'ן עולם און אַריין צום דזשעניטאָר אין „רומקע“. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער ווייסער מענש צוריק אַרויסגעשפּרונגען און איז אַריין אין אַמבולאַנס. פערד און וואָגען האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן גאַנצען ברייט פון גאַס, צושפּרייטענדיג דעם געזעמעל, און מיט אַ קלאַנג אַוועקגעפאָהרען.

פאַרנאַכט איז געקומען די רייך־געקליידעטע דאַמע און איז פערבליבען אַ רעכטע ווילע אַליין מיט'ן ברמנן.

צוגענומען דעם מת האָט אַן אונגאַרישע חברה פון וויליאַמסבורג.

די גאַנצע באַליבאַטישקייט פונ'ם דזשעניטאָר'ס „רומקע“ איז געווען אַן אַלטער מאַטראַץ אויף עטליכע זייף־קעסטלעך, אַ צובראָכענער טישעל, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פּאָר קלעצלעך און שטיינער, אַ האַלב־פערפוילטער ימים־נוראים'דיגער מחזור. נייגיעריגע האָבען געזוכט און געשמעקט אין די ווינקעלעך און זיינען בעלוינט געוואָרען, געפינענדיג אַ פּאָר פערשימעלטע עסטרייכישע קופּערנע מטבעות.

מיט דעם דזשעניטאָר'ס טויט זיינען די טענעמענטס ניט ליכטיגער און ניט פרייער געוואָרען. די איינוואוינער האָבען מיט די אייגענע אויגען געזעהן, ווי מ'האָט דעם דזשעניטאָר פון דאַנען

אוועקגעפיהרט א טויטען — דער שווערער, בייזער גייסט איז נאך אלץ געבליבען הענגען; און ס'האט זיך נאך אלץ געדאכט, אז די „רומקע“ דארט אונטער די טרעפ, האלט אלעמען אין מורא און שרעק.

א נייער דזשעניטאר איז אנגעקומען, א מענש ווי אלע מענשען, און האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע אין בייסמענט, וואו אלע דזשעניטארס וואוינען; די „רומקע“ האט געפוסטעוועט; ס'איז מעהר קיין זכר פון יענעם ניט איבערגעבליבען און דאך האט זיך געדוכט, אז די „רומקע“ געוועלטיגט נאך.

די טענעמענטס זיינען זיך אנגעגאנגען מיט'ן געוועהנליכען גאנג — מען האט „ארייגעמופט“ און „ארויסגעמופט“; און די נייע מענשען זיינען אינגאנצען פריי געווען פונ'ם בייזען, שווערען גייסט, — פון די „רומקע“. מיט דער צייט האט זיך די בעפעלקערונג דארט אינגאנצען געביטען, און מען וויים ניט מעהר, וואס דא איז אמאל געווען. די פאר תושבים, די אלט־פערזעסענע, וועלכע האבען דורכגעמאכט יענע צייט און געדענקען נאך, דערצעהלען פאר די שכנים פון דעם דזשעניטאר מיט זיין „רומקע“. ס'איז אבער ניט אינטערעסאנט, מ'פערשטעהט פראסט ניט וואס דאמאלס איז דא געווען. וואס הייסט, מ'האט פאר איהם געציטערט? און עס גלויבט זיך זיי ניט, אז מ'האט זיך אין די זומער־נעכט ניט געזעצט אויפ'ן סטופ, ביז דער דזשעניטאר איז אוועק אין זיין „רומקע“. די פאר תושבים געדענקען נאך אבער יענעם בייזען גייסט און זיי קענען ניט פערשטעהן, פארוואס די ניי־איינגעוואנדערטע לאכען זיך אויס פון דער געשיכטע.

„מאמע"

צווישען בעקאנטע האט מען גערעדט, אז די עלטערע, פערזע־סענע מיידעל האט חתונה געהאט מיט'ן אלמן מיט די צוויי קליינע קינדער ניט דורכאויס פון איהר טובה וועגען, נאר זי האט אויך געמיינט די טובה פון די יתומים'לעך, צו וועלכע זי האט געוואלט זיין גוט: אויפפאסען אויף זיי און זיי האדעווען. דאס עלטסטע קינד איז אלט געווען דריי יאהר, דאס צווייטע — עפעס איבער א יאהר און האט נאך ניט געקענט אויסריידען א ווארט און ניט שטעהן גלייך אויף די פיסלעך.

און מ'האט אויך געמענט גלויבען אין די רייד פון די בע־קאנטע.

זי איז געווען קליינגעוויקסיג און מאגער. א שטילע; קיין הויך ווארט האט מען פון איהר ניט געהערט — האט זי אויך געמאכט דעם איינדרוק פון א גוטע. און ס'האט אויסגעוויזען, אז זי האט ניט אויף וועמען די גוטסקייט איהרע אויסצוגיסען, ווארום זי האט ניט געהאט קיין נאהענטען ארום, און וואס'ערע טובות האט זי דען געקענט טהאן די מענשען פון איהר קרייז? האט מען אויף איהר געזאגט, אז זי איז „א גוטע נשמה", א שטיל, ארענטליך מיידעל. און זי איז טאקע ניט געווען שלעכט־פערבי־טערט געגען די וועלט און מענשען, ווי דאס איז דער פאל מיט עלטערע פערזעסענע מיידלעך און עלענדע נאך דערצו, וואס פער־גינען ניט א פרייען שמייכעל אויף אנדערע. זי האט זיך פאר־געשטעלט, אז אזוי איז איהר „חלק", און וואס קען זי דען דערצו טהאן? און דערצו נאך די שטיקעלע האפנונג, אז אויך איהר וועט ווען־עס־איז בעסער ווערען.

איז זיך איהר לעבען געגאנגען שטיל, אהן רעש, אהן פאסי־

רונגען, אהן פערביטערטקייט און גאל. שטענדיג געארבייט און פערבראכט דאס רוב פון איהר פרייער צייט ביי איהר אין צי־מער, צי מיט דער „מיסעס" אין הויז, געגאנגען ווען־ניט־איז אליין אין א טהעאטער, און אמאל, אין א זונטאג, אוועק זיך זעהן מיט ווייטע קרובים, וועלכע האבען איהר יעדען מאל געטהאן דיזעלביגע טובה און געמאכט איהר דעם חשבון, אז זי איז מיט א פאר יאהר אינגער, ווי זי איז אין דער אמת'ען געוועזן.

דער אלמן איז געוועזן פון דעמזעלבען סארט מענש, ווי זיין צווייטע ווייב. ער איז געוועזן א שטילער מענשעל, אהן א ברע־קעל גאל. און מ'האט זיך נור געוואונדערט, ווי אזוי אזא, ווי ער, קען אנגעהן מיט זיין בעשעפטיגונג, אלס אינשורענס־אגענט, וואס צו דעם פאדערט זיך א „מויל", מ'מוז קענען א סך ריידען, איינ־ריידען. איז ער טאקע קיין ערפאלגרייכער אינשורענס־אגענט ניט געוועזן, קוים געמאכט אן ארימען לעבען. זיינען זייביידע געוועזן ווי א צוגעמאסטענע פאר.

א שטיקעל צייט נאך זייער חתונה האט מען גערעדט פון דעם, ווי גוט ביידע האבען געטראפען. מ'האט זיך דערצעהלט, אז די שטיפמאמע האלט אין איין קושען און לאשטשען די קליינע קינדער; זי איז צו זיי בעסער ווי אן אמת'ע מאמע: ווי זי היט זיי אב און באדט זיי און קעמט זיי און קליידט זיי. אבער דער־פאר האט זי אויך א גוטען מאן, א שטילען מענשען, וואס זי וועט קיינמאל פון איהם קיין הויך, גראב ווארט ניט הערען.

די עלטערע, פערזעסענע מיידעל האט איצט גענומען פיהרען גאר א נייעם לעבען, וואס זי האט זיך פריהער גארניט פארגע־שטעלט. זי איז געווארען א באלעבאסטע פון אן אייגענע היים, מיט א באלעבאטישקייט, און זי האט געהאט אין איהר רשות און איז געווארען די בעשיצערין פון צוויי קליינע, הילפלאזע קינ־דערלעך. און טאקע דאס, וואס זי האט געפיהלט, אז די קינדער־לעך זיינען אין גאנצען אין איהרע הענד, האט איהר הארץ געמאכט נאך ווייכער פון וואקס פאר זיי. און זי האט איבער זיי איבער־

געציטערט, און עטליכע מאָל בעטראַכט די שפּייז, וואָס זי האָט זיי צו עסען געגעבען און אַלץ מורא געהאַט, אַז זיי זיינען ניט ריין גענוג אָנגעטהאָן, און אַלע טאָג אין די קעפּלעך האָר אַריינגעקוקט.

אויך איהר מאַן און די „הויז" האָט זי שטאַרק ליעב געהאַט. זי האָט דעם מאַן אַבגעהיט מיט'ן עסען און געזעהן, אַז איהם זאָל זיין וויגאָדנע אין הויז. ער פלעגט אַוועקגעהן פריה און קומען שפּעטלעך אין אָבענד — איז איהר אויסגעקומען שטענדיג צו זיין אַליין מיט די קינדער. קומען אַהיים פלעגט ער א מיעדער און א הונגעריגער. קיין גרויסער „ריידער" איז ער קיינמאָל ניט געווען, פלעגט ער ביים עסען פרעגען איהר, וואָס די קינדער האָבען גע־טהאָן דורכ'ן טאָג; נעהמען צו זיך די קינדער און זיך מיט זיי שפּיעלען, אויב ער האָט זיי ניט געטראָפען שוין שלאָפענדיג. און קיין איבעריגע גערייידעריי און קיין ליעבעס־צערעמאָניעס מיט דער ווייב ניט געפראַוועט. א שטונדע, צי עפּעס מעהר האָט גע־נומען ביי איהם דורכלעזען זיין צייטונג און דערנאָך האָט ער זיך געלעגט שלאָפען.

זי האָט זיך גיך אויסגעלערענט די אַלע הויז־ארבייטען, פון וועלכע זי איז פּטור געווען זייענדיג א מיידעל, און איז געוואָרען גאָר א גוטע באַלעבאָסטע. ביז א שטיקעל נאָך האַלבען טאָג איז זי פאַרטיג געוואָרען מיט אַלע איהרע ארבייטען און דערנאָך האָט זי צייט געהאַט ארויסצוגעהן מיט די קינדער א ביסעל אויפ'ן פריי־שען לופט, און איהר איז נאָך איבערגעבליבען צייט צו זיצען אין הויז און רוהען זיך, טראַכטען וועגען דעם איבערביים, וואָס איז געקומען אין איהר לעבען אַזוי אונפערהאָפּט.

זי האָט זיך מיט דעם מאַן איהרען ניט געקענט און ניט גע־וואוסט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ אַזאַ איינער. דורך א שדכן איז דער שדוך געשלאָסען געוואָרען. און אין א גאַנץ קורצער צייט נאָך דעם טויט פון דער ערשטער ווייב איז דאָס געווען. דער אַלמן האָט לאַנג ניט געקענט בלייבען זיצען אַליין — צו־ליעב די צוויי עופה'לעך. די ערשטע צייט איז געווען א געדונגענע

עלטערע פרוי אין הויז, איז זי געווען שלעכט צו די קינדער און דערצו נאך א שלעכטע באלעבאסטע. די קינדער זיינען געווען פער־נאכלעסיגט. דערנאך איז געווען אן אנדער פרוי, א יונגע עגונה מיט א קינד, און די הויז האט זיך ניט געפיהרט באלעבאטישער און די קינדער זיינען ניט אויפגעפאסט געווארען בעסער ווי פריי־הער; און די פערדיענסטען זיינע האבען ניט געקלעקט. איז שוין זיין אלטע מאמע צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל טהאן א שדוך, קריגען אן אלמנה, צי אן עלטערע מיידעל — א מאמע פאר די יתומים'לעך, א באלעבאסטע אין הויז. מורא געהאט האט נור די אלטע פאר א בייזע, שלעכטע שטיפמאמע צו די קינדער. און קענענדיג איהר זוהן, וואס פאר א שטילער און וויכער מענש ער איז, האט זי נאך מעהר פערשטאנען, אז די צווייטע ווייב וואס ער וועט נעהמען, מוז זיין ווי ער, א שטילע און א גוטע. ווייטער האט זי קיין איבעריגע מעלות ניט פערלאנגט, און דעריבער איז איהר באלד געפעלען געווארען דער שדוך מיט דער עלטערער, שוואך־אויסזעהענדער מיידעל, און זי האט שוין געזעהן, אז ער זאל מיט איהר חתונה האבען. דער אלמן אליין איז קיין גרויסער עולם־הזה'ניק ניט געווען, און איינזעהענדיג, אז עס איז א גאנץ גלייכע זאך האט ער מסכים געווען. און דערנאך איז די מאמע שטארק צופריעדען געווען מיט איהר אויפטהו.

די שטיפמאמע איז אריינגעקומען אין א „פארטיגע הויז". אלע אין הויז איז געווען ווי פריהער, ווען יענע האט נאך גע־לעבט — די גאנצע באלעבאטישקייט איז געשטאנען אויפ'ן זעל־ביגען ארט, אלע צימערען האבען געהאט דעמזעלביגען אויסזעהן; דער לעבען האט זיך דא געצויגען ווי פריהער — איין ענדערונג בלויז איז דא פארגעקומען: ס'האט זיך געביטען א מענש — יענע איז אוועק און די איז געקומען. די קליינע קינדער האבען זיך גיך צוגעוואוינט צו דער שטיעפמאמע; דער פאטער האט שוין געהאט אויפגעהערט קלאגען, ווען די איז געקומען, און ער האט זיך אונטערגנומען צו פיהרען זיין וועלט מיט דער נייער. און די געקומענע אליין האט דאך ניט געקענט זעהן דעם איבערבייט,

וואס אין הויז איז פארגעקומען. האט זי ניט געקלערט גאר, אז זי פערנעהמט דא אימיצענס ארט און וואס אינגאנצען מיט עטליכע חדשים צוריק בלויז האט קיינער זיך ניט פארגעשטעלט, אז יענע, די אויפבויעריין פונ'ם הויז וועט פערשווינדען, און אז אנדערע וועט איהר ארט פערנעהמען. זי האט זיך אין א גאנץ קורצער צייט ארייגעלעבט אין איהר נייעם לעבען, און ס'האט זיך איהר אויסגעוויזען און זי האט זיך געפיהלט, אזוי ווי זי וואלט שוין דא פון לאנג, גאנץ לאנג איינגעזעסען געווען, אייגענטליך דעם גאנצען לעבען איהרען... וואס פריהער געווען — האט זי אזוי ווי אין גאנצען פערגעסען, ווי א חלום אוועק... יענע, די פערשוואונדענע, איז גאר קיינמאל ניט געווען.

שפעטער א ביסעל האט פאסירט, אז איין ווארט — א ווערטעל — האט געמאכט אן איבערקערעניש אינ'ם שטילען, צופריעדענעם לעבען פון דער שטיפמאמע. דאס איז געווען דער קורצער ווארט „מאמע“, וואס דאס עלטערע קינד האט ארויסגעזאגט צו דער שטיפמאמע, אנשטאט „טאנטע“, ווי די גאנצע צייט פריהער; און דער דאזיגער ווארט איז ארייגעפאלען אין איהר הארץ, ווי א פונק אין א בערגעל טרוקענע שטרוי.

געשטאמט האבען דיביידע ווערטער — „טאנטע“ און „מאמע“ — פון דער באבען. באלד ווי די שטיפמאמע איז אנגעקומען, האט די באבע אויסגעלערענט דאס קינד רופען איהר „טאנטע“. נאר שפעטער, זעהענדיג ווי גוט די שטיפמאמע בענעהמט זיך צו די יתומים, האט די באבע, אלס בעלוינונג און אויך אום פעסטער צו מאכען דעם בונד צווישען איהר און די קינדער, אויסגעלערענט און איינגע'חזר'ט מיט'ן עלטערען קינד צו רופען דער שטיפמאמע — „מאמע“.

דערהערענדיג צום ערשטען מאל פונ'ם קינד'ס מויל דעם ווארט „מאמע“, האט דער שטיפמאמע'ס הארץ א פריידיגען ציטער געטהאן און אין דער זעלבער ווייל'ע האט אן אונבעשטימטער שרעק זיך צומישט מיט'ן פרייד. און אז דיזער געפיהל איז פאר־

איבער, האָט זי דערפיהלט אַ מאָדנע אָבהענדיגקייט, אַ וואַכעדיג־קייט און אַ פרעמדקייט... עס איז מיט איהר געווען, ווי מ'שלאָגט איבער אימיצען אין מיטען פון עפּעס אַ בעגייסטערטע אַרבייט און מ'זאָגט איהם: „וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, דו שוטה איינער!...“

„מאַמע“ — דאָס קינד האָט זיך מיט איהר גערייצט — וואָס איז זי דאָ פאַר אַ מאַמע?!...

און די שטיפמאַמע האָט זיך גענומען אויסטשוכען ווי פון אַ שטילען, פריעדליכען שלאָף... ביז איצט האָט זי ניט איבערגע־קלערט, אַז די קינדערלעך זיינען יתומים'לעך און זי טהוט אַ גוטע זאַך מיט דעם, וואָס זי איז צו זיי גוט, וואָרים זי איז דאָך אין דער אמת'ען צו זיי אַ פרעמדע. זי איז געווען ווי אַ מאַמע צו די קינ־דער אָהן אויסרעכענונג, נור דערפאַר, ווייל אַזוי האָט זי פער־שטאַנען, אַזוי האָט איהר געטריבען צו טהאָן, אַנדערש האָט זי ניט געקענט... איצט האָט זי די פרעמדקייט דערפיהלט, און זי האָט זיך דערזעהן און זיך דערפיהלט אין איהר ריכטיגען פּלאַץ... זי פערנעהמט דאָ דעם אָרט פון אַן אַנדערער... פון דער מאַמע... פון יענער, וואָס איז אוועק און איז מעהר נימאָ...

האָט זי ניט אויפגעהערט דערצעהלען זיך, אַז זי פערנעהמט דאָ בלויז אַן אָרט... יענע איז אוועק און זי איז אַריינגעקומען... וואָס פאַר אַ מחותן וואָלט זי דען געווען אין דיעזען הויז, אַז יענע וואָלט געלעבט?... איז דאָס ניט מעהר, אַז אַ סבה האָט געטראָפען... ער, דער מאַן, וואָס וואָלט ער דען צו איהר געווען, אַז די סבה וואָלט ניט געטראָפען?... פרעמד איז צו איהר אַלץ אין הויז, יעדע שטי־קעל מעבעל, יעדע כלי. אַלץ, יעדע ברעקעלע אין הויז, איז דאָ געווען פריהער פון איהר, און איז דאָ איינגעפונדעוועט און בע־לאַנגט דאָ אָהער און האָט דאָ אַ דעה... נור זי אַליין האָט פערנו־מען אַן אַנדערערס פּלאַץ... און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז יעדע קליינע און גרויסע זאַך אין הויז, צו וואָס זי ריהרט זיך צו און וואָס זי דערזעהט, שטעכט איהר צו: איך בין דאָ אַלע מאָל געווען... איך בין דאָ אויף מיין אייגענעם אָרט... און ביים אויסבעטען און פערבעטען די בעט, האָבען איהר איהרע צוויי

אַריינגעבראַכטע קישענס אויסגעזעהן ווי פרעמדע און איינגעבעטענע צווישען די יחסנ׳דיגע, דאָ איינגעפונדעוועטע בעטגעוואַנט.

וואָלט דער מאַן איהרער געווען אַן אַנדער סאָרט מענש, וואָלט ער ארויסגעוויזען איהר ליעבע און צערטליכקייט, גערעדט צו איהר הייסע רייד — וואָלט ער אפשר דערמיט איהר בעוויזען און איבערצייגט, אַז זי האָט דאָ אַלע רעכטען, און פערטריבען דערמיט די געדאַנקען, וואָס האָבען איהר געפּייניגט און מיט איהר זיך געריצט. איז ער אָבער געווען אַ שטילער, קאַלטער מענש און ניט געוואוסט פון ליעבע־צערעמאָניעס. און ביז איצט האָט זי זיך פון זיין קאַלטליכער בענעהמונג ניט געפיהלט געטראָפען. זי האָט אויף דעם קיין איבעריגע צייט ניט געהאַט; זי איז געווען פערנומען מיט איהר נייעם לעבען, מיט די הויז. אָבער אַז ס׳האָט געטראָפען די געשיכטע מיט׳ן וואָרט „מאַמע“, האָט עס איהר שוין אונטערגעזאָגט, אונטערגעטריבען נאָכקוקען איהם, צוקוקען זיך נעהנטער און טיעפער; מאַכען זיך אַ חשבון, ווי אַזוי ער בעגעהט זיך און בענעהמט זיך — — — האָט זי דערזעהן, וואָס זי האָט „געוואָלט“ זעהן, זי גיט איהם עסען—עסט ער; זי גיט איהם וועש — טהוט ער אָן. ער פרעגט אַלע אָבענד, וואָס די קינדער האָבען געטהאָן דורכ׳ן טאָג. ער גיט איהר געלד פאַר׳ן הויז. ער איז נאָהענט צו איהר — ווי אַ מאַן צו אַ פרוי. אַזוי איז געווען די גאַנצע צייט, און אַזוי איז איצט. אָבער פון פריהער — ביז דעם וואָרט „מאַמע“ — האָט זי איצט ניט געטראַכט. איצט זעהט זי אין די אויסגערעכענטע זאַכען בלויז דאָס, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אין די געדאַנקען: זי איז אָהער אַריינגעקומען איהם געבען עסען און וועש, דערצעהלען איהם, וואָס די קינדער האָבען געטהאָן דורכ׳ן טאָג, אַכטונג געבען אויף די זאַכען אין הויז, פערזאָרגען איהם מיט אַלץ, וואָס אַ מאַן מוז האָבען... אַן אַריינגעקומענע איז זי, אַ פערנעהמערקע פון אַן אָרט...

זאָגען, אַז זי האָט חרטה געהאַט אויפ׳ן שדוך, האָט מען ניט געקענט. עס האָט איהר ניט פערדראָסען. זי איז גלאַט געווען אונצופריעדען און אויפגערודערט — ס׳איז אוועק די פריעדליכע

רוהיגקייט; און זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי פאַרלאַנגט און בענקט, און וואָס דער צוריק גוט מאַכען, ווי גענוע. און זי האָט גאָרניט געמאַכט ביי זיך קיין פאַרגלייכונגען פון פריהער ביז איצט. נאָר רוהען האָט עס איהר ניט געלאָזט, און עס האָט זיך איהר נאָכאַנאַנד געהייסען פרעגען זיך, וואָס זי איז דאָ אַזוינס, און עס האָט איהר געזאָגט און בע־וויזען, אַז זי איז דאָ אַ פרעמדע, אַז אַריינגעקומענע. אַלץ איז דאָ פריהער געווען און געזעסען איינגעפונדעוועט פון פריהער... דאָס האָט זי אַרויסגעזעהן פון יעדער זאַך אין הויז...

צו די קינדער אין הויז בענעהמט זי זיך ווי פריהער, נאָר מיט דעם אונטערשיעד, וואָס איצט טהוט זי דאָס מיט אַ חשבון, מיט אַ באַוואוסטזיין, פיהלענדיג ביי זיך, אַז זי מוז אַזוי זיך בענעהמען און זי טאָר ניט אַנדערש; אָבער אויך וויסענדיג און פיהלענדיג די גוטע זאַך וואָס זי טהוט... און אויך די הויז־אַרבייט טהוט זי פלייסיג און געשיקט; אָבער זי טראַכט איצט, אַז זי טהוט עס, ווייל זי דאַרף טהאָן, זי וויל טהאָן — ווי דען קען זיין?

דאָס עלטערע קינד רופט איהר אַלע ווייַלע „מאַמע" און דאָס איינגערע האָט שוין אויך אָנגעהויבען אַרויסזאָגען דאָס וואָרט, נאָר דער שטיפמאַמען ערגערט דאָס שוין ניט מעהר. זי האָט שוין אייגענטליך פערגעסען, אַז די אַלע מאַטערענדע געדאַנקען איהרע זיינען אַרויסגעקומען פון דיזען וואָרט. און דערנאָך, אַ ביסעל שפּעטער, האָט דאָס וואָרט „מאַמע" פון די צוויי פרעמדע קינדער שוין פערשאַפט איהר אַ שטילען פערגניגען. זי האָט אין דעם וואָרט פון די מיילער פון די קינדער געפיהלט אַ מין נקמה אַן יענער, וואָס איז דאָ איינגעפונדעוועט געווען... און אויך האָט איהר הנאה געטהאָן, וואָס כאָטש די קינדער זיינען געגאַרט, ווייסען ניט פון דעם ריכטיגען אָרט, וואָס זי פערנעהמט דאָ...

דער גאַנג פון לעבען האָט אַריינגעוואָרפען אַן אַנדער פונק אינ'ם לעבען פון דער שטיפמאַמע, און ווידער געמאַכט דאָרט אַן איבערקעהרענים.

עס האָט געדויערט אַ ביסעל מעהר צייט, ס'האָט אָבער פּאַ־
סירט — זי האָט זיך דערפיהלט, אז זי וועט ווערען אַ מאמע. און
אין דער מינוט האָט זי אויך דערפיהלט, אַז זי איז די יחסנ'טע,
די בעהערשעריז פונ'ם הויז און אַלץ, וואס דא געפינט זיך, אונטער
איהר ווילען און מאַכט. ביי אויסבעטען און פערבעטען די בעט
האָט זי געזעהן, אַז די צוויי אריינגעבראַכטע קישענס איהרע
זיינען דאָ די „בעטגעוואַנט“ און די איבעריגע קישענס זיינען גלאַט
קישענס, אונטערטהעניגע אונטער איהרע „בעטגעוואַנט“. און דער
מאַן איהרער איז ביי איהר אין הויז, אין איהר הויז... און עס
האָט געקלונגען גרילצענדיג אין איהרע אויערען די קורצע רייד
זיינע, פרעגענדיג איהר פון אָבענד, וואס די קינדער האָבען דורכ'ן
טאָג געטהאָן... דער וואָרט „מאמע“ פון די קינדערלעך איז איצט
אַ קאָמיש, קיצעלדיג וואָרט, וואָס דערוועקט אַ פעטען שמייכעל
אין האַרץ פון דער שטיפמאמע. זי קען איצט בעשטעהן צו הערען
דעם דאַזיגען וואָרט פון די גענאַרטע קינדער... צו דער נקמה
אַן יענער, וואָס דיזער וואָרט האָט אין איהר פערשאַפט, איז איצט
צוגעקומען טיעפער נחת... עס איז דאָך דער פאַרשפּיעל צו דעם
ריכטיגען, עכטען וואָרט, וואָס זי וועט אין אַ קורצער צייט הערען...

א וועלט מיט שווינדלער

דער בוטשער יאנקעל צונטער, א ברייט־ביינערדיגער איד פון א יאהר פערציג, מיט א ברוינע בארד, וואס איז ווילד צוואוואקסען אויף די קין־באקען און די אונטערשטע ברעגעס ארונטערגעבויגען, האט שפעטלעך אין אבענד פערשלאסען זיין בוטשער־סטאר און אליין האט ער זיך אוועקגעלאזען געהן אין סטענטאן סטריט. דער אבענד איז געווען א הייסער, איז ער געגאנגען די עטליכע בלאק אהן א ראק, די ארבעל פונ׳ם העמד פערקאטשעט ביז די עלענבויגענס און דעם הארטען קאפעליוש פעררוקט אויפ׳ן פאטילניצע. און געהענדיג האט ער געקלעהרט, אז די צעהן דאלאר זיינע איז מסתמא פערפאלען; הלואי קריגט ער כאטש עפעס ארויס דערפון, וועט ער אויך האבען גוט אבגעשניטען.

אבגעהענדיג אנדערהאלבען בלאק אויף סטענטאן סטריט, איז ער געבליבען שטעהן ביי אן אלטע פריוואט־הויז, גוט צוגעקוקט זיך אויפ׳ן ברעטעל ביים פענסטער און איבערגעלייענט אין דער האלב־פינסטערניס: „רעווערענד יחיאל אויבסמאן, מסדר קדושין, מוהל און שדכן" — און ער איז ארויפגעגאנגען די עטליכע טרעפלעך.

רעווערענד אויבסמאן, א מאן אין די פופציגער, מיט א גרויע דורכזיכטיגע בארד, מיט א זיידענע יארמולקע אויפ׳ן קאפ, איז געזעסען ביים טיש פאר א צושפרייטע אידישע צייטונג און געלייענט דעם „ראמאן". אויף א ווינקעל פון צייטונג איז געשטאנען א גלאז טהע און דערביי איז געלעגען א רויטע פאטשיילקע אויף צו ווישען דעם שוויים.

— גוד־איווניננ, זיצט, מיסטער צונטער — האט דער רעווערענד פריינדליך מקבל־פנים געווען דעם בוטשער און איהם דער־

לאנגט די האנד. א הייסער אבענד היינט. גוט, וואס איהר זייט איצט געקומען, כ'בין אליין אין הויז, וועלען מיר זיך קענען גוט דורכריידען.

— כ'האב ניט קיין פיעל צייט — האט דער בוטשער געזאגט, זיך אוועקזעצענדיג, — כ'האב איבערגעלאזט מיין מיידעלע אליין אין סטאר, ז'איז געווען ביי אייך?

— וועלכע מיינט איהר?

— ווי רופט'ן איהר, פון אפטאן.

— זי וויזט זיך עפעס ניט, — האט דער רעווערענד געזאגט, — כ'וועל מארגען צו איהר צופאהרען, כ'דארף סיי־ווי־סיי זיין אין יענעם געגענד.

— כ'האב מורא, ס'איז אומזיסט די טרחה, — האט דער בוטשער געזאגט מוטלאז — זי מוז גאר אודאי ניט האבען קיין פיער הונדערט טאלער.

— די געלט האט זי, פאר דעם דארפט איהר קיין מורא ניט האבען — האט דער רעווערענד איהם פערזיכערט — כ'האב איהר געזאגט, אז פאר'ן שטעלען א חופה וועט זי דארפען דערלאנגען אייך אין האנד אריין, און זי איז מרוצה געווארען, איז דאך ניט שייך קיין נארעריי.

— אזוי געפעלט זי מיר אויך ניט שטארק,—האט דער בוטשער זיך געבערעקעלט, — זי קוקט אויס צו זיין א שוואכע, וואס דאס טויג ניט פאר מיין ביזנעס. כ'מוז האבען אזא, ווי יענע „אלוועד־שאלעם" איז געווען, זי זאל מיר אונטערהעלפען, כ'זאל זיך אויף איהר קענען פערלאזען, אז זי קען האלטען א האק אין האנד.

— דאס וועט זי זיך אויסלערנען נאכדעם, — קנעלט דער רעווערענד ווייטער מיט'ן חתן — און וואס איהר זאגט א שוואכע, דאכט זיך דאס גאר אמאל אב. א מענש זעהט אויס אויפ'ן קוק שוואך און צום סוף לאזט זיך אויס, אז ער איז שטארקער פון אנדערע.

— כ'האב מורא פאר א קראנקע, כ'בין שוין א געשלאגענער, און כ'ווייס גוט דעם טעם, — האט דער בוטשער געהאלטען פעסט

זיין פאזיציע, — אז יענע אלוועשאלעם האט אנגעהויבען קרענקען, איז געווארען פון אלץ א תל. כ'האב מורא זיך אנצוהויבען. וואס טהו איך, אז באלד נאך דער חופה לעגט זי זיך אוועק?

דער רעווערענד האט א שמייכעל געטהאן.

— פאראכטאגען האט איהר דאס ניט געזאגט; איהר זייט שוין פארטיג געווען צו שטעלען א חופה און היינט רעדט איהר גאר אזוי. מילא, איך האב מיט יענער קיין דאגה ניט. איך וואלט אייך געזאגט, אויב איהר ווילט מיר פאלגען, נעהמט אייך די ברוקלינערקע.

— די וואס מיט די לאנגע אוירינגלעך? — האט דער בוטשער געפרעגט אזוי ווי דערשראקען, — ווי קום איך צו אזא? זי זעהט אויס צופיעל ווי א „לידע", נאכאנאנד מיט די ענגליש, כ'בין א פראסטער מענש, ווי קום איך צו אזא?

— וואס איז דאס פאר א חסרון? — האט דער רעווערענד ניט פערשטאנען, — אדרבה, זי קען דאך ריידען אידיש אויך, אז מ'וועט דארפען, וועט זי ריידען אידיש און אז מ'וועט דארפען, וועט זי ריידען ענגליש.

— וועגען די ברוקלינערקע איז ניטא וואס צו ריידען! — האט דער בוטשער ניט געלאזט דעם רעווערענד ווייטער אנגעהן, — כ'דארף האבען א פרוי, וואס זאל שטעהן מיט מיר לעבען קלאץ, ניט קיין ליידע. כ'האב א נאטור זיך צוצולעגען אויף א ווייל ביי־טאג, דארף איך האב אויף וועמען זיך צו פערלאזען, ווי אויף יענע אלוועשאלעם.

דער רעווערענד האט ווידער א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

— איהר זייט א מאדנער איד: מיט עטליכע טעג צוריק האב איך אליין געלאכט צו זיך: — איהר האט זיך, ווי מ'זאגט, פערליעבט אין איהר, אז איהר האט איהר דערזעהן. דער חסרון איז געווען, וואס די ווייבעל פון אפטאן האט א פאר טאלער. איצט זאגט איהר, אז זי געפעלט אייך גארניט.

— די וואלט מיר אפשר געפעלען געווען — האט זיך דער חתן פערענטפערט — האב איך אייך דאך געזאגט פאר וואס כ'האב מורא.

— כ'וועל איהר מיט געוואלד אויף אייך ניט אנווארפען — האט דער רעוורענד וויעדער געשמייכעלט, — זי איז ביי מיר א גאנץ גוטע סחורה. אז איך וואלט געווען איהר, ווייסט איהר וואס איך וואלט געטהאן?

— וואס? כ'וויל טאקע הערען.

— כ'וואלט גענומען די פרוי וואס כ'האב אייך אנומעלט אנ־געוויזען אויף דער פיערטער סטרים ביי דער ערשטער עוועניו לעבען סטענד פון די „גרינס מיט וועדזשעטייבעלס". אויף איהר דארפט איהר ניט מורא האבען, אז זי איז א לײדי, און וועגען א שוואכע איז דאך גאר ניטא וואס צו ריידען: איהר'ט דאך אליין געזעהן וואס זי האט „אנגעגעבען" לעבען סטענד מיט די קאס־טאמערס.

— כ'קען איהר ניט אריינגעהמען מיט צוויי קליינע קינדער, — האט דער בוטשער געזאגט פערכמורעט, — ווי קומט אזא זאך צו מיר?

— וואס ארט אייך איהרע קינדער? זי פערדיענט דאך אליין פאר זיי! הלואי פארדיענען איך וואס איהר סטענד טראגט איין, הער איך היינט ביינאכט אויף ריידען שדוכים.

— וואס טויג מיר איהר סטענד, אז איך דארף איהר האבען צו זיך אין סטאר? ווי וועט זי קענען זיין מיט איינמאל אויף צוויי יארידען? וועל איך נאך מוזען סופארטען איהרע צוויי קינדער; ס'איז ניט פאר מיינע כחות!

— דער שדוך געפעלט אייך אויך ניט? — האט דער רעווי־רענד זיך געוואונדערט, — דאכט זיך, דאמאלס האט איהר זיך ניט געקענט אברייסען פון קוקען אויף איהר און איהר האט מורא געהאט איהר זאלט ניט פערזאמען. אסור, אויב איך ווייס וואס מיט אייך טהוט זיך.

— ניין, כ'זאג גארניט, — האט זיך דער בוטשער פערענט־פערט, — צו איהר אליין האב איך גארניט, זי זעהט אויס פון ווייטען א גאנץ פיינע פרוי, כ'זאג וואס כ'קען זיך ניט פערנעהמען מיט סופארטען צוויי קינדער.

— וואס־זשע טהוט מען פארט מיט אייך? — האט רעוורענד אויבסמאן זיך פערקלערט, — איהר וועט מוזען א ביסעל אונטער־ווארטען, מסתמא וועט זיך עפעס מאכען, איצט האב איך גראד ניט אויפ׳ן האנד אייך צו „סוט׳ן“.

— וואס רעדט איהר, ווארטען? — האט דער בוטשער זיך דערשראקען, — כ׳שטעה איין מענש אליין אין סטאר. כ׳האב איצט איבערגעלאזען א צוועלף יעהריג קינד אליין אין סטאר.

— וואס קען איך אייך העלפען, אז איהר האט מיט איינמאל חרטה אויף אלע שדוכים? צו אדרער קען איך ניט מאכען אין דער מינוט. כ׳וועל זיך די וואך זעהן מיט מיין פארטנער אין הארלעם, אפשר האט זיך איהם געמאכט פאר אייך א גלאטע זאך.

— ווארטען קען איך ניט!

— וואס קען איך אייך העלפען? איהר מוזט זיין א ביסעל געדולדיג.

— כ׳וואלט געזאגט, — האט דער בוטשער געזאגט מיט א האלבען מויל, — איהר זאלט מיר אוועקגעבען צוריק מיינע צעהן טאלער דעפאזיט.

— דאס רעדט איהר ווי א קינד, — האט דער רעוורענד גע־שמייכעלט, — וואס וועט זיין מיט מיין ארבייט? מיין געהן? מיין פאהרען? געבאדערט אומזיסט און אומנישט פרעמדע מענ־שען?

— וואס בין איך שולדיג, אז איהר קענט ניט „אויספיה־רען“?

— זאלען מיר דאס ביידע פערמאגען די טויזענדער, וויפיעל כ׳האב שוין אויסגעפיהרט און וועל נאך אם ירצה השם אויספיה־רען, — האט דער רעוורענד אויבסמאן אלע געשמייכעלט, — מסתמא וועט זיך אין קורצען עפעס מאכען.

— כ׳וועל האבען צוריק מיין דעפאזיט און א סוף! כ׳רעכען שוין אינגאנצען ניט צו טהאן אזוי גיך קיין שדוך, ביז מסתמא נאך „יאנטיוו׳ן“.

— הערסט! פריהער זאגט איהר אזוי און איצט זאגט איהר

אזוי! פריהער זאגט איהר, איהר קענט א מינוט ניט ווארטען און איצט זאגט איהר, אז איהר ווילט ניט טהאן קיין שדוך ביז נאך „יאנטייוו'ן", כ'הויב דאס גארניט אן צו פערשטעהן.

— וואס דארף איך זיך פאר אייך פערענטפערען? — איז שוין דער בוטשער געווארען אונגעדולדיג — אז איהר וואלט אויס־געפיהרט, וואלט איך אייך דערצאהלט די איבעריגע! איצט, וויל איך צוריק מיין דעפאזיט!

— א דעפאזיט איז א דעפאזיט, — האט דער רעוורענד גע־קנעלט מיט'ן בוטשער, — כ'האב מיט אייך ניט געמאכט קיין קאנ־טראקט וועלבען טאג דער שדוך זאל ווערען. ווארט'ס אויס א ווייל.

— כ'וויל האבען מיין געלט צוריק! — האט דער בוטשער געריעדט שוין מיט צארן. — וואס קענט איהר מיר טהאן, אז איך וויל גאר קיין שדוך ניט טהאן? אז איהר וואלט אויסגעפיהרט, וואלט געווען פערפאלען! כ'האב פיינט, אז מ'כאפט ביי מיר אריין!

— עה, אז איהר רעדט פון אריינכאפען, איז שוין אנדערע דבורים, — האט דער רעוורענד געזאגט, דוקא אהן כעס, און אויפ־געשטעלט אין דער הויך דעם צייג־פינגער פון דער רעכטער האנד — כ'האב מיט אייך ביז איצט גערעדט ווי א דזשענטעלמאן. זאג איך אייך איצט, אז קיין אינגעל בין איך ניט. איך וויים, אז איהר דארפט מיר שוין ניט. איהר האט יענעם טאג געטהאן א שדוך מיט דער גע'גט'ער בארבערקע „אנטקעגען אייך קראס די סטריט", וואס מ'האט איהר פריהערדיגען מאן געכאפט אין פראווידענס, און היינטיגען שבת ביי נאכט וועט ביי אייך זיין די חופה.

— וואס דערצעהלט איהר מיר פאר מעשיות! — האט דער בוטשער איהם איבערגעשלאגען און זיך אויפגעשטעלט, — כ'וויל צוריק מיין דעפאזיט!

נאר דער רעוורענד האט איצט איבערגעשלאגען דעם בוט־שער:

— פע! ווי פאסט עס פאר א איד א בוטשער! האט זיך

איך חתונה געזונטערהייט! ווער לאזט אייך ניט? קומט איהר אבער גאר צוגעהן און זאגט, אז איך קען ניט אויספיהרען און איך האב ביי אייך אריינגעכאפט און איהר ווילט ארויסנארען דעם דעפאזיט, און איך זאל לויפען און פאהרען און בארערען מענשען אומזיסט! פע, ניט שעהן!

— וואס דרעהט איהר א קאפ? — האט דער בוטשער שוין ניט געהאט קיין ארגומענט, — זאגט, אז איהר ווילט מיר ניט אוועקגעבען מיין דעפאזיט!

— געוויס וויל איך ניט און איך וועל טאקע ניט געבען אויך, — איז זיך דער רעוורענד געווען קאלט, — און אייער כלה קענט איהר לאזען גריסען, אז זי דארף זיך ניט מטריח זיין צו קומען צו מיר נאך א מאל נאך איהרע פינף טאלער דעפאזיט. איינמאל איז זי שוין געווען מיט א תירוץ, אז זי וויל שוין מעהר ניט חתונה האבען. כ'האב זיך נאכגעפרעגט אויפ'ן בלאק, כ'האב דארטען בעקאנטע. גוד־נייט, געהט געזונד! דערווייל איז קאלט געווארען מיין טהע, — האט ער געענדיגט ארומגעהמענדיג די גלאז טהע מיט'ן האנד.

— איהר וועט מיר בעצאהלען ביז א פעני! — האט דער בוטשער געסטראשעט, שוין שטעהענדיג אין דער אפענער טיהר, נאר ער איז שוין ביי זיך זיכער געווען, אז דער דעפאזיט איז פערפאלען. און געהענדיג אהיים האט ער צו זיך געווארטשעט: „ארויסגעשווינדעלט צעהן טאלער... רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע... פון איהר אויך פינף טאלער... איז דאס פופצעהן... נאך גוט וואס פון איהר ניט מעהר ווי פינף... און זי זאגט מיר, אז זי האט פיינט שדכנים... האט אויף איהר לעבען א ווארט ניט אויסגערעדט מיט א שדכן... מיר זאגט זי ליגען און שטאפט איהם אן מיט פינף טאלערדיגע... גיב זיי געלד, שווינדלערס!... זאל ער דאס אויסקרענקען אויף דאקטורים... שעהנע רעוורענדס אין אמעריקע!...“

דקדוק

ער איז געקומען דעם ערשטען מאָל ביי מיר אין הויז אין אַ היסען, שטיקענדען אַבענד, בשעת מען איז געוועהנליך בייז אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט; ווען מען קען ניט אַנקוקען ניט זיך און ניט קיין אַנדערע; און מיט אַ מאַדנעם פערלאַנג איז ער געקומען: איך זאָל ביי איהם נעהמען לעססאָנס אין העברעאיש.

ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, אַ געגאָלטער, גאַנץ אַנשטענדיג אַנגעטהאַן און געזעסען איז ער אָהן אַ היטעל — ער האָט בשום אופן ניט אויסגעזעהן ווי אַ מלמד.

— אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז איהר ווילט זיך לערנען העברעאיש, — האָט ער ערקלעהרט, זעהענדיג מיין פערוואונדערונג.

— ווער האָט דאָס אייך געזאָגט? — האָב איך איהם געפרעגט נאָך מעהר פערוואונדערט.

ער האָט אַנגערופען אַ נאָמען פון מיינעם אַ באַקאַנטען.

איך האָב אַנגעשטרענגט מיין זכרון און איך האָב מיך דערמאָנט. אין אַ געשפּרעך אַמאָל מיט דעם בעקאַנטען מיינעם האָב איך געזאָגט, דאָס מיך פערדריסט, וואָס איך קען ניט גוט העברעאיש, און אַז איך וואָלט געהאַט געדולד, וואָלט איך דערלערענט אַ ביסעל די שפּראַך. דאָס האָט יענער מסתמא אויסגעטייטשט, אַז איך נעה זיך נעהמען צו העברעאיש און האָט מיר אונטערגעשיקט דעם לעהרער.

— יענער האָט ניט ריכטיג פערשטאַנען, וואָס איך האָב איהם געזאָגט, — האָב איך איהם ערקלעהרט, — איך וויל ניט נעהמען קיין לעססאָנס אין העברעאיש.

— פארוואס ניט? — האט דער לעהרער מעהר געבעטען איי־דער געפרעגט.

— כ'קען זיך יעצט מיט אזא זאך ניט „באדערען“.

— באדערען? פארוואס רופט איהר דאס אן באדערען? ס'איז דאך אן אמת'ער פלעזשור!

— ס'קען זיין, — בין איך שוין געווארען אונגעדולדיג, — איך וויל דאס אבער ניט.

— צווינגען קען איך אייך ניט, אבער, אז איהר וואלט אנ־אנגעהויבען, וואלט איהר אליין ניט געוואלט אויפהערען. ס'איז ווי א מאגנעט, ס'ציהט.

מיר איז געווען שטארק היים, ס'האט געשטיקט; כ'האב פיהלט, אז איך פערליער די גערולד, און איך האב איהם ערקלערט פראסט און שארף, אז איך וויל היינט ניט קיין לעסאנס אין העב־רעאיש.

ער האט זיך אנגעכאפט אן דעםווארט „היינט“.

— היינט פאסט זיך טאקע עפעס ניט, — האט ער געזאגט, — צו היים היינט; אלרייט, כ'וועל ארויפקומען אן אנדערם מאל, גוד־נייט.

ער איז אויף גיך ארויס פון הויז, ניט געוואלט הערען פון מיר, משמעות, אז ניט היינט און ניט אן אנדערם מאל וועל איך ביי איהם נעהמען לעסאנס אין העברעאיש.

אין עטליכע טעג ארום איז ער ווידער געקומען צו מיר אין הויז. איך האב שוין געהאט אין גאנצען פערגעסען אן איהם. ער האט מיר דערלאנגט די האנד, ווי אן אלטען בעקאנטען, מכבד געווען מיר מיט א סיגארעט, געגלעט די קינדערלעך.

— ווען פאנגען מיר אן? — האט ער א פרעג געטהאן, אזוי ווי די זאך וואלט שוין געווען בעשלאסען.

— כ'דענק, אז ניט. ווען מען ליעגט דאס אין זינען?

— איהר קענט דאך פרובירען אנהויבען. וואס קענט איהר דא צולעגען?

— ניין, — האָב איך זיך געהאַלטען פעסט.

— איהר'ט מיר דאַנקען, איהר'ט אַליין זעהן.

איך בין געפאַלען אויף אַ גוטען פּלאַן. דער מאַן וויל נעבאך פערדינען עטליכע סענט; ער זוכט ביזנעס, ער „קענוועסט", האָב איך אַ גוטען מיטעל פּטור צו ווערען פון איהם.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, — האָב איך אָנגעהויבען מיין ערקלעהרונג, — די צייט איז איצט גאַנץ שלעכט, מ'מאַכט קוים אַ לעבען, כ'קען ניט צאָהלען. אפשר, אַז די צייט וועט זיך פערבעסערן, וועלען מיר דאַמאַלס זעהן.

מיין „גוטער פּלאַן" האָט אָבער געהאַט אַ קאַפּע ווירקונג אויפ'ן העברעאישען לעהרער. אדרבה, ער איז געוואָרען נאָך מונ־טערער, דרייסטער; זיין פּנים האָט אויפגעלויכטען.

— וועט איהר מיר ניט צאָהלען באַלד, האָט ער היציג גע־געזאָגט — איהר זיינט ביי מיר גוט געלד. לאָמיר נור אָנהויבען.

— ניין, כ'וויל ניט אַריינקריכען אין נייע חובות. כ'האָב געננוג.

— איך וועל אייך זאָגען, — האָט ער אָנגעהויבען — אין אַ פּאָר מינוט אַרום, — קיין לעבען מאַך איך ניט פון מיינע העברע־אישע לעסאָנס; איך נעהם קיין געלד פון קיינעם ניט דערפאַר. איך וואָלט זיך גאָר געשעהמט פאַר זיך אַליין צו נעהמען בעצאָהלט פאַר העברעאיש. זאָגען אייך דאָס באַלד, האָב איך ניט געקענט, כ'וואָלט אויסגעקוקט ביי אייך מאָדנע: אַ פרעמדער מענש קומט צו געהן און שלאָגט זיך אָן צו געבען לעסאָנס אומזיסט.

און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער מאַכט זיינע איבער צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך פון אַ מאַרגענצייטונג־סטענד. ער איז „סינגעל", און זיין פערגניגען איז לערנען מיט אימיצען העברע־איש. ער אַליין איז גאָר אַ פריידענקער, אַז ער וועט אַרויסנעהמען די פּייפּערס, וועט ער וואָטען פאַר די סאָציאַליסטען, אָבער מיט העברעאיש „קעהר זיך דאָס גאָרניט אָן". ער טהוט דאָס ניט צוליעב פרומקייט, נאָר צוליעב די שעהנקייט און „שכל'דיגקייט", וואָס ליעגט אין העברעאיש — און דקדוק. אַמאָליגע יאָהרען האָט

ער געלעבט אויף טרוקענע ברויט מיט דקדוק און איהם איז גע־וועזן בעסער ווי היינט. אין יענע צייטען איז ער געוואָרען מיט יעדען טאָג רייכער, צופריעדענער, קליגער. יעדע זייטעל פון שטיינבערג'ס „מערכי לשון עבר", האָט איהם אריינגעבראַכט מעהר שכל. און ער האָט מיר פערזיכערט, אַז אויך איך וועל ווערען גליקליך און קלוג, בשעת דער דקדוק וועט ווערען פאַר מיר אַלץ קלערער און קלערער. עס קען גאָרניט געמאַלט זיין, אַ מענש זאָל קענען גוט דקדוק און ניט זיין אַ חכם. וואָרים עס עפענט זיך דער מח, אַלץ ווערט פאַר אייך קלאָהר, די וועלט ווערט פאַר אייך ליב־טיג. און עס קען אויך ניט געבען אין דער וועלט, אַ מענש זאָל קענען גוט העברעאיש און זיין אַ פערדאָרבענער מענש. ער קען מיר וועטען וויפיעל איך וויל אַליין, אַז מען זאָל אויסזוכען אַלע פריזאַנס, וועט מען דאָרט ניט געפינען כאָטש איינעם, וואָס קען גוט העברעאיש. ער האָט גערעדט און געקוקט אויפ'ן זייגער, זיך אויפגעהויבען און זיך ענטשולדיגט, ער מוז געהן, ער האָט היינט אַ לעסאָן; אַ סטאָרקיפּער פון טרימינגס נעהמט ביי איהם צוויי לעסאָנס אַ וואָך, יענער וויל איהם גאַנץ פיין בעפרידיגען, וויל איהם געבען פּרעזענטען, אָבער חס־ושלום, מען זאָל איהם אפילו אָבגילטען! פאַר העברעאיש נעהמען געלד — קיין גרע־סערע שאַנדע קען גאָרניט זיין!

ביים „גוד־נאַיט" האָט ער וואָרעם געדריקט מיין האַנד, און מיר פערזיכערט, אַז איך וועל איהם דאַנקען, איך וועל איהם גע־דענקען, איך וועל איהם ניט פערגעסען.

אויף מאָרגען אָבענד איז ער שוין געקומען פריהער, איידער איך האָב נאָך געהאַט געענדיגט מיין סאָפּער.

— מיט דאָס וועלען מיר אָנהויבען, — האָט ער מיר געוויזען משה הכהן רייכערסאָנ'ס „מסלול".

— דאָס האָב איך שוין לאַנג פערגעסען, — האָב איך איהם ערקלעהרט.

— אַזוי! — האָט ער אויסגערופען מיט שמחה, — איז דאָך געוויס גוט. וועלען מיר זיך נעהמען צום „לוחות הפעלים", און

אַז מיר װעלען האַלטען ביי דאָס, — האָט ער אַנגעװיזען אויף שטיינבערג'ס מעטאָדע, — הלואי האַלטען מיר שוין דערביי! נור חשק, התמדה. איהר װעט זיך נור אַריינטהאָן אין דעם, װעט אייך דאָס שוין ניט אַבלאַזען, ס'איז װי אַ מאַגנעט. מיט גאָרדאָן'ס „מורה הלשון", אַז איהר װעט זיך בעקענען, װעט איהר ערשט װיסען די געשמאַקייט פון העברעאיש און דקדוק; איהר װעט אַז אַלע צרות פערגעסען. איהר נעהמט אַ װאָרט און איהר טהוט מיט איהם װאָס איהר װילט אַליין. אַז איהר װילט — מאַכט איהר דאָס פאַר איינס, לשון יחיד; אַז איהר װילט, װערט דאָס אַ סך, לשון רבים. איהר קענט דאָס מאַכען אויף איצט — הוה; אָדער אויף דעם עבר, דאָס הייסט, װאָס איז שוין אַװעק. היינט זיינען פאַראַן אין העברעאיש פרויען־װערטער און מענער־װערטער, װאָס מען רופט אַן לשון־זכר און לשון־נקבה. איהר װייסט דאָס מיט אַ שכל, װאָס איהר חזר'ט זיך איין פון דקדוק, װאָס זאָגט אייך די כללים, װי דאָס צו װיסען. און איהר פיהלט פון דעם אַ געשמאַקייט, װי פון דעם טהייערסטען װיין.

און ריידענדיג האָט ער זיך טאַקע פאַסמאַקעװעט װי פון דעם טהייערסטען װיין.

איך האָב געזעהן פאַר זיך אַן אינטערעסאַנטען מענשען, אַן ענטהוזיאַסט; יאָ, אַן אידעאַליסט; אַ מענשען מיט אַן אידעאַל און מיט אַ שטרעבונג. איך האָב מיך מיט איהם ברייטער פונאַנדערגערעדט. ביז אַכצעהן־ניינצעהן יאָהר איז ער געזעסען איבער דער גמרא איז אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטא. דערנאָך האָט איהם איינער „איינגערעדט", ער זאָל זיך לערנען העברעאיש. ער האָט אַנגעהויבען לערנען העברעאיש און דקדוק, און ער האָט זיך דערפון ניט געקענט אַברייסען, ער איז געװאָרען אַ צוגעשמידטער — ער מוז דערגרונטעװען ביז'ן דעק. אָבער װאָס איז שייך זאָגען דערגעהן דקדוק ביז צום סוף! דאָס קען דאָך גאָרניט געמאָלט זיין! דאָס קען דאָך קיינער ניט אויספיהרען. װאָס דאַרף מען מעהר: אברהם מאַפו! קיין גרעסערער העברעער און בעל־דקדוק פון אברהם מאַפו איז דאָך אויף דער װעלט ניט געװען און

וועט ניט זיין, פונדעסטוועגען האט ער אליין, דער לעהרער, געפר־נען אין מאפו׳ס „אהבת ציון“ צוויי דקדוק־גרייזען, און אין זיין „אשמת שמרון“ גאנצע דריי. וועט מען דאך אפשר וועלען זאגען, אז דאס זיינען דרוק־פעהלערען — איז דאס אבער ניט אזוי. ער האט געמאכט דערפון א שטודיום, און ער קען שווערען ביי אלץ אין דער וועלט, ביי זיין לעבען אפילו, אז דאס זיינען ניט קיין דרוק־פעהלערען. היינט, אז מיט מאפו אליין האט דאס געקענט פאסירען, טו וואס איז שייך צו זאגען, דערגרונטעווען דקדוק ביז׳ן סוף! נאר פונדעסטוועגען איז דאס קיין תירוץ ניט, אבלאזען טאר מען ניט, מען מוז געהן אלץ ווייטער און ווייטער, לערנען און פארשען די שפראך, דקדוק. פון די איצטיגע שרייבער האלט ער ניט און וויל ניט פערלירען קיין צייט אויף זיי. ער האט גע־פרופט לעזען ביאליק און „אחד העם“, וואס די גאנצע וועלט מאכט אזא געוואלד וועגען זיי — האט ער אבער באלד איינגעזעהן, אז ער קען פון זיי גארניט לערנען, און זיי אוועקגעווארפען. בסדר־הכל האבען זיי אלע גענאשט פון מאפו׳ן; מעהר דקדוק פון מאפו׳ן קענען זיי געווים ניט, און מאפו׳ן קען ער קלאהר, ווי זיינע פינף פינגער, ער האט גענוג נעכט, גענוג יאהרען אבגעגעבען אויף מאפו׳ס שפראך און דקדוק. ער האט שוין אליין אמאל אנגעהוי־בען שרייבען א ראמאן, אנגעשריבען עטליכע צעהנדליג זייטלעך פאפיער, נאר דערנאך, אז ער האט עס גענומען לייענען, האט ער דערזעהן, אז מאפו האט נעשריבען דאס זעלביגע, וואס ער, ניט אקוראט ווארט ביי ווארט, אבער כמעט דיזעלביגע געדאנקען, די־זעלביגע רייד, דיזעלביגע דקדוק — האט ער אויפגעהערט שריי־בען. א חוץ דעם האט ער ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך צו פער־ברענגען זיין צייט אין שרייבען, ווען עס געהען ארום אזוי פיעל מענשען, וואס ווייסען ניט דעם טעם און די געשמאקייט פון העב־רעאיש און דקדוק. אין אמעריקא איז ער עטליכע יאהר, געארבייט אין שעפער, און איצט מאכט ער א גאנץ פיינעם לעבען פון א מאר־גענצייטונגס־סטענד. ער איז דא געווארען א פריידענקער, א „האל־בער סאציאליסט“, העברעאיש און דקדוק איז נאך אבער אלץ זיין

הויפּט־צוועק אין לעבען. אַלע נאַכט גיט ער לעסאַנס, ער לערענט מיט קליינע, מיט גרויסע. צו ענגליש האָט ער דערוויַיל זיך ניט גענומען, — וואָס איז ענגליש ? אַז מען קען גוט העברעאיש, מ׳איז קלאָהר אין דקדוק, האָט שוין אַ קנאַפּער בעטרעף אויסצולערנען זיך וואָס פאַר אַ שפּראַך מ׳וויל ; אין קיין שפּראַך שטעקט דאָך ניט אַזוי פיעל שכל׳ען, ווי אין העברעאיש און דקדוק. האָט ער צייט, אַז ער וועט נור וועלען, גיט ער זיך אַ נעהם צו ענגליש און לערענט זיך אויס. אַזוי האָט ער אויך געקלעהרט אין דער היים וועגען רוסיש, — און איצט דאַרף ער דאָך שוין ניט זעצען זיך לערנען רוסיש.

מיר האָבען זיך אַזוי פּעררעדט, ס׳הייסט, ער האָט גערעדט, ביז דער זייגער איז געוואָרען נאָך אַכט, און ער האָט געמוזט אַוועק־געהן נעבען אַ לעסאָן. דעם פּעקעל ספרים האָט ער ביי מיר איי־בערגעלאָזט. יעדען נייעם תלמיד פּרעזענטירט ער מיט אַזאַ „סעט“. איהם קאָסט דאָס ביליגער, וואָרים ער קויפט אין האָלסייל און קריגט אַ ראַבאַט, אַזוי ווי די תלמוד־תורה׳ס.

— גוד־איוונינג, היינט וועלען מיר זיך שוין ניט פערשמועסען לאַנג, — האָט ער געזאָגט אויף מאָרגען אָבענד, קומענדיג צו מיר ביי די ערשטע ביסענס פון סאַפּער, — באַלד נעהמען מיר זיך צום לימוד. היינט איז אונזער התחלה.

ער האָט זיך געזעצט וואַרטען, דער סאַפּער זאָל זיך ענדיגען.

נאָכ׳ן עסען איז, ווי געוועהנליך, געוואָרען אַ שטיקעל טומעל פון די קינדערלעך. ער איז אָבער געווען פאַרבערייטעט אויף דעם און ער האָט זיך פערזאָרגט : ער האָט אַרויסגענומען אַ „בעג“ קענדי און דאָס דערלאַנגט דער חברה — איז דער טומעל געוואָרען נאָך שטאַרקער — האָט ער דערצו אויך געהאַט אַ גוטען מיטעל : ער האָט זיי געגעבען צו ניקעלס און זיי זיינען אַוועק אין מואַווינג־פּיקטשורס.

מיר איז אָנגעקומען גאַנץ שווער ביז איך האָב אויסגעפיהרט ביי איהם, צו נעהמען בלויז איין לעסאָן אַ וואָך. ער האָט גע־

וואָלט ניט ווייניגער פון דריי; דערנאָך האָט ער קוים אָבגעלאָזט אויף צוויי און מיט שברת־הלב האָט ער זיך ענדליך אונטערגעגע־בען אויף איינעם.

נאָר אין גאַנצען אומזיסט איז זיין טרחה פונדעסטוועגען ניט. אַ חוץ דעם גרויסען נחת וואָס ער האָט, זעהענדיג ווי איך טהו אַ „פּעולה", האָט ער נאָך אַרויסגעקראָגען פון מיר אַ פערשפּרעכען, אַז איך וועל זעהן קריגען פאַר איהם לכל־הפחות צוויי נייע תלמידים אויף העברעאיש און דקדוק.

קיין עין הרע!

.1

דער קינדערגארטען.

אין א אידישער עוועניו אין די בראנקס געפינט זיך א גרויסע אבגעלאזענע טענעמענט־הויז, וואס איז בעקאנט אין דער נאכ־בארשאפט מיט דעם נאמען דער „קינדערגארטען“.

די גאנצע „סייד־וואק“, דער „סטופ“ און די „האללס“ פון דיע־זער הויז שווימעלט און גריבעלט מיט קינדער און בייבי־קערעדזשעס פון אלע סארטען: אויף פיער רעדלאך, אויף צוויי רעדלאך, צונויפגעשטעלטע, צונויפגעלעגטע, „גא־קארטס“, און עס ווארפען זיך אויך דורך א פאר „דאבעל־קערידזשעס“ פאר צווילינגס, לע־דיגע, אדער מיט בייבים. מען קען קיינמאל נים אריינגעהן און ארויסגעהן אין און פון דער דאזיגער הויז אהן שטופעניש און קוועטשעניס, — פערשטעלט אלע וועגען און אלע שטעגען.

אין דער פריה עפענען זיך די טיהרען אויף אלע פלארס און עס הויבען זיך אן די אויסוואנדערונגען. קערידזשעס ווערען גע־טראגען פון טאטע־מאמע, איינער פאר'ן קאפ, איינער פאר'ן עק; מאמעס טראגען די בייבי אויף איין האנד און דעם צונויפגעלעג־טען קערידזש אין דער אנדער האנד. גרעסערע קינדער העלפען אונטער. אויף די טרעפ טרעפט מען זיך צוזאמען און עס ווערט א פלאנטער; מען בלייבט שטעהן. דערווייל קומען אונטער נאך און נאך און מען קען זיך נים ריהרען.

דעם גאנצען טאג קאכט אויפ'ן סטופ און אויפ'ן סיידוואק. נאך סאפער געפינען זיך די טאטעס אויך אין דרויסען לעבען

די בייבי־קערידזשעס. דער „סטופ“ איז ניט גענוג פאר אלע־מען, טראגט מען ארויס טשערס, אדער מען שפאצירט ארום אויפ׳ן שטיקעל סיידוואק.

פאר׳ן שלאפען געהן הויבט זיך אן דער מארטש ארויף און אלע ווילען פערכאפען דעם וועג און זיין די ערשטע; און עס האט זיך פון זיך אליין אויסגעארבייט א געזעץ: צוערשט געהען די טאפ־פלאריגע, דערנאך די, וואס וואוינען מיט א פלאר נידע־ריגער, און אזוי ארונטער און ארונטער. פאסירט עס אמאל אז עס הויבט פלוצלונג אן געהן א רעגען, געפינען זיך אזעלכע, וואס ווילען ניט פאלגען דעם געזעץ און נעהמען זיך שפאצירען ארויף; געפינען זיך שוין אבער אויך אזעלכע, וואס זעהען, אז דער געזעץ מוז אויסגעפיהרט ווערען אונטער אלע אומשטענדען. אז עס מופט אריין א פרישע „טענערקע“, וואס ווייס נאך ניט פון דעם דאזיגען געזעץ און וויל זיין צו קלוג און פערכאפען אלעמען דעם וועג, ווערט א געלעכטער פון דער „גרינער“, און מען ערקלעהרט איהר דעם געזעץ. איז געוועהנליך אזוי: וואוינט די פרישע „טענערקע“ אויף די אויבערשטע פלארס, געפעהלט איהר דער גע־זעץ: א גאנץ גוטער איינפאל, ער דארף טאקע אזוי זיין; וואוינט זי אויף די אונטערשטע פלארס, ווערט זי ברוגז: גאר א נייעס! ווער קען איה דאס זאגען דעות!... אזוי אבער איז שוין דאס און אזוי מוז שוין דאס זיין; קיין „ווארפען זיך“ העלפט ניט.

און עס ציהט זיך א שנור טאטעס, מאמעס, קינדערלעך, קע־רידזשעס, קערידזשעס, טשערס. קומט אימיצער אן און וויל ארויפגעהן, מוז ער זיך שטעלען אין „ליין“ און ווארטען ביז דער לעצטער קערידזש און דער לעצטער טשער איז שוין אינעווייניג.

2.

די היסטאריע פונ׳ם „קינדערגארטען“

ווען די דאזיגע טענעמענט האט זיך אויפגעבויט, מיט קנאפע דריי יאהר צוריק, האט דאס געוואלט זיין א „האי־קלעס־אפארט־

מענט־הויז״. ערשטענס, א טייטשעשער הויזקיפער; די האַל־טיהר איז טאָג און נאכט געווען צוגעשלאָסען, און אויף די טרעפ איז געלעגען קאַרפעט. מען האָט אָנגעזאָגט דעם הויזקיפער, ער זאָל ניט לאָזען זיצען אויפ׳ן „סטופּ״ אדער שטעהן אויפ׳ן סיידוואָק. און אַן אייזערנע רול איז איינגעפיהרט געוואָרען ניט אריינצולאָזען אין הויז מיט קינדער; קינדער פיהרען איבער אַ הויז און עס איז א שטענדיגער טומעל. און די הויז האָט זיך אָנגעפילט מיט „קאַפּעלס״, ס׳הייסט, ערשט פערהייראַטע פּאָרלעך; צווישען די צוואַנציג יונגע קאַפּעלס זיינען אויך געווען צוויי עלטערע פּאָרלעך אָהן קינדער, בעזדיעטניקעס.

און אין הויז און אַרום הויז איז געווען שטיל, ריין און ציכ־טיג; און דער טייטשעשער הויזקיפּער האָט ניט געהאַט אויף וועמען צו שרייען און שימפּפען און וועמען צו „רעפּאָרטען״ צום לענדלאָרד.

אין עטליכע חדשים אַרום האָט אויף אַלע שטילע פלאָרס גע־נומען ווערען לעבעדיג. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָבען זיך געהערט קרעכצען און געשרייען פון וועהטאָג און אויף די טרע־פּען זיינען געגאַנגען אַרויף און אראָפּ מענשען מיט בערדלעך און „סעטשעלס״ אין די הענד. און עס האָבען זיך דערהערט שטילינקע, דינינקע געוויינען; און עס האָבען גענומען קומען מחנות „וואָרטס־פּרויען״; און עס זיינען געקומען געוואַהר ווערען מאַמעס, טאַ־טעס, באָבעס, זיידעס, שוועסטער, ברידער, פעטערס, מוהמעס, קאַזינס, קאַזינעס, פריינד, פריינדינען, פריינטלעך, אַלטע בעקאַנטע, חבר׳טעס, און מוהלים האָבען זיך געשאַטען בעטען די דזשאָבס. דאָס איז געווען פאַר פּסח און אַלע טרעפּ און אַלע האָלס זיינען פער־פלייצט געוואָרען מיט שנעע און בלאָטע. דער טייטשעשער הויז־קיפער און זיין ווייב זיינען געוואָרען צושראָקען און צוטומעלט; זיי האָבען געשימפּפט און געראַמט, געראַמט און געשימפּפט, און „רעפּאָרטעט״ צום לענדלאָרד. יענער איז געקומען צולויפען, גע־מאַכט אַ שטיקעל אונטערזוכונג און איז אַנטלאָפען געוואָרען ריי־דענדיג צו זיך און „מאַכענדיג״ צו זיך מיט די הענד. דערנאָך

האבען זיך אנגעהויבען די ברית'ן, די מזל־טוב'ן די „פּאדדיס“, און גלאט זונטאג, ווען מען געהט צו־גאסט. די הויז האט געקאכט, די טיהרען האבען זיך ניט צוגעמאכט, די בלאטע מיט די שנעע האט מען ניט געקענט דערראמען; דער גלאק פון האלל־טיהר האט פערלארען די כחות „טיקענדיג“ און האט אויפגעהערט אר־ביטען; די קארפּעט אויף די טרעפּ האט שוין פערלארען דעם פּנים פון א קארפּעט, און פון די טייטשען איז שוין געבליבען א העלפט פון הארעוואניע און פון שימפּען.

די צוויי פּאר בעזדיעטניקעס האבען זיך דערפיהלט שטארק אומעטיג אין דיעזען הויז און זיי האבען ארויסגעמופט. באלד הא־בען אין זייער הויז אריינגעמופט צוויי „קאפּעלס“, ביידע וויבלער, קיין עין־הרע, „קיילעכדיג“.

און אז דער פריהלינג און דער זומער איז אנגעקומען, און אלע יונגע מאמעס מיט די בייבי־קערידזשעס האבען בעלאגערט דעם אריינגאנג אין הויז מיט די גאנצע שטיק סיידוואק דערביי, האבען די מענשען פון בלאק א נאמען געגעבען די טענעמענט „דער קינדער־גארטען“.

האט זיך געמאכט, אז איינע פון די וויבלער האט ארויסגע־מופט און אימיצער האט געוואלט אנקוקען די רומס, האט מען זיך דערשראקען פאר דעם פולק בייבי־קערידזשעס, און מען האט די רומס ניט גענומען. די טייטשען האבען זיך אנגעשטרענגט אויסצופיהרען די רול און ניט געלאזט זיצען אויפ'ן סטופּ, האט מען זיך פון זיי אויסגעלאכט. דער לענדלארד האט איינגעזעהן, אז ער האט פערלארען, און ער האט אפּגעשאפט די שטרענגע רולס וועגען זיצען אויפ'ן סטופּ און וועגען „טענענטס“ מיט קינדער. עס האבען זיך אבער ניט געפונען קיין בעלנים צו מופען אין „קינ־דערגארטען“ און דארט האבען געמופט נור אזעלכע פאמיליען, וועלכע מען האט אין אנדערע הייזער ניט אריינגעלאזען צוליעב די סך קינדער זייערע.

די „קאפּעלס“ האבען שוין, קיין עין־הרע, צו צוויי קינדערלעך,

און אנדערע „געהען“ שוין אויפ׳ן דריטען. דער טייטשעשער הויז־קיפּער איז שוין לאנג ניטאָ. דעם קארפּעט האָט מען שוין לאנג צוטראָגען פּאָדים־ווייז; די האָלל־טיהר איז אָפען די גאנצע נאכט און זי לאָזט זיך ניט צומאַכען, אז מען שוין דאָס אפילו וועלען; אויפ׳ן „סטופּ“ מעג מען אפילו נעכטיגען; מען מעג שרייען, טומ־לען, ליאַרמען און דער עולם לעבט זיך דאַרטען פריי און מען טהוט, וואָס מען וויל.

טענעמענט

אין צוויי בעזונדערע דירות אינ'ם גרויסען טענעמענט־הויז אויפ'ן אונטערשטען און אויפ'ן אויבערשטען פלאָר, זיינען די מענשען געווען אונרוהיג.

דאָס לעבען האָט זיך דאָרט געראַנגעלט.

אין דער אונטערשטער דירה האָבען די מענשען געוואוסט, אַז עס איז אַ פראַגע פון אַ גאַנץ קורצער ווײַלע, פון מינוטען בלויז, באַלד־באַלד, און זייער נאָהענטער און טהייערער וועט זיין ניט מעהר, ווי אַ קאַלטע שטיק, וואָס וועט גיך אוועקגענומען ווערען פון זיי.

און די מענשען אין הויז האָבען אָנגעשמעקט דעם טויט. מען האָט געזעהן דעם א י י ג ע נ ע ם סוף. ביי יעדען איינעם האָט דאָס הארץ געפלאַטערט אונטער די אייזיגע פינגער פון דעם אייבינגען פערניכטער. מען האָט גערעדט מיט אַ שוואַכען קול, מיט אַ אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ; מען איז געגאַנגען מיט שטילע טריט, אויס רעספּעקט און מורא... אַזוי ווי די מענשען וואָלטען געוואָלט, אַז דער טויט זאָל ניט וויסען, אַז זיי געפינען זיך דאָ...

און דאָך האָט נאָך געטליעט אַ פונק ביי יעדען איינעם... אפשר... טאָמער... אַלעס האָט פּאַסירט, אַלעס קען פּאַסירען... מען האָט זיך דערמאָנט אַז געשיכטעס, וואָס מען האָט אַמאָל געהערט, ווי מענשען האָבען זיך ארויסגעדרעהט פון דער גסיסה און האָבען דערנאָך לאַנג געלעבט... געשיכטעס אונגלויבליכע, נאָר איצט האָט יעדער געוואָלט גלויבען אין זיי... און געגלויבט... און איין דאָקטאָר איז דאָרט געווען, וואָס האָט געוואָלט האָבען, אַז דער סוף איז דאָך ניט אַזוי נאָהענט... און אַלעמען האָט זיך נור אַט דעם דאָקטאָר געוואָלט גלויבען... און אַ גוטער מלאך איז דיעזער דאָקטאָר פאַר אַלעמען איצט געווען...

און דער טויט האט זיך געפיהלט אין דער לופט.

* * *

אין דער דירה אויפ׳ן העכסטען פלאר האט זיך אויך דאס לעבען געראנגעלט.

א ציטעריגע בת־יחידה האט געוואלט צום ערשטען מאל ברענגען נייעס לעבען אויף דער וועלט.

און אויך דא זיינען די מענשען מיט שטילע טריט געגאנגען, אנגעפילט מיט שרעק; אויך דא האט דאס הארץ אין די מענשען געציטערט... מען האט דא ערווארטעט ל ע ב ע ן.

און אויך דא זיינען די מענשען מיט שטילע טריט געגאנגען, און מען האט גערעדט מיט א שוואכען קול... מען האט אבער געהאלטען הויך דעם קאפ — די מענשען האבען אנגעשמעקט ל ע ב ע ן.

און מען האט געהאפט און גאט געבעטען, עס זאל זיך ניט לאנג פערציהען... עס זאל פאסירען וואס גיכער... און מען האט זיך געשראקען...

די הויז איז געוועזן אנגעפילט מיט לעבען.

* * *

און אין דער רגע, ווען די מענשען אין דער דירה אונטען האבען פריי ארויסגעלאזען דעם יאמער און קלאג, וואס זיי האבען געהאלטען פערקוועטשט אין זיך... און בעוויינט דעם אויסגעלאשענעם לעבען פון זייער ליעבען און טהייערען — אין דער זעלבער רגע האבען די מענשען דארט, אין דער הויך, איינגעהאלטען טיעף דעם אטהעם אין זיך — ניט צו בעאונרוהיגען, ניט צו בעלעסטיגען דאס ניי אנגעצונדענע לעבען און די בעשעפערין דערפון.

און די פיעלע צעהנדליגע מענשען פון די איבעריגע דירות אין׳ם טענעמענט האבען קיין שום בעגריף ניט געהאט, וואס אין יענע צוויי דירות קומט פאר...

מיין פריינד

אה, מיין פריינד, נור דו ביזט מיין איינציגער פריינד אין מיינע ליידען. ווען מיר איז שלעכט, מיר איז אומעטיג אויפ'ן הארצען, און איך קען ניט און האב ניט פאר וועמען ארויסצורייר דען, וואס מיר דריקט, ביזטו מיט מיר און דו זעהסט אלצדינג צו. דו ביזט שטענדיג דער איינציגער, אין ווען איך געפין א שטי־ קעלע טרייסט אין מיינע אומעטיגע שטונדען. און וואס שווערער עס איז מיין קומער, אלץ מעהר ביזטו נעבען מיר, און מיר דוכט זיך, אז מיר ווערט גרינגער אויף א ווײַלע.

און מאכט זיך אמאל, אז איך קען דיך אזוי גיך ניט קריגען, וואלט איך, דאכט זיך, אלעס אוועקגעגעבען, איך וואלט געהן מיי־ לען וויט, אום דיך צו נעהמען מיט מיר.

יא, איך מוז מודה זיין, דאס דו ביזט דער איינציגער, וואס איז אזוי נאהענט צו מיר. און וואס דו זעהסט, ווייסטו נאר אליין; קיינער אויף דער וועלט קען פון דיר גארניט אויסגעפינען. דו ווייסט פון פיעלע זאכען, וועלכע איך האב קיינעם ווען דערצעהלט; דו ביזט געוועזען מיט מיר יענעם טהייערען פריהלינג־אבענד, ווען זי האט מיר געגעבען אויף אייביג איהר האנד און הארץ. איך האב דיר געהאט מיט זיך אין יענער מינוט, ווען זי האט מיר צור ריקגעגעבען די בריעף מיט'ן רינג און מיר האבען זיך אויף איי־ ביג געזעגענט. דו ביזט מיט מיר אין פריידע און אין ליידען.

און ווי בעהאנדעל איך דיר? ווי בעגעה איך זיך מיט דיר? איך טהו מיט דיר, וואס די גאנצע וועלט טהוט יעצט מיט פריינד: אזוי לאנג, ווי איך קען נאך צ י ה ע ן עפעס פון דיר, אזוי לאנג ווי איך קען דיר נאך ז ו י ג ע ן, ביזטו מיין פריינד, וויל איך דיך האבען מיט זיך. און קוים שפיר איך, אז דו טויגסט ניט פאר

מיר, ווארף איך דיך אוועק, שפיי איך אויף דיר און טרעט דיר נאך צו מיט'ן פוס.

יא, אזוי בעגעהט זיך היינט די וועלט מיט פריינד, און איך בין א קינד פון דער יעצטיגער וועלט און איך קען בעסער ניט זיין. מענשען זיינען היינט מיט שטיינערנע הערצער: מען קוועלט קוקענדיג ווי איינער מאטערט זיך. און דאס זעלבע בין איך. ווען איך זעה, ווי דו מאטערסט זיך; ווען איך זעה, ווי דו געהסט אוים פון מינוט, עס בלייבט פון דיר אלץ וועניגער און וועניגער, דאן האב איך פערגניגען; און פיהלענדיג ווי פון דיר ווערט גאר־ נישט, דוכט זיך מיר, אז מיר ווערט בעסער. און אזוי איז יעצט די וועלט: איינער האט נחת פון דעם צווייטענס צרות; איינער זוכט אנצוטהאן דעם צווייטען יסורים. און דיינע אלע ליידען פער־ שאף איך דיר אליין. מענשען זיינען יעצט פארטגעשריטען, קלוג: מען פערצעהרט יענעם און מען וויל איהם נאך איינריידען, אז דאס הייסט פריינדשאפט. און די אלע צרות, וואס איך פערשאף דיר, איז אויך פון ליעבשאפט וועגען.

און נאך אלעמען האב איך די פרעכהייט דיך אנצורופען „פריינד", און איך שעהם זיך ניט צו זאגען, אז מיר איז שווער אויסצוקומען אהן דיר. יא, אזוי איז עס.

וואלט איך זיך קיינמאל ניט בעקענט מיט דיר, וואלט איך געוויס געקענט אויסקומען אהן דיר, און דאס וואלט נאך פאר מיר געוועזען געזינטער. אבער יעצט, נאך אזא לאנגער בעקאנטשאפט, מוז איך דיר שוין האבען אויף אלע מאל. איך האב זיך א פאר מאל געפרובט אוועקרייסען פון דיר, ניט צולאזען דיר צו מיר אויף א קורצע צייט, האט זיך מיר דאס ניט איינגעגעבען, און איך האב זיך צוריק געכאפט צו דר. געהענדיג אין סטריט ביזטו מיט מיר. איך מוז דיך האבען פאר'ן שלאפען געהן און ביים אויפשטעהן. צום עסען אבער דארף איך דיך ניט; איך רוף דיך קיינמאל ניט מיט־עסען אפילו פון יוצא־וועגען. אבער באלד נאכ'ן עסען מוז איך דיך האבען.

און יעצט, שרייבענדיג וועגען דיר, האלט איך דיך גאנץ נאר־

הענט צו מיר און האָב הנאה פון דיר, און דו האָסט פון מיר ג ע ־ ב ר ע נ ט ע צ ר ו ת, איך מאַך פון דיר אַ ש. איך זעה ווי דו געהסט אויס פון מינוט, און באַלד וועל איך דיך אָוועקוואַרפען און צושטיקען. יאָ, אַזוי וועל איך טהאָן מיט דיר, מיין ליעבלינג, מיין אַלטער פריינד, מיין ס י ג אַ ר ע ט.